STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00351

A VORT FAR A VORT

Sem Liptsin

•

Permanent preservation of this book was made possible by
The Ilene & Philip Garoon Family

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט

סעם ליפּצין

(אָנקל סעם)

אַ וואָרט פֿאַר אַ וואָרט

אַפֿאָריזמען, עפּיגראַמען, לידער
און הומאָריסטיש־סאַטירישע פּערזן

•

אַרויסגעגעבן פֿון
אידישן שרייבער־פֿאַראיין ביים איקוף

פֿאַרלאַג „אמכאַ"
ניו יאָרק, 1955

•

איבערדרוקן, איבערזעצן, אָדער נוצן דעם מאַטעריאַל פֿונ'ם בוך אויף דער בינע, ראַדיאָ און טעלעוויזיע איז פֿאַרווערט אָן אַ דערלויבעניש פֿון מחבר.

SAM LIPTZIN
2815 Barker Avenue, Bronx 67, N. Y.

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט

A WORT FAR A WORT

(FROM ONE WORD TO ANOTHER)

Copyright, 1955, by
SAM LIPTZIN
New York, N. Y.

Printed in the U.S.A.

ביכער דערשינען פון סעם ליפּצין (פּעטער שעפּסל)

אויף לייטיש געלעכטער
צע־לאַכ־עס די טרערן
מיט געזאַנג אין קאַמף
לעבעדיג און לוסטיג
געקעמפט און געלאַכט
פאַר רויטע אָונטן
רויטע פעפערלעך
אַ גוט־יאָנטעוו
גוט מאָרגן
שפּיל — צום ציל
קריג און זיג
קאַמפסלוסטיג
לאָמיר זינגען
אַ פריילעכס
ניט געדאַיגעט
קוועקזילבער׳ס פענשטיפערייען
איך לאַך פון דער וועלט
הערט אַ מעשה
אַמאָל איז געווען . . .
פאַר פרייד און פרידן
פראָוואָקאַטאָרן (פאַמפלעט)
„אין ספּאַיט אָוו טיערס“ (ענגליש)

גרייט צום דרוק:

1) „נעכטיגע טעג“ (מעשהלעך, פאַר קליין און גרויס)
2) „אויף וואַקאַציע“ (דערציילונגען פון „די בערג“)
3) „קינדעריש געלעכטער“ (לידער, קינדער־מעשה׳לעך און שפּאַסן)
4) „פון שטאָט צו שטאָט“ (רייזע־עפּיזאָדן)..

●

פּראָמפּט פּרעס, 113 — 4טע עוועניו, ניו־יאָרק 3, נ. י.
209

אינהאַלט

אַ יובילײ־וואָרט פון מחבר 7
ווי זאָגט דער פעטער 13
מיינע ירושות 15
פען און פענדזל 16
ווען דאָס בילד רעדט 18
דער גאָלדענער טאָוול 28
זיי אויף דער וואַך 30
מיינע פאַרמעגנס 31
ס'וועט קומען פרילינג 32
רעדנער 33
פון 23 — פינף מיליאָן 36
רייך און אָרעם 37
משה דער קעמפער 37
אין שאָפ ווי אין מדבר 38
צאַליע די שטומע ליאַליע 40
מאַי — מיינט זיין פריי! 43
די שאַנד — פון לאַנד 44
די שטאַט־טאַטעס 46
זאָל לעבן דער ערשטער מאַי! .. 49
אין אַ וועלט — וואו עס פעלט ... 50
אַ קלאָג פון אַ רענדלאַרד 54
איך האָב ליב אַמעריקע 55
מיר לעבן אַ טאָג 56
קלוג און נאַריש 59
האַרבסטיגע ווינטן 64
אַ טראָפן טינט 65
פליט אַוועק — פון שרעק 66
בערג, שטיינער און זאַמד 67
מענטש איבער אַלעס 67
דער אידישער פאַרמער 68
אַ קל־וחומר פון צוויי בוימער ... 69
יעדערער טוט זיינס 70
זעט נאַר, קינדער! 73
בלומען וועלן קומען 74
ליגנער, באַרימער 76
אויף לעבן און טויט 79
פייער און וואַסער 83
ברויט און בלומען 84
יזכור — דערמאָנט 87
שלום על ישראל 87
קריג און פרידן 88
חורבן וואַרשע 89
צוויי טאַטעס 90
דער מאַמעס האַרץ 91
אַ רעקלאַמע, דער מאַמע 91
בלאַטיגע געדאַנקען 92
יום־טוב'דיגע ווערטלעך 93
ער מיינט ניט די הגדה 94
צו די חנוכה־טעג 97
סכך מיט נאָדלען 99
קרעפלעך זאָלט איר עסן 102
טעאַטער און געזאַנג 103
וועק אַלע אויף 104
זינג פאַר שלום 105
עס זינגט אַ לאַנד 109
פאַרן שפיגל 110
פיש־כאַפער 111
יונג און אַלט 112
זעכציג, אָבער ניט קרעכציג 114
שפילערייען 116
טאָג און נאַכט 117
ליבע 119
פרומקייט 121
וועגן אידן 124
גערעכטיגקייט 126
שניי פליטערלעך 128
קאַרגע מענטשן 130
אָרום און אָרום 131
פאַרשפּילט אַ וואַקאַציע 173
אַ דאַנק 176

אַ יובילײ־וואָרט פון מחבר



סעם ליפּצין

ווי איר ווייסט פון דערפאַרונג, קאָנען יאָרן זיין רעלאַטיוו: אַמאָל איז אַ טאָג אַ יאָר, און אַמאָל — גייען די יאָרן ווי טעג . . .

נאָר האָבנדיק אַריבערגעשפּאַנט דעם ערשטן זעכציגער פון לעבן און פערציג יאָר פון מיין שאַפן, ווילט זיך טיילן אַ וואָרט מיט מיינע לייענער און פריינט.

לויט די שוועריגקייטן אין לעבן היינט־צו־טאָג זיינען די זעכציג יאָר, ווי די פערציג, ניט קיין יובילײ, נאָר אַ וואונדער . . . די שונאים פון אַ בעסערער וועלט פּרואוון מיט אַלע כוחות צו פאַרקירצן די יאָרן, פאַרפינצטערן די טעג און צעשטערן דאָס לעבן.

צום גליק, אָבער, קעמפן די געזונטע פאָלקס־כוחות פאַר שלום און גערעכטיגקייט אויף דער וועלט, און דאָס גיט מיר מוט און באַגייסטערונג צו פילן זיך יונג און האָבן אַן אָנהאַלט אין לעבן, צו בויען אַ געזונטע צוקונפט פאַרן מאָרגן פון אונדזערע קינדער.

יאָ, דאָס איז דער „פּראָשעק", וואָס מאַכט מיר צו פילן יונג. — עס איז אונזער באַוועגונג, אונזער אַטמאָספער, אונזער אידעאַל, אונזער גלויבן, אַז די זון, ווען זי איז אפילו פאַרשטעלט אַמאָל פון וואָלקנס, מוז זי סוף־כל־סוף אַרויסשיינען.

אָפט פרעגן מיך נאַאיווע מענטשן: וואָס האָסטו אָפּגעשפּאָרט? מיט וואָס ביסטו באַזאָרגט אויף „אַ רעגנדיגן טאָג"?

מיין ענטפער איז: איך בין רייכער פון די סאַמע רייכסטע; זיי פאַרמאָגן מיליאָנען, און איך — אַ גאַנצע וועלט.

מיין באַשיצונג פאַר אַ „רעגנדיגן טאָג" איז דער גלויבן אין דעם כוח פון אַ שיינענדיגער זון, וואָס ברענגט ליכט און וואַרעמקייט צו דער גאַנצער וועלט.

איך האָב געקראָגן אַ גרויסע און רייכע ירושה, אַ בכבודיגן „קאַפּיטאַל", ניט ווי די רייכע זינדלעך, די „פּוסט־און־פּאַסטניקעס".

מיין ירושה קומט פון די אמת־שיינע טאַטעס — פון אונזערע קלאַסי־קער: מענדעלע, שלום־עליכם, פּרץ; פון אונזערע לערער, פירער און פּאָלקס־דיכטער: ווינטשעווסקי, אָלגין, ראָזענפעלד, עדעלשטאַט, באָוושאָווער און אַ גאַנצע ריי פון די אינגערע שאַפער און בויער. אַט־דעם פאַרמעגן פּרואווט קיינער ניט פאַרכאַפּן פאַר זיך, נאָר ביים לעבן ווערט ער געטיילט פון די, וועלכע ווילן זען אַ שיינעם און רייכן מאָרגן.

חוץ אַט־די ירושות מיינע, האָב איך אויך אַ זייטיג „קניפּל" אין מיין פאַרמעגן: מיין געטרייע פרוי, אַ פריינט פון דער פּראָגרעסיווער אידישער קולטור, וואָס טיילט זיך מיט מיר אין פרייד און לייד. אַזוי מיין טאָכטער און איידעם — קולטור־טוער, וואָס זיינען טעטיג מיט ליבשאַפט אין די אידישע שולן און כאָרן. און ווער קאָן אָפּשאַצן אַזאַ פאַרמעגן, ווי צוויי ליבע אייניקלעך, וועלכע לערנען זיך בכלל גוט, און האָבן שטאַרק ליב צו לערנען זיך אין די אידישע וועלטלעכע שולן? און איך בין זיך מודה, אַז ווען איך קריג פון זיי אַ קלוג בריוועלע אין מאַמע־לשון, האָט עס פאַר מיר מער ווערט, ווי אַלע „סטאָקס" פון וואָל־סטריט.

איך הער אָפט טענות פון שרייבער־קאָלעגן מיט חבר׳שער אָדער טאַטע־שער קריטיק. זיי פרעגן ביי מיר: פאַרוואָס פאַרנעם איך זיך ניט אויף ברייטערע וועגן? פאַרוואָס פאַרצי איך ניט קיין גרעסערע קאַנווע פאַר מיין אַרבעט?

זאָג איך: אין תוך־גענומען זיינען זיי גערעכט, אָבער — איך ווייס מיינע שוועריגקייטן. ווייל — עס איז שוין ניט אין מיין נאַטור צו פאַררוקן זיך מיט מיין אַקטיוויטעט בלויז אַלס שרייבער אין אַ ווינקל, און ווערן אָפּגעריסן פון שאַפ און אַרבעט־מאַרקעט, ווי פון אַלגעמיינעם געזעלשאַפט־לעכן, קולטורעלן און פראַטערנאַלן לעבן.

איך מוז געפינען צייט אין מיינע שעה׳ן זיך אויך צו טיילן מיט מיינע שוועסטער און ברידער אין זייערע קאַמפן. דערצו — טאַקע די שטענדיגע פּראָבלעם: דאגות פּרנסה . . .

במילא, פעלט שוין אויס צייט און כוח צו האָבן גענוג אויף צו לערנען און שאַפן. דאָס מיינט אָבער ניט, אַז די טענה און די קריטיק פון מיינע קאָלעגן זיינען אומגערעכטע.

מיט מיר קומט אָפט אויס, ווי מיט יענעם צייטונגס־פאַרקויפער: ווען מ׳האָט אים געפרעגט: וואָס הערט זיך עפּעס נייעס? האָט ער געענטפערט: איך בין אַזוי פאַרנומען מיט פאַרשפּרייטן די נייעס, אַז איך אַליין האָב קיין

צייט ניט דאָס צו לייענען . . . אַזוי האָב איך געמוזט שלום־מאַכן מיטן גע־דאַנק וועגן מיין אופן פון אַרבעט. איך זאָג, ווי יענער קליין־הענדלער („פעדלער“), צו וועמען די לאַנדסלייט האָבן געהאַט טענות: „ווי לאַנג נאָך וועסטו האַנדלען מיט שפּילקעס און נאָדלען? זע, ווי אַנדערע האָבן זיך שוין אַרויפגעאַרבעט אויף גרויסע קראָמען“.

ענטפערט ער: „טאַקע אמת, אָבער אַזוי לאַנג ווי עס זיינען נאָך פאַראַן מענטשן, וואָס דאַרפן אַ נאָדל, אַ שפּילקע, בין איך צופרידן, אַז איך קאָן זיי דאָס צושטעלן“...

נו, ווען איך גיב אַ טראַכט, ווי אַזוי איך האָב באַוויזן מיט מיינע אייגענע אָרעמע מיטלען זיך דורכצושלאָגן אַ וועג און איך קען צושטעלן „נאָדלען און שפּילקעס“, און אָפּט גיבן זיי נאָך אַ שטאָך מיין שונא אין דער זיבעטער ריפּ אַריין, בין איך טייל־ווייז צופרידן...

ווען איך מאַך אָבער אַמאָל אַ חשבון־הנפש פון אַלץ מיט אַנאַנדער, סיי פון שאַפן, סיי פון מיין אַקטיוון לעבן אין דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג, פיל איך זיך גליקלעך הויפּטזעכלעך מיט דעם, וואָס איך האָב אויסגעקליבן די זייט, וואו עס קלאַפּט דאָס האַרץ... איך פיל זיכער דעם באָדן אונטער זיך, ווען איך האָב דעם קאַמפּאַס פון דעם גרויס־געלערנטן משה אָלגין פריער, און איצט פון אונזער וועג־ווייזערישן לערער פ. נאָוויק. מיט אַזעלכע וועג־ווייזער ביים רודער פילט מען זיך זיכער, אַז אונזער אייז־ברעכער וועט זיך דורכשלאָגן דעם וועג צום ברעג פון שטענדיגער זון־שיין, שלום, ברויט און פרייהייט.

די שונאים אויף דער אידישער גאַס: די „פען־הענדלער“, די פאַר־שוועכער און שענדער פונ׳ם אידישן וואָרט, די וועלכע האַנדלען מיט אידישע אותיות און שלינגען די פאַרע פונ׳ם פעטן טאָפּ, — לאַכן אָפּט פון אונז. זיי רופן אונז „פאַנאַטיקער“. אָבער אַלעמאָל אין אַלע צייטן האָט מען די אידעאַליסטן באַטיטלט מיטן נאָמען „פאַנאַטיקער“. נאָר — די „פאַנאַטיקער“ אין אַלע עקן פון דער וועלט האָבן אונז געבראַכט ריזיגע דערגרייכונגען, דערפינדונגען, ניצלעכע מאַשינען, עלעקטריק, ראַדיאָ, טעלעוויזיע, פאָר־שריט אין מעדיצין, אַטאָם־ענערגיע פאַר פרידלעכע צוועקן. אויב איצט ווערן נאָך די אַלע דערגרייכונגען ניט אויסגענוצט פאַרן ריכטיגן צוועק, קומען טאַקע אַנדערע „פאַנאַטיקער“ און ווייזן דעם ריכטיגן וועג, דעם ריכ־טיגן צוועק, ווי אַזוי די אַלע זאַכן זאָלן ברענגען גליק און פרייד פאַר דער מענטשהייט.

מיין מאַמע האָט מיך געלערנט, ווען איך בין נאָך קליין געווען: אַז משיח וועט קומען, — פלעגט זי זאָגן, — וועלן די אידן גיין אויף אַ פאַ־

פירענער בריק און זיי וועלן אַריבער בשלום, און די אַנטיסעמיטן וועלן גיין אויף אַן אייזערנער בריק, און דאָך וועלן זיי אַריינפאַלן אין וואַסער און דער־טרונקען ווערן. נאַר, זונעלע, ביז וואָס־ווען, — פלעגט זי אַ שמייכל טאָן, — גיב אַכטונג, גיי אַלע מאָל אויף אַן אייזערנער בריק...

בין איך צופרידן, וואָס איך ,איינער פון די „פּאַנאַטיקער״, בין דאָך פּראַקטישער פון די שרייבער די „בלעזל־בלאָזער״, און גיי אויף דער אייזערנער בריק — די בריק, וואָס פאַרבינדט לאַנד מיט לאַנד און פירט צו שלום און יושר פאַר אַלע פעלקער.

איך האָב אויסגעקליבן מיין וועג צו שרייבן אויף אַזאַ אופן, וואָס זאָל קאָנען דינען מיין ברודער דעם שניידער, דעם שוסטער, דעם סטאָליאַר. עס זאָל דינען מיין שוועסטער אין איר קאַמף פאַר גלייכע רעכט, מיינע קינדער — פאַר אַ בעסערן מאָרגן.

איך באַטראַכט מיין שרייבן, ווי די אַרבעט פון אַן אָרגאַניזאַטאָר, אַ רעדנער, ווי די אַרבעט פון דעם, וואָס פאַרטיילט בלעטלעך (ליפלעטס), ווי די אַרבעט פון דער קראַנקן־שוועסטער, וואָס גיט דעם קראַנקען צוזאַמען מיט דער מעדיצין אויך אַביסל מאַראַנצן־זאַפט. איך פּרוביר אַריינטאָן אין מיין שרייבן ,הומאָר־וויטאַמינען״, אויפצומונטערן דעם אַרבעטער פון זיין מיד־קייט. איך פּרוביר באַלייכטן דאָס פאַרפינצטערטע לעבן פון׳ם פאַרשקלאַפטן און פאַרשלאַפטן מענטשן.

איך ווייס ניט, צי אַלע מאָל געלינגט מיר אין מיין שאַפן, אָבער איך פּרואוו דאָס מיט דער בעסטער כוונה, וואָס זאָל דינען מיין צוועק.

אויב מיין „אַמכאַ״־שרייבן וועט ניט בלייבן אין דער אייביגקייט, אויב מיינע ביכער וועלן ניט גלאַנצן מיט זייערע גאָלדענע רוקנס אין די שראַנקען, בין איך אָבער זיכער אין איין זאַך, אַז ווען די שעגדער פון דער אידישער לי־טעראַטור וועלן זיין צו־שפּאָט און פון זייערע „שאַפונגען״ קיין זכר, וועט אָבער לעבן מיין פאָלק און מיין קלאַס, פאַר וועמען איך שאַף היינט־צו־טאָג. און די הויפּט־זאַך — עס וועט לעבן מיין אידעאַל. יאָ, יאָ, און מיינע אייניקלעך און אוראייניקלעך וועלן זיך גרויסן און זאָגן: מיין זיידע און עלטער־זיידע האָט באַלאַנגט צו די „פּאַנאַטיקער״ פון אַמאָל, וואָס האָבן געהאָלפן בויען און ברענגען אַ לייטישע וועלט.

קומט מיר אַ דאַנק פאַר מיין אַרבעט? ניין! פּונקט ווי עס קומט מיר ניט קיין דאַנק דערפאַר, וואָס איך אָטעם. און וואָס פאַר אַ פאַרגלייך איז מיין אַרבעט צו דער אַרבעט פון די מאַרטירער, וועלכע האָבן אין פאַר־שידענע צייטן געשמאַכט אין די תפיסות, ווי עס שמאַכטן איצט די בעסטע פריינט פון פאָלק דאָ אין די אַמעריקאַנער טורמעס?

ווילן זיי אַ דאַנק פון אייך? ניין!

זייער דאַנק איז, ווען זיי הערן דורך די אייזערנע גראַטעס, ווי אַן אַלטער מאַן דערפרייט זיך מיט זיין „עלטער־פענסיע“ וואָס ער קריגט; ווי אַן אַר־בעטלאָזער פילט זיך אַ גערעטעוועטער מיט זיין טשעקל פון אַרבעטלאָזיג־קייט־פאַרזיכערונג; זייער פרייד און לוין איז, ווען זיי האָבן געהערט דעם לעצטן פסק־דין, וואָס איז געקומען פון העכסטן געריכט אין לאַנד וועגן גלייכהייט פאַר נעגער־קינדער אין די סקולס, — דאָס איז זייער דאַנק, ווייל פאַר דעם האָבן זיי, די „פאַנאַטיקער“, יאָרן־לאַנג געקעמפט ביז אייניגע פון די חלומות זיינען שוין פאַרווירקלעכט געוואָרן. דאָס דערמוטיגט זיי, דאָס גיט זיי האָפענונג אויף ווייטערדיגע זיגן פון די פאָלקס־מאַסן.

צווישן מיינע לייענער און פריינט טרעף איך אָט די פאָלקס־מענטשן, אַרבעטער און קולטור־טוער וועמען איך געדענק גוט פון אונזער קאַמף געגן „סוועט־שאַפ“. יענער פעריאָד איז מיר אַריין גאַנץ טיף אין די ביינער: די לאַנגע שעה׳ן אַרבעט, די אוממענטשלעכע באַדינגונגען, די שוידערלעכע עקספּלואַטאַציע.

די בילדער אין מיין בוך „אַמאָל איז געווען“, אין וועלכע איך האָב גע־שילדערט דעם „סוועט־שאַפ“ זיינען געשריבן מער מיט בלוט, ווי מיט טינט...

שטעלט אייך פאָר, אַז מיין פרומע מאַמע פלעגט מיך דאַרפן אויפוועקן אום שבת, איך זאָל אויפשטיין צו דער אַרבעט, האָט זי אויסגעפונען אַ „פּאָרטל“, ווי שלום צו זיין מיט גאָט. דער וועקזייגער טאָר דאָך שבת ניט קלינגען — פלעגט זי מיר אַ וואָרף טאָן דאָס העמד און אַזוי־אַרום מיר לאָזן צו וויסן: שטיי־אויף, עס איז שוין זעקס אַזייגער! זי האָט פאַרטייטשט, אַז פאַר „פּיקוח־נפש“ וועט שוין גאָט מיר מוחל זיין“...

היינט־צו־טאָג, אפילו מיט דער ביוראָקראַטיע און קאָרופּציע אין איי־ניגע פון די יוניאָנס, האָט מען דאָך באַוויזן, טאַקע אַדאַנק דער אַרבעט פון די „פאַנאַטיקער“ און טרוימער, איינצופירן קירצערע אַרבעט־שטונדן, קריגן באַצאָלט פאַר וואַקאַציע, אַרבעטלאָזיגקייט־פאַרזיכערונג, מעדיצינישע הילף. מ׳האָט אָפּגעשאַפט דעם „סוועט־שאַפ“, איינגעפירט מער־ווייניגער גלייכע אַרבעט־באַדינגונגען פאַר מאַן און פרוי, אָפּגעשאַפט קינדער־פאַרשקלאַפונג, אָפּגעשטעלט „היים־אַרבעט“, אויך געוואונען טיילווייז גלייכהייט אין די שעפער און אין די יוניאָנס, גלייכהייט פאַר די נעגער־אַרבעטער און אַנדערע אונטערדריקטע פעלקער.

דאָס איז דער גרויסער דאַנק פאַר מיר און פאַר אַלע, וואָס קעמפן פאַר אַ יושר־אידעאַל. דאָס איז דער גרויסער לוין פאַר די קאַמפן אין די שווערע צייטן, וואָס מיר האָבן געפירט און פירן געגן די וואַקכאַנאַליעס פון רעאַקציע,

געגן די צעיושעטע אַנטיסעמיטן, שאָוויניסטן, וועלכע שטייען־אויף פון צייט צו צייט אונטער פאַרשידענע נעמען.

געוויס האָבן מיר פאַר זיך נאָך שווערע צייטן. מיר זעען נאָך פאַר זיך דעם גרויסן געראַנגל, וואָס וועקט צו אַ נייעם פרימאָרגן, מונטערט פאַר שלום און ליכטיגקייט איבער גאָר דער וועלט. אָבער מיר זעען שוין דעם אויפגאַנג, דעם באַגין, דעם אויפשיין פון די שטראַלן פון שלום.

בין איך צופרידן, וואָס איך בין פון די גליקלעכע „פאַנאַטיקער", וואָס איך האָב ווי געהעריג אויסגענוצט די פערציג יאָר פון מיין שאַפן און מיינע זעכציג יאָר לעבן — פאַר די אינטערעסן פון די אידישע פאָלקס־מאַסן.

סעם ליפּצין

1954

אַ דאַנק

אַ דאַנק דעם שרייבער, רעזשיסער און שוישפּילער **יעקב מעסטל**, פאַר זיינע וויכטיגע אָנווייזונגען אין אָפּקלייבן דעם מאַטעריאַל פאַרן בוך.

ווי זאָגט דער פעטער

פיל ניט לאַנגווייליג, וואָס דער וועג
איז צו לאַנג —
אויפן וועג צו פרייהייט, דאַרף ניט
שווער זיין דער גאַנג.
* * *

פאַר אַ קלוגן דאַרפסטו דאָס וואָרט
ניט צעקייען.
פאַר אים איז גענוג בלויז אַ רמז.
אַן אָרנטלעכער מענטש דאַרף זיך ניט
שווערן,
ווי אַ ליגנער — אויף זאָגן דעם אמת...
* * *

דער דענקער טראַכט קיינמאָל ניט
לויט באַשטימטע שטונדן אין טאָג —
ווי די בין גיט ניט איר האָניג
לויט אַ מאָס און אַ וואָג...
* * *

געגן רעאַקציע שטייט שטענדיג דער
חבר,
ווי רויטע פאַרב, ער פאַרהיט געגן
זשאַווער...
* * *

באַוויין ניט דעם נעכטן, ווייל —
סיקאָן זיין אַ טעגלעכער קלאָג.
שטיי בעסער אויף פרי,
וועט זיין גרויס דיר דער טאָג...
* * *

געדענק שטענדיג די ווערטער,
ווי די באָבע פלעגט זאָגן:
שלח־מנות טראָגן איז גרינג —
נאָר סישווער אַ קינד אויסצוטראָגן...
* * *

אפילו דער טייערער זייגער,
וואָס איז זיין גלייכן ניטאָ,
פאַרמאָגט אַלץ ניט מער —
ווי זעכציג מינוט אין אַ שעה...
* * *

בייטן אַ מיינונג איז נאַטירלעך, אַזוי
ווי אין גאָרטן עס בייטן זיך בלעטער,
און ווי אַ מענטש זיינע קליידער עס
בייט,
ווען עס בייט זיך אין דרויסן דער
וועטער...
* * *

אפילו דער שטראָמיגער וואַסער האָט
אַ ברעג,
ווי דער פליסיגער וואַסער האָט אַ וועג.
אָבער אַ פיש ווייסט ניט פון קיין וועג,
און חוצפה — האָט ניט קיין ברעג...
* * *

אַ בוים קאָן זיין גרויס און הויך,
דאָך ווינציג פרוכט פאַרמאָגן.
אַ מענטש קאָן האָבן אַ גרויס מויל,
און ווינציג וואָס צו זאָגן...
* * *

רייך איז ניט דער, וואָס האָט אַ סך
געלט.
נאָר אָרעם איז דער — וואָס זעט אין
טייסטער די וועלט . . .
* * *

מענטשן זיינען ניט קיין קאָרטן,
איר קענט זיי ניט צעטאַשן.
אַ מענטשנס נאָמען מיט אַ פלעק —
קען מען ניט פאַרוואַשן...

פאַר אַ פויגעלע איז אפילו
אונטער אַ דאָרן פאַראַן גענוג שאָטן.
און פאַר אַ פיש אַ הייסע סקאווראָדע
ווי אַ גאַנצע זון וואָלט עס געבראָטן.
* * *

דאַכט זיך — קוים אַ שטויבעלע,
וואָס עס באַנעמט ניט אויג און מוח.
דאָך האָט עס אַזאַ גבורה
צו באַזיצן דעם אַטאָמישן כוח . . .
* * *

ווען איר זעט אַ הונט, וואָס דרייט
חניפהידיג זיין עק,
געדענקט, ער האָט אויך ציינער,
און גייט בעסער אַוועק . . .
* * *

געליבטע און חברים
זינגען דעם זעלביגן שיר:
איך פיל זיך נאָר וואַרעם,
אויב ס׳איז וואַרעם אויך דיר.
* * *

איינעמס גליק איז דער דאָלער,
אַ צווייטנס — דער פונט.
נאָר גליקלעך איז דער גאָר,
וואָס פאַרמאָגט אַן אוצר — געזונט!...
* * *

ליבן דעם שיינעם געשלעכט,
איז ניט אַזוי געפערלעך.
זעט איר אָבער זיי אויסהאַלטן —
דאָס עס פאַלט שוין שווערלעך . . .
* * *

אַ קורצער וועג קען נעמען לאַנג.
און אַמאָל לויפט גיך אַ לאַנגער וועג.
אַמאָל טרעפט, זעט אויס אַ טאָג אַ יאָר.
און אַמאָל לויפן יאָרן קורץ ווי טעג...

איידער עס שיינט די זון אַרויס,
באַגלייט פון שטראַלן — מיט אַ וואַרע.
קומט איר אויס אויך אָפט צו זיין,
באַדעקט מיט שווערער כמאַרע...
* * *

איידער מיזעט דאָס שטיקל ברויט
פון מאַמע־ערד געבאָרן,
מוז זיך פרוכפערן אין ערד
די זריעה פון ווייץ און קאָרן...
* * *

עלעגאַנט זיינען די פערדלעך,
וואָס לויפן צו דערגרייכן די צילן.
נאָר פראָסט פשוטע פערד —
זיינען די — וועלכע שפּילן...
* * *

עס איז גענוג שלעכט,
אַ נאַריס נאַרעשקייט פאַרטראָגן.
אָבער נאָך ערגער איז —
ווען ער נעמט חכמות זאָגן...
* * *

אַ מענטש מעג זיין שוואַך,
גאָר ניט קיין בעל־כוח,
דאָך קאָן ער צעטראָגן בערג
מיט׳ן איינפאַל פון זיין מוח.

נאָר אַ פערד, וואָס קאָן געוויס
דעם שווערסטן וואָגן פירן,
וועט אָן דער בייטש און אָן אַ וויאָ —
זיך פון אָרט ניט רירן . . .
* * *

דער מאָגן איז אַ בייזער מאָנער,
וואָס לאָזט זיך ניט פאַרגעסן.
ביי איינעם — צוליב הונגער,
ביי אַ צווייטן — פון צופיל עסן...

מיינע ירושות

אַנאַבעלן

פון איין זיידן האָב איך אַ ירושה זיין נאָמען.
פון דעם צווייטן זיידן — צו לערנען וואָס מער.
פון דער מאַמען — דאָס פאָלקס-וואָרט, מאַמע-לשון,
און פון דעם טאַטן — זיין נאָדל און שער . . .

פון איין פעטער — אַ ירושה זיינע ספרים.
פון אַ צווייטן פעטער — ווי צו לעבן פאַר אַ נוץ.
פון אַ דריטן — זיינע הענט די האָרעפּאַשנע
און פון אַ פערטן — זיין חוש פאַר אַ וויץ...

פון ערלעכע פירער האָב איך אַ ירושה,
ווי צו דינען מיין פאָלק און מיין קלאַס.
כ'בין שטענדיג פול מיט מוט און בטחון —
פאַרלאַך יעדן, וויטאָג מיט שפּאַס . . .

פון די פאָלקס-העלדן האָב איך געלערנט
צו ברעכן צאַמען פון שרעק און פון נויט,
און פאַרגעדענקט גוט זייער לערע און אָנזאָג:
דער וואָס אַרבעט איז באַרעכטיגט צום ברויט!

פון דערפאַרונג האָב איך אַ גרויסע ירושה,
אַז ווען מ'גייט צוזאַמען איז זיכער דער גאַנג:
מ'קאָן זיך דאַן ווערן און באַשיצן
געגן אָנפאַל פון אַ גיפטיגער שלאַנג . . .

אַזוי לעב איך אויף רייכע ירושות.
מיך אַרט ניט דאָס גרויען זיך פון די האָר, —
איך וואַרט נאָר אויף דער באָבע'ס ירושה —
צו דערלעבן ווי זי — הונדערט יאָר!

פּען און פּענזל

אַ גאָלדענע פּען קען ניט פאַרזיכערן קיין גלאַנץ אין שרייבן, און קיין פּערצן קאַראַט אין ליטעראַטור . . .

* * *

מיט אַ שטיקל אָרעמען בלייפעדער קען מען פאַרצייכענען די רייכסטע געדאַנקען . . .

* * *

גראָב־אויסגעבעטע טאָוולען אויף אַ בוך האָבן ניט קיין שייכות מיט׳ן אינהאַלט, ווי אַ דריי־גאָרנדיגע געמבע מיט׳ן דענקען פון קאָפּ . . .

* * *

מיט גראָבע רייד פּוצט זיך דער גראָבער קערל, דער קולטור־מענטש מיט ווערטער, ווי פּערל . . .

* * *

אַ גוטער שרייבער קאָן מאָלן אַ גוט בילד, אפילו פון אַ שלעכטן מענטשן...

* * *

געבענטשט איז דער שרייבער, וואָס קאָן מאָלן פון זיינע העלדן ניט נאָר דעם אויסערלעכן פּנים, נאָר אויך די אינערלעכע נשמה . . .

* * *

אַ גוט בוך, ווי אַ גוט בילד, קאָן מען ניט מעסטן לויט אַ פּרייז, ווייל ס׳איז ניט אָפּצושאַצן . . .

* * *

מענטשן האָבן אַ טבע זיך צו יאָגן נאָך רייכע ירושות. אידן האָבן אַ רייכע ירושה פון אונדזערע קלאַסיקער, נאָר מ׳דאַרף זיי דערמאָנען צו מאָנען...

* * *

פאַראַן געוויסע אידן, וואָס ווילן פאַרוואַנדלען דעם עם־הספר אין אַ עם־הסוחר, און גאָר אָפּט צוליב סחורה — פאַרקויפט מען תורה . . .

* * *

פאַראַן אידן וואָס קעמפן מיט ציין און נעגל, מיט קאָפּ און האַרץ, אַז מ׳זאָל זיך פאַרדינען דעם נאָמען עם־הספר, און — פאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן זיך שוין פאַרדינט, אַז מ׳זאָל זיי רופן חם־הספר . . .

* * *

דעם שרייבערס אַ שיינע שילדערונג דאַרף אַזוי באַווירקן דעם לייענער, אַז ווען ער, דער שרייבער, מאָלט אָפּ אַ שטורעם זאָל מען ציטערן, און ווען ער באַשרייבט אַ חתונה, זאָל מען פילן ווי צו גיין אַ טענצל . . .

עס טיינטלט אַ שרייבער, פּאָליטישן,
אַ קאַשע מיט באָרשט וויל ער מישן.
ער איז אויף קאַשעס אַ מייסטער . . .
און דעם באָרשט גוט פּאַרווייסט ער —
— נאָר טם איז אין די שורות צווישן . . .

* * *

זיך וואַרפן מיט קלוגע ווערטער אָן אַ צוועק, איז ווי קלאַפּן טשוועקעס אָן אַ צוועק. עס ווערט בלויז לעכערלעך . . .

* * *

פאַראַן שרייבער ווי פישער: זיי פאַרמעסטן זיך צו כאַפּן אַ וואַל־פיש, און — כאַפּן אַ זשאַבע . . .

* * *

דער שרייבער, וואָס איז הפקר'דיג מיט זיין פען, איז ווי דער גזלן מיט זיין מעסער . . .

* * *

שרייבער, וואָס דינען די העצער פון מלחמה, שטעכן מיט זייער פען דאָס פאָלק אין רוקן אַריין . . .

* * *

דאָס פאַרמעקטע ביים שרייבער, איז די מעקענע פון וויין . . .

* * *

אַ שיינער נאָמען פון אַ בוך קען אַמאָל זיין ווי אַ שיין־געקריצטע אויפ־שריפט אויף אַ מצבה, וואָס זאָל אינגאַנצן ניט אָפּשפּיגלען דעם כאַראַקטער פון דעם מת אינעווייניג . . .

* * *

אַ ראַיעלע צייטונג דאַרף ניט קיין שרייענדיגע „קעפּ", ווי אַ פיין קלייד דאַרף ניט קיין שרייענדיגע קנעפּ . . .

* * *

אומוויסנדיגע מענטשן האַלטן הויך דעם באַגריף פון אידישער קולטור און אידישן בוך, מיט דעם וואָס זיין האַלטן הויך אויף דער פּאָליצע דעם אוצר פון פאָלק, אַנשטאָט האַלטן דאָס בוך פאַר'ן אויג . . .

* * *

פּעטס קאָן שאַפן אין וואַסער גרויסע אויגן, וואָס קאָנען גאָרניט זען... אַ גראָבער בוך קען האָבן אַ סך רייד, און ער זאָל גאָרניט זאָגן...

אַ גוטער בוך שאַפט פאַרגעניגן... אַ לאַנגווייליגער בוך קאָן פאַרוויגן... אָבער אַ בוך, וואָס שטייט גלאַט פאַר פוץ, ברענגט שוין גאָרניט קיין נוץ...

* * *

שוואַרץ אויף ווייס זאָגט זייער אַ סך, נאָר גאַנץ אָפט זאָגט דאָס ווייסע פאַפיר צווישן די שורות — נאָך אַ סך מער...

* * *

אַן אָנגעשריבענער אַרטיקל, וואָס האָט ניט קיין אויספיר, איז ווי אַ נאָדל אָן אַ שפּיץ...

* * *

אַן אויסגעצויגענער אַרטיקל איז ווי אַן אויסגעצויגענער גומי־לאַסט — צום סוף פּלאַצט ער...

* * *

ניט אַלע מאָל קאָן די פאַרשפּיצטע פען שאַפן פאַרשפּיצטע ווערק...

* * *

מיט שוואַרצער טינט קאָן מען אָנצייכענען גאָלדענע ווערטער, — און אויך — בלאַסע געדאַנקען...

* * *

ווען דאָס בילד רעדט פון דער וואַנט . . .

דער אמת׳ער קינסטלער „נאַרט אָפּ" דאָס אויג,
נאָר מיט אַזאַ נאַרעריי מעג ער פילן זיך שטאָלץ.
ער מאָלט פאַר אייך אָפּ אַ בוים אין אַ וואַלד,
און מאַכט אייך צו גלויבן — ס׳איז פון אמת׳ן האָלץ . . .

אַזוי מאָלט אָפּ אַ קינסטלער אַ בילד פון אַ מענטש,
איר באַוואונדערט, ווי אַלץ איז אַזוי אמת׳דיג גוט.
איר טראַכט פאַר זיך בלויז, ווי קומט אין אַ ראַם
אַ לעבעדיגער מענטש פון פלייש און פון בלוט?

וואויל איז די קינסטלער, וואָס קאָנען פאַרבינדן
פענדזל און פאַרב מיטן גייסט פון טאַלאַנט —
זיי גיבן צום בילד לעבן און לשון,
וואָס רעדט צו דעם צושויער אַראָפּ פון דער וואַנט . . .

אַ גוט ליד, ווי גוטע שפייז, קען מען מעסטן לויט דעם פאַרדייען... אַ סימן: פון אַ שלעכט ליד, זאָגט מען, קערט די גאַל...

* * *

היכע פראַזן ווי אַ היכער קראַגן, וואַרגן בלויז דעם האַלדז...

* * *

דער טראָפּן טינט אין פלעשל ווייסט ניט וואָס פון אים קאָן אַרויסקומען...

* * *

שרייבן אַ בוך גיט דעם שרייבער אומשטערבלעכקייט. אַרויסגעבן אַ בוך — קירצט אָפּט די יאָרן...

* * *

מעסט ניט די גרויס און ווערט פון אַ שרייבער לויט דער צאָל ביכער, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן. איין גאָלדשטיק איז מער ווי אַ הויפן קופּער־מטבעות...

* * *

פאַראַן שרייבער, וואָס באַקן ביכער ווי מצות, פלאַך, בלאַס, אָן זאַלץ, אָן שמאַלץ און פול מיט לעכלעך...

* * *

אַ בוך איז ווי אַ מענטש: די טאָוולען — הענט, די זייטלעך — הויט און פלייש, די טינט — בלוט, דער אינהאַלט — דאָס האַרץ און נשמה; און אויב דער לייענער וועט צולייגן קאָפּ, וועט דאָס בוך אויך לעבן און קאָנען גיין...

* * *

עס ברענט!...

רעאַקציע פילט זיך שטאַרק געהויבן,
פון דעם רויך אויף היגע גאַסן,
ווען ביכער ברענען לויט היטלער'ס שטייגער
און האַס צעצינדט מען צווישן מאַסן.

נאָר ביי די מאַסן ברויזט דער צאָרן,
רוף צו פרייהייט הערט מען שאַלן.
ווען פאַשיסטן ברענען ביכער —
צעפלאַמען זיי די אידאַלן!...

די קאַלירררייכסטע טאָוולען אויף אַ בוך קאָנען ניט צוגעבן קיין קאָליר דעם אינהאַלט . . .

* * *

אַ בוך איז ווי אַ מענטש: אַחוץ זייטן פליש און בלוט דאַרף ער אויך האָבן געדאַנקען, לשון און אַ נשמה.

* * *

פאַראַן שרייבער, וואָס שטעלן־צו וואָסערדיקע ביכער מיט בלאַטיקע געדאַנקען און ניט געקוקט אויף דעם, וואָס זיי ווייזן ניט אַ פונק פון טאַלאַנט, טויגן זיי — אויפן פייער . . .

* * *

געוויסע קריטיקער זיינען ווי קראַפּיווע: גוט נאָר פאַר בייסן און שמייסן . . .

* * *

אַ בוך, וואָס קאָן ניט דערגרייכן צו די מאַסן, איז ווי אַ פרוכט אויפ׳ן שפּיץ פון בוים . . .

* * *

יעדער גוטער שרייבער קאָן אַמאָל אָנשרייבן אַ שלעכטן בוך. אָבער עס פּאַסירט אויך אַ צופאַל, אַז אַ שלעכטער שרייבער זאָל אָנשרייבן אַ גוטן בוך . . .

* * *

אַ שרייבער דאַרף זיין פאַרטיפט — נאָר ניט געזונקען. ער דאַרף דער־הויבן די מאַסן, נאָר ניט גיין אַליין מיט אַ פאַרריסענער נאָז . . .

* * *

ביי איינציגע קריטיקער איז זייער אַרבעט די גרינגסטע אין דעם שריי־בער־פאַך. דער קריטיקער אַליין דאַרף גאָרניט שאַפן, בלויז — צעפּאַ־סעווען יענעמ׳ס שרייבן . . .

* * *

אַ געוויסער סאָרט קריטיקער איז ווי אַ באַלעבאָס: די שרייבער אַר־בעטן פאַר אים און ער קומט צום אַלעם פאַרטיגן און שינדט די הויט.

* * *

פון אַריינהאַקן אַ בוך אין קאָפּ אַריין קאָן אַרויסקומען אַ באַיל — אָבער ניט קיין וויסן . . .

* * *

אַ שרייבער טראָגט אויס אַ בוך, קומט דער איינבינדער און בינדט אים און — אַ קריטיקער — קוילעט אים . . .

דער קולטור־מענטש מעסט ניט אַ בוך לויט זיין גרעב, נאָר — לויט זיין טיף . . .

* * *

דאָס פּאַפּיר שטעלט קיינמאָל ניט קיין פאָדערונגען צום שרייבער, אָבער דער שרייבער דאַרף זיך אַליין יאָ שטעלן פאָדערונגען . . .

* * *

לייענער פון ביליגע שונד־ביכער זיינען ווי די בוך־ווערים, וואָס זייער הנאה באַשטייט אין אָנפרעסן זיך מיט׳ן בוך פיזיש — אָבער ניט גייסטיג...

* * *

אַ גוטער געדאַנק פון אַ שרייבער איז ווי קוועקזילבער — עס קאָן ניט בלייבן ליגן אויף איין אָרט . . .

* * *

אַ גוטער שרייבער איז דער, וועלכער קאָן זען אין זיין פאַנטאַזיע זאַכן, וואָס אַלע זאָלן אים גלויבן . . .

* * *

אַ גוטער שרייבער וועט גיכער דריי מאָל איינטונקען די פעדער אין טינט, איידער אָנצושרייבן איין פאַלשן זאַץ . . .

* * *

אַ גוטער בוך, וועלכער ליגט איינגעקלאַמערט אין די טאָוולען און ווערט ניט געלייענט, איז ווי אַ פרייהייט־קעמפער היגטער אייזערנע גראַטעס . . .

אַן אָפּענער בוך

אַ בוך, ווי אַ מענטש,
מוז קענען וואָס געבן.
ער מוז האָבן נשמה,
אַ צייכן פון לעבן.

אַ בוך, ווי אַ מענטש,
דאַרף אַ האַרץ און אַ מוח...
צו געבן דעם לעבן
אינהאַלט און כוח.

אַ בוך, ווי אַ מענטש,
מעג די שטימונגען בייטן.
נאָר קיינמאָל זיך גרויסן
מיט די פעטינקע זייטן . . .

אַ בוך, ווי אַ מענטש,
דאַרף אָפענע אויגן . . .
און זען, אַז זיין פריינט,
זאָל ווערן דערצויגן.

אַ בוך, ווי אַ מענטש,
טאָר ניט שטיין מיט׳ן רוקן.
אין אַן אָפענעם בוך —
איז אַ מחיה צו קוקן! . . .

אַ סך מענטשן קאָנען ניט אָפּשאַצן דעם ווערט פון אַ גוטן בוך אין הויז, פּונקט ווי די טאָוולען ווייסן ניט, וואָס פאַר אַן אינהאַלט זיי פאַרמאָגן צווישן זיך . . .

* * *

פאַראַן שרייבער, וואָס האָבן ליב צו פאַרקאָכן אין זייער שרייבן אַ קאַשע, דאָך — אין צווישן די שורות זעט מען, אַז ס׳איז וואַסערדיג . . .

* * *

דער געדאַנק — ליגט אים אין באַנק . . .

דו ביזט אַ שרייבער, לאַכט מיין לענדלאַרד,
קאָנסט שרייבן דראַמען, בילדער מאָלן.
נאָר דאָס אַליין איז דאָך אַ דראַמע —
קאָנסט אפילו רענט ניט צאָלן . . .

שרייבסט אַן ביכער און אַרטיקלען,
נאָר צו וואָס קאָנען זיי אַלץ טויגן,
ווען די בלעטלעך וואָס דו שרייבסט אָן,
קאָנסטו אין קיין באַנק ניט לייגן . . .

דו נוצט טינט אַ סך און בערג פּאַפּירן,
דאָך פון באַנק מוזטו שטענדיג ווייכן.
נאָר ווען איך שרייב בלויז מיין נאָמען
צאָלט מען קעש — ווי עס פּאַסט אַ רייכן . . .

לאַכט דער שרייבער: דאָס פאַרשרייב איך
טאַקע אויף דורות אייער „גדולה״
און זאָל די שיינע וועלט אייך קאָנען,
ווי איר מאַכט זיך צו חוכא־וטלולא.

שרייבער קאָנען זיין אַזוי נאַריש, ווי אַ סך אַנדערע, וואָס האָבן ניט קיין שכל, נאָר — זיי דאַרפן דאָס ניט אָנשרייבן שוואַרץ אויף ווייס . . .

* * *

פאַראַן מענטשן, וואָס „פרעסן״ ביכער, ווי די מייז; אָבער אויך זייער געשמאַק ליגט נאָר אין דעם קליי און קליאַטשע . . .

גוטע שרייב־געצייג קאָנען ניט מאַכן רייכער דעם אינהאַלט אין שרייבן, ווי מישן מיט אַ גאָלדענעם לעפל אין וואַסער וועט ניט מאַכן קיין גאָלדע־נע יויך . . .

* * *

אַ בוך פאַר די אויגן קאָן שאַפן פאַרגעניגן, אַמאָל אויך פאַרוויגן. אָבער אַ בוך, וואָס שטייט שטענדיג אין שראַנק, מאַכט זיכער ניט רייכער דעם געדאַנק . . .

* * *

אַ בוך — ווי אַ זייגער, אויב ער שפּיגלט ניט אָפּ די צייט — גייט ער פאַלש . . .

* * *

שוואַרץ אויף ווייס איז גרינגער צו לייענען ווי צווישן די שורות. דאָך — גוטע שרייבער האָבן אַסך מאָל מער וואָס צו זאָגן צווישן די שורות, ווי שוואַרץ אויף ווייס . . .

* * *

דער וואָס פאַרמאָגט אַ רייכע ביבליאָטעק מיט ביכער און קוקט אין זיי ניט אַריין, איז ווי די מילבּ, וועלכע לעבט אין בוך און ווייסט ניט וואָס דאָס איז . . .

* * *

לויט די בילדער אויף די ווענט זעט מען אָפּט די נשמה פון די מענטשן אין הויז...

* * *

אין אַ גוט בוך וואו דער שטויב האָט באַדעקט דעם טאָוול, פּילט זיך יעדער אות ווי אַן אָבל . . .

* * *

אין אַ גוטן בוך לידער איז יעדע סטראָפע אַ פּערל. נאָר — דאָס זיינען פּערל פאַר'ן מוח און ניט פאַר'ן האַלדז . . .

* * *

דער וואָס גיט צו אין שרייבן האַרץ און נשמה, ווערט ביי אים טינט פאַרוואַנדלט אין בלוט, און פּאַפּיר — אין הויט און פלייש . . .

* * *

אויך ביים שרייבן הומאָר מוז דער שרייבער זיין ערנסט . . .

* * *

אַ שרייבער, וואָס איז רייך אין געדאַנקען, דאַרף זיך ניט וואַרפן מיט ווערטער . . .

גרויסע קינסטלער קענען אין קורצע פּאַראַגראַפן אַרויסברענגען גרויסע ווערק . . .

* * *

אַ גוטער שרייבער שאַפט פּאַרטיפט אפילו ווען ער שרייבט וועגן הימל, שטערן, זון און לבנה . . .

* * *

אַ שיינע האַנט־שריפט מאַכט ניט רייכער דעם אינהאַלט, און אַ הויכע שטימע פון אַ רעדנער, מיינט נאָך ניט, אַז ער האָט וואָס צו זאָגן . . .

פאַרשיידענע ביכער

איינער טראַכט פון באַנק־בוך נאַר,
דעם זאַמל־בוך פון סענטן,
וואו וואַקסן זאָל דאָס „גאָלדענע
קאַלב",
מיט גרעסערע פּראָצענטן.

פאַראַן אויך מענטשן וואָס זיי
גייט אָן,
בלויז דער פרעס אין אַלע צייטן.

שטודירן זיי דעם קאָך־בוך נאַר,
צו פּאַשען זיך די זייטן . . .

נאָר חוץ יענע מיט דעם אַפּעטיט,
און די, וועלכע באַנק־ביכלעך זיי
ווייזן,
האָבן מיר מענטשן, וואָס זוכן
שטאַרק —
אַ בוך — דעם קאָפּ צו שפּייזן!...

* * *

דער שרייבער, וואָס פאַרגעסט ניט צו שאַפן פאַר'ן פאָלק, ווערט אויך פון פאָלק ניט פאַרגעסן . . .

* * *

כדי אויפצוהאַלטן דעם קיום פון קולטור, דאַרף דאָס פאָלק איינזאַמלען די שאַפונגען אין זיינע ביכער־שראַנקען, צו לעבן גייסטיג, — ווי די זאַמלונגען פון תבואה אין פעלד — צו לעבן פיזיש . . .

* * *

פון איין קאַלטן טראָפּן טינט פון אַ גוטן שרייבער קאָן זיך אָפט אָנ־צינדן אַ פייערל אין האַרץ, וואָס זאָל ברענגען ליכט פאַר די אויגן.

* * *

שיין־געבויטע פערזן אין אַ ליד אָן אינהאַלט, איז ווי אַ פאַרפּוצטע פריזור אויף אַ פּוסטן קאָפּ...

די גרעסטע באַלױנונג פֿאַר'ן שרײַבער איז, װען זײַן װאָרט גײט פֿון מױל צו מױל ביז דאָס װערט פֿאָלקס־אײגנטום...

* * *

דער אמת'ער שרײַבער, װאָס רופֿט מיט זײַן שרײַבן צו „שלום עליכם", רופֿט אַרױס אינסטינקטיװ בײַם לײענער — „עליכם שלום"!...

* * *

ביליגע צײַטונגען מאַכן פֿון אַ װאָרט אַ קװאָרט, אָבער די קװאָרט איז פֿול מיט װאַסער...

* * *

עלענבױגנס קאָנען ניט העלפֿן צו װערן אַ גוטער שרײַבער, לאַנגע פֿיס מאַכן נאָך נישט פֿאַר אַ גוטן טענצער.

* * *

מ'זאָגט אַ װערטל: װענט האָבן אױערן. אין אַ קונסט־גאַלעריע פֿון אמת'ע קינסטלער האָבן די װענט אױך פּנים'ער: זײ רעדן פֿאַר זיך, און די טױטע װאַנט װערט באַלעבט...

* * *

קונסט־בילדער װערן ניט געשאַצט לױט דער גרױס פֿונעם בילד אױף דער װאַנט, נאָר — לױט דער גרױס פֿון דעם טאַלאַנט...

* * *

אַ בעטלער־בילד אין אַ גאָלדענער ראָם איז װי אַ בעטלערין אין גאָל־דענע שיך...

* * *

אַ גוטער מאָלער קאָן מאָלן אַ דאָרן, און — באַלױנט װערן פֿאַר דעם מיט בלומען...

* * *

פֿאַראַן מאָלער, װאָס טוען אַרײַן אין זײערע פֿאַרבן אַ סך אײל, נאָר צװישן די שטריכן זעט מען, אַז ס'איז װאַסערדיק...

* * *

מען דאַרף ניט מעסטן פּאָעזיע לױטן גראַם, און אַ קונסט־בילד — לױט דער ראָם...

* * *

אַ קונסט־בילד, אפֿילו אױף אַן אָרעמער װאַנט, גיט צו אַזױ פֿיל שײנ־קײט, אױף װיפֿל חכמה מאַכט אינטערעסאַנטער אַ מענטשן, װאָס האָט ניט קײן שײנעם אױסזען...

אַ קונסט־בילד דאַרף קאָנען אַזוי באַווירקן דעם צושויער, אַז אַ מאָ־לעריי פון שניי זאָל מאַכן ציטערן פון קעלט און אַ בלומען־גאָרטן זאָל מאַכן צו שמעקן...

* * *

דער גרויסער קינסטלער איז דער, וואָס קאָן ניט נאָר מישן פאַרבן, נאָר — אַליין זיין אויסגעמישט מיטן פאָלק...

* * *

אין לערנען קאָן אויך דער אָרעמער
געפינען רייכקייט אַ פאַרמעג,
דער בלאָנדזשענדער — אַ מאַפּע,
און דער בלינדער — אַ גלייכן וועג...

* * *

דער שרייבער, וואָס גייט צו די אָרעמע שיכטן פון פאָלק, דערהויבט סוף־כל־סוף ניט נאָר די מאַסן, נאָר טאַקע אויך זיך אַליין...

* * *

די קלוגע רייד פון דעם שאַפער, שאַפט חכמה צווישן זיינע נאָכפאָלגער...

* * *

דער שרייבער וואָס שרייבט אומפאַרשטענדלעך פאַר די פאָלקס־מאַסן, איז ווי יענער עושר, וואָס פאַרשליסט זיך מיט זיין פאַרמעגן אין אַ קאַסע־קאַסטן . . .

* * *

אַ שרייבער קאָן באַנוצן אַלע קאָלירן טינט, נאָר — ווען מ׳לייענט דאָס ווערק דאַרף מען פילן, אַז ס׳איז געשריבן געוואָרן מיט בלוט...

* * *

אַ שרייבער, וואָס שרייבט אַ ראָמאַן אָן אַ טעמע, איז ווי אַ שוסטער זאָל וועלן מאַכן אַ שוך אָן אַ קאָפּול...

* * *

דער שרייבער, ווי דער שניידער, דאַרף חוץ אַרבעט־געצייג אויך האָבן דאָס ביסעלע טאַלאַנט...

נאָר אויב דאָס פעלט זיי, קומט טאַקע אויס אויף זיי צו זאָגן: „גראַם־שטראַם מאַך מיר אַ לעטניק״...

* * *

אַ שרייבער מיט פאַנטאַזיע קאָן פון איין טראָפּן טינט — אָפּמאָלן אַ ים...

פיינע פערזון אין אַ ליד, וואָס זאָגן גאָרניט, איז ווי אַ שיינער קאָפּ, וואָס איז אַ פוסטער טאָפּ...

* * *

גייסטיגע שפייז, ווי פיזישע שפייז,
מוז דער מענטש קענען פאַרדייען,
נאָר שטאָפּט ער זיך גלאַט אַזוי,
מוז ער אָפּט בעטן „פאַרצייען" . . .

* * *

אַ גוטער בוך אין שראַנק, וואָס ווערט ניט געלייענט, איז ווי אַ שיינער בגד אין שאַפע, וואָס ווערט ניט געטראָגן. אַנשטאָט גייסטיגער שפייז, ווערט דאָס מילבן־שפּייז...

* * *

אַ בוך אויף דער אידישער גאַס גייט אַזוי גוט, ווי דער שרייבער האָט כוח צו גיין מיט אים...

* * *

צופיל מענטשן האָבן דאָ די ביכער אַזוי סאָרטירט: דעם באַנק־בוך האַלטן זיי ביים האַרצן, און דאָס בוך צום לייענען — אין קעלער...

* * *

ווען אַ בוך האָט ניט קיין „פינגער־צייכן" אויף זיך איז עס אַ שלעכטער סימן — אַ צייכן, אַז מ׳נעמט אים ניט אין האַנט אַריין...

* * *

היינט־צו־טאָג, ווען איינער קויפט אַ בוך פאַר אַ חנוכה מתנה, איז עס אויך אַ נס...

* * *

אַ בוך געשריבן קונסט לשם קונסט, איז ווי אַ פאַרפוצטער מענטש, נאָר אָן שכל . . .

* * *

די פייער־מאַכער

פלאַקאַטן גרויסע זאָגן אָן:
היט זיך פון אַ פייער.
פאַר יעדער ברענענדיגער קויל
מיר צאָלן זייער טייער.

נאָר אָפּט די שרייער וועגן פייער
נעמען אונז אויף זיכער,
אָנשטאָט צו לעשן, צינדן זיי —
סיי מענטשן און סיי ביכער.

צו טראָגן אַ האַלדזבאַנד פון פּערל קאָנען בלויז פאַרמעגלעכע דאַמען. צו זיין גייסטיק־רייך מיט פּערל פון אונזער ליטעראַטור קאָן יעדער איינער, וואָס איז פאַרמעגלעך מיט אַ גוטן געשמאַק...

* * *

שרייבער, ווי מאָלער, דאַרפן דריי זאַכן: שאַרפע אויגן, שאַרפע געצייג און — שאַרפזין.

* * *

אַ גוט בילד, ווי אַ קערנדיגער אינהאַלט אין אַ בוך, שיינט אַרויס ווי אַ דימענט אפילו צווישן ברוך...

* * *

דער גאָלדענער טאָוול...

אין אַ שראַנק האָט אַ בוך,
וואָס איז געשטאַנען אויבן־אָן,
גענומען שפּאָטן פון אַלע ביכער
מיט אַ חוצפה'דיגן טאָן:

ווייסט איר, אַז ס'איז אַ כבוד,
וואָס איך שטיי דאָ מיט אייך?
ווייל ווי קומט איר צו מיר?
איר זענט ניט מיינס גלייך.

גיט אַ קוק אויף מיין טאָוול,
אויף דעם גלאַנץ פון פּאַפּיר,
קיין איינער פון אייך דאָ
קען זיך ניט גלייכן צו מיר . . .

מיינע קליידער — פון לעדער —
גיבן מיר שטענדיגן שוץ.
און מיין זיידן העמדל
איז דאָך באמת אַ פּוץ.

און זעט מיינע זייטן,
ווי יעדער אות איז דאָ פריי,
אַ צאַצקע, אַ דריידל,
און פערזן צוויי־דריי.

און וואו וואו איך געפין זיך?
אַלע מאָל אין דער הויך.
באַשיצט אין אַ שאַכטל,
קעגן שטויב, קעגן רויך
— — — — — — — — — —
האַלט זיך אַ בוך ביי די זייטן,
כאָטש ער איז געלבלעך און אַלט,
נאָר זיינע ווערטער זיינען לויטער,
מיט חכמה צעשטראַלט:

„ווער עס האָט גאָרניט צו זאָגן
דער שרייט שטענדיג הויך...
ווייל גאווה וואוינט שטענדיג
אין אַ ליידיגן מוח.

„ער באַרימט זיך מיט גאָלד,
גייט פאַרפּוצט ווי אַ פראַנט,
און כאָטש ער שטייט אויבן־אָן —
נעמט אים קיינער אין האַנט"!..

ווילט איר זיך גרינטלעך געבן אַ גראָב אין לערנען? מוזט איר האָבן אויך זיץ־פֿלייש, חוץ אַ גוטן קאָפּ...

* * *

אַ שרייבער, ווי אַ בעקער, מוז שטענדיק האָבן אינזינען, אַז חוץ מאַכן אַ שיינעם פֿלעכטל דאַרף דאָס געבעקס פֿאַרמאָגן נאַרהאַפֿטיגקייט, טעם און זיין גוט אויסגעבאַקן...

* * *

די ראַם מוז זיך פּאַסן צום בילד, ווי דאָס קלייד פֿאַרן מענטשן...

* * *

אַ שרייענדיקע ראַם אויף אַ גוטן בילד, איז ווי שרייענדיקע צאַצקעס אויף אַ טייער קלייד...

* * *

פֿאַרפּוצן אַ רעדע מיט אַ פֿאָלקס־וואָרט, איז ווי נעמען וואַסער פֿון קוואַל צו באַגיסן דעם גאָרטן...

* * *

אַ גוטער מאָלער באַמערקט ניט נאָר דעם שטריך אין פּנים, נאָר אויך דעם מענטשנס כאַראַקטער אין האַרצן...

* * *

אַ שלעכטער בוך קען אַמאָל האָבן אַ גאַנץ געלונגענעם נאָמען, ווי אַ מיאוס מיידל קאָן זיך רופֿן שיינדל, און אַ נאַר — שלמה...

* * *

די זיכערסטע שורה אין דער באַלעבאַטישער פּרעסע איז די דאַטע, די וויכטיגסטע שורה — דער פּרייז . . .

* * *

אַ גוטער קריטיקער מוז ניט זיין אַליין אַ גוטער שרייבער, ווי אַ בעל־עגלה, וואָס קאָן פֿירן פֿערד און וואָגן מוז ניט קאָנען אַליין שלעפּן אַ וואָגן...

* * *

ווייס־פּאַפּיר איז אַזוי לאַנג אומשולדיק, ביז מ׳זעט שוואַרץ אויף ווייס דאָס פֿאַרשריבענע...

* * *

אַ העפֿט מיט ווייס־פּאַפּיר איז ווי אַ כּלה־מיידל. עס ווענדט זיך מיט וועמען זי ווערט באַהעפֿט...

* * *

אַ גוט ליד איז אַזאַ, וואָס חוץ׳ן גראַם — איז אויך פֿאַראַן אין דעם אַ טעם . . .

די העכסטע קריטיק אויף אַ קונסט־בילד: אַזאַ שיין, אינטערעסאַנט מיידל — ווי לעבעדיג! עס איז נאָר אַ ווייטאָג, וואָס זי וועט אַריינפאַלן צו אַ רייכן הולטאַי אין צימער...

זיי אויף דער וואַך!

פינצטער איז געוואָרן אין דרויסן,
און שווער איז דער קערפּער און מיד.
אַן אומעט איבער'ן וועג אויסגעגאָסן
און שלעפעריג איז געוואָרן מיין ליד.

דאָס פּאַפּיר פאַרקלעמט אין אַ הויפן
מיט'ן בליישטיפט פאַראויס ווי אַ שפּיז,
נאָר האָבן די אויגן פאַרמאַכט זיך
דערזען האָב איך אַ שרעקלעכן ריז.

אַ ריז, מיט שאַרפע פינגער ווי לאַמען,
אין אַ מאַנטל פון חושך פאַרהילט.
ער שטעכט און ער ברעכט אַלע צאַמען,
זיין מויל גאַוועדט פעך און ער שילט:

קיין זכר זאָל פון קיין זאַך ניט בלייבן,
צעשטערט זאָל ווערן אין מוטער די טראַכט.
די זון מוז ווערן אויף שטענדיג פאַרלאָשן,
עס זאָל בלייבן בלויז אַ אייביגע נאַכט.

האָט מיין אָרעם דערלאַנגט מיר אַ ציטער,
און געכאַפּט גלייך מיין בליישטיפט — די שפּיז...
אַ שטאָך — און עס איז פאַרשוואונדן,
ווי נישטיגע וואָלקנס דער ריז . . .

ווען דערוואַכט האָב איך אינמיטן דעם חלום,
האָט פריידיג די זון מיך באַגריסט:
מענטש, האַלט אָפן דיינע אויגן און מוח —
וועסטו ניט דאַרפן זיך שרעקן אומזיסט!

אַ בוך וואו עס לאָזט זיך איבערהיפּן זייטן ביים לייענען, איז ווי דאָס מאָנאָטאָנע לעבן ביי אַ מענטשן, וואו דער מאָנטאָג מיט'ן שבת זיינען איין פּאָר שקראַבעס...

* * *

אַ גוטער אַפאָריזם איז דער, וואָס ווערט אַן אַנטיק־ירושה און גייט איי־בער פון דור צו דור...

* * *

אַ שפּיל־וואָרט איז אַ שיינער שפּיל, ווען דאָס פירט צו אַ ציל...

* * *

אַ רייכע הים אָן אַ גוטן בוך, איז ווי אַ שיין פּנים אָן צוויי זעענדיגע אויגן...

* * *

מיינע פאַרמעגנס

איך האָב ניט קיין פאַרמעג פון קיין הייזער.
איך וויים ניט פון געשעפטן מיט ברייזער.
איך בין ניט קיין רענטלאָרד אויף דירות.
אָ, יאָ — איך פאַרמאָג מיינע „ווערט־פּאַפּירן",
נאָר ניט פאַר חשבון צי געשעפטן פירן:
ביכער און ביכלעך — זיינען מיין עשירות . . .

איך האָב ניט קיין רייכטום פון טאַטן.
פאַרמאָג ניט קיין געשעפטן, וואַרשטאַטן.
קיין טויזנטער ניט באַוויזן צו קלייבן.
מיין פאַרמעג — הונדערטערס אין סקיצן,
טויזנטערס — אין אַפאָריזמען, פען־שפּריצן
פון אַלץ, וואָס כ'האָב געקאָנט נאָר באַשרייבן . . .

איך האָב ניט קיין אוצרות אין באַנקען,
איך האָב ניט קיין גאָלד אין די שראַנקען,
קיין בעכערס, קיין לייכטער, קיין קווערטלעך.
ווען מיין מויל וועט זיך שליסן, די אויגן פאַרמאַכן,
וועלן מיינע יורשים גאַנץ רואיג קאָנען זיצן און לאַכן,
זיך טיילן מיט לידער און גלייכווערטלעך . . .

ס'וועט קומען דער פרילינג...

גרוי איז דער הימל, פאַרוויאַנעט די בלעטער.
קאַלט און האַרבסטיק איז געוואָרן דער וועטער.

די גרינס ווי פאַרשוואונדן ס'איז פון דעם גאָרטן,
בלויז מידע שטענגלעך מ'זעט דאָ און דאָרטן.

סטאַיעס פויגל פליען הויך איבער צאַמען,
פאַרזאָרגן דעם מאָרגן פליען זיי אַלע צוזאַמען.

זיי לויפן און יאָגן, אָפּט ווי פון ווינטן געטראָגן,
צו אַ וואַרעמען ווינקל זיך ערגעץ דערשלאָגן.

אַ פרוכטבאַרער בוים שטייט אין פעלד ווי אַ דאָרן,
הערט זיך צו צו דעם פייף פון ווינטיגן צאָרן.

און קוקט־צו מיט צער, ווי דער ווינט מאַכט זיך שפּאַסן
פון די בלעטלעך, די קינדער, אויף די אַרומיגע גאַסן...

נאָר בוימער און צווייגן פעסט שטייען און זיכער,
טראָץ בייזע קעלטן, פון דעם ווינט־מאַרעוויכער...

זיי קענען דעם ווינט שוין, זיין פייפן און „זינגען"...
נאָר זיין „אַרבעט" — פאַרניכטן, עס וועט ניט געלינגען.

אפילו ווען די זון שלאָפט אין האַרבסטיגן דרימל,
אויף וואָלקנס צעבעטע איבער דער גרוים פונם הימל.

בלויז אַ צייט געלינגט שטורעם שאַפן אומעט און טרויער,
נאָר בוים האַלט שטענדיג צו דער ערד־צו זיין אויער...

און מיטן קומען פון פרילינג, דעם ווינט וועט מען צאַמען,
ווען ס'איז געזונט נאָר דער בוים און טיף זיינע שטאַמען!...

רעדנער

דאָס קליגסטע וואָרט איז דאָס, וואָס מ׳זאָגט ניט אַרויס ווען מ׳איז אין כעס.

* * *

טראַכט איבער דריי מאָל איידער דו שיסט אַרויס אַ בייז וואָרט. דעם דריטן מאָל וועסטו נוצן שכל און בייטן דאָס וואָרט.

* * *

וואַרף זיך ניט מיט ווערטער, ווייל אַנדערע וואַרפן זיך מיט פויסטן...

* * *

פונקט ווי אַ שרייבער לייגט אויס פון בוכשטאַבן אַ וואָרט, אַזוי דאַרף יעדער רעדנער אויסלייגן ביים רעדן די ריכטיגע ווערטער, כדי קלאָר צו מאַכן זיין געדאַנק.

* * *

וואַרפן זיך מיט „הויכע" ווערטער, וואָס דער פאָלקס־מענטש קאָן ניט פאַרשטיין, איז ווי אויפהענגען אַ שיינע מאָלעריי מיט׳ן פנים צו דער וואַנט.

* * *

שיס ניט מיט פראַזן, ווייל דער פוסטער רויך וועט דיך פאַרראַטן.

* * *

פאַראַן ווערטער ווי פערל, וואָס מ׳טראָגט זיי אויפן האַרצן, און פאַראַן ווערטער ווי שטיינער — וואָס ליגן אויפן האַרצן...

* * *

גוט איז ווען דער עולם הערט דעם רעדנער רעדן. שלעכט איז אָבער ווען אַ רעדנער דאַרף ביים רעדן הערן ווי דער עולם רעדט צווישן זיך...

* * *

אַ גוטער רעדנער איז דער, וואָס קען זיין געדאַנק צעקייען אַזוי, אַז דער צוהערער זאָל פאַרדייען...

* * *

פאַראַן רעדנער, וואָס נוצן ניט קיין וואַסער ביים רעדן, און דאָך — האַלטן זיי וואַסערדיגע רעדעס...

* * *

דער כוח פון אַ גוטן רעדנער איז ניט נאָר אַליין צו עפענען אַ מויל, נאָר אויך האַלטן געשפּאַנט די צוהערער מיט אָפענע מיילער...

* * *

אַ קולטורעלער מענטש קען רעדן אפילו וועגן אומריינע זאַכן מיט אַ זויבערער שפּראַך...

א רעדנער — פול מיט פיבער,
שפּרינגט איבער בערג, איבער גריבער;
נאָר ווען עס צעלאָזט זיך דער נאַר
און גיט פּאַראויס אים אַ שפּאַר, —
פאָרט ער אַליין זיך דאַן איבער...

* * *

פאַראַן רעדנער, וואָס קנאַקן אָפּ אַ רעדע, נאָר — קיין יאָדרע קען מען ניט געפינען אין דעם...

* * *

וואַרפן פערלדיגע רייד אין אַ רעדע איז ניט גענוג. מ׳דאַרף דאָס קענען אויפסיליען אויף אַ פאָדים, וואָס זאָל מאַכן אַ גאַנצן געדאַנק...

* * *

פאַר ביליגע רייד קאָן מען אַמאָל זייער טייער באַצאָלן...

* * *

מיט פאַרשווייגן זאָגט מען אָפט אַ סך מער, ווי מיט אַ שלעכטן ענטפער...

* * *

מאַך ניט פון דער צונג אַן עק, דריי ניט מיט איר...

* * *

די גרעסטע חכמה איז די ניט אַרויסגעזאָגטע נאַרישקייט...

* * *

דער רייכסטער מענטש איז דער, וואָס קען שפּאָרן איבעריגע רייד...

* * *

די שפּראַך קאָן זיין פאַר דעם מענטשן דאָס גרעסטע פאַרמעגן — ווען ער צעבייט דאָס ניט אויף קליינגעלט...

* * *

קיינער גנב׳עט ניט קיין רייד — פונדעסטוועגן איז גלייכער ניט צו לאָזן הפקר די צונג...

* * *

פאַראַן מענטשן וואָס מאַכן פון אַ וואָרט אַ קוואָרט, אָבער ס׳איז אַלץ וואַסער...

* * *

ווען אַ רעדנער האַלט אין איין אונטערהוסטן ביים רעדן, איז אַ סימן, אַז ער ווערגט זיך מיט דער טעמע...

גלאָצן מיט די אויגן, וואַרפן מיט דער גריוועס, שרייען און וואַרפן מיט די הענט, קאָן שאַפן אַ טומל, אָבער — ניט קיין רעדע...

* * *

אַ גוטער רעדנער איז דער, וואָס רעדט קורץ און מ׳פאַרגעדענקט דאָס לאַנג...

* * *

דאָס גלייך־ווערטל פאַרן רעדנער איז ווי דאָס בלימל פאַרן הוט, און דער משל — ווי דאָס קנעפל פאַרן קלייד...

* * *

די פלאַטפאָרמע פון פּאָליטישנס איז ווי די פלאַטפאָרמע אויף דער בינע: עס ווענדט זיך ווער ס׳איז דער בעל־דרשן אויף איר...

* * *

אַ פאָלקס־רעדנער דאַרף שטענדיק האָבן אינזינען ניט רעדן צו נידעריק אין טאָן און ניט צו הויך אין דעם געדאַנקען־גאַנג...

* * *

דער ערלעכער רעדנער רעדט מיט קאָפּ און טרעפט אין האַרץ...

* * *

שיינע רייד אַפּעלירן צום אויער, טיפע רייד — צום פאַרשטאַנד...

* * *

מיט אַ שטאַרקער רעדע קאָן מען נאָך ניט געווינען קיין שוואַכן אַרגומענט...

* * *

פאַלשע רייד אין פּאָליטיק איז ווי אַ פאַלשער טאָן אין מוזיק — פון ביידן גרילצט אין די אויערן...

* * *

פאַרטיידיק דיין רעכט, נאָר פּרוביר ניט מיט געוואַלד צו בלייבן אַ „גערעכטער"...

צ י נ י ק ע ר

ס׳איז פרעמד זיי די נאַכט
און פאַר׳חושכ׳ט דער טאָג,
און דער טאָג ווי די נאַכט,
טויג זיי בלויז אויף אַ קלאָג.

ס׳איז פּוסט זיי דאָס לעבן,
אָן אַ בוך זייער שראַנק.

פּוסט וואָס זיי רעדן,
ווי פּוסט דער געדאַנק.

וואָס זיי זאָגן און מיינען
איז אַן אויסגעבלאָזן איי.
זיי פייפן אויף דער וועלט —
און די וועלט פייפט אויף זיי.

פון 23 — פינף מיליאָן . . .

(צו דעם יובל פון 300 יאָר יידיש־לעבן אין אַמעריקע)

גערוואַנדערט האָבן 23 אידן איבער לענדער, איבער וואַסערן,
געלאָפן וואו ס'האָט זיי געטראָגן דאָס אויג,
ביז זיי האָבן זיך דערשלאָגן צו קאָלאָמבוס'עס מדינה,
און ווי צו אַן אַלטן באַקאַנטן זיך געגעבן אַ פאַרנויג.

— שלום־עליכם, — האָבן זיי אַראָפּגעוואָרפן די פּעקלעך.
אַרויסגענומען די וואַנדער־שטעקנס פון זייערע הענט,
זיך אָוועקגעשטעלט מיט די פיס דאָ, אויף אַמעריקע'ס ערד,
און די שטעקנס צעשטעלט ביי אַמעריקע'ס ווענט.

אַזוי זיינען דריי הונדערט יאָר שוין פאַרלאָפן.
עס האָבן אידן געהאָלפן דאָ צינדן דעם פאַקל,
און אָנפילן שפּייכלערס און סקלאַדן און קאַסעס,
זיך פאַרוואָרצלט אין לעבן מיט הכל־און־בכל.

פון יענע דריי־און־צוואַנציג וואַגלענדיגע אידן,
זיינען אויסגעוואַקסן נייע דורות מיט גאָלדענע הענט
און באַרייכערט דאָס לאַנד מיט פינף מיליאָן אידן —
געגעבן אַמעריקע אַ ריזיגן פּראָצענט . . .

בענטשן מיר, און מיר בויען וואָס שטאַרקער דאָס לאַנד,
עס זאָל וואַקסן וואָס מער דער פּראָצענט אויף פּראָצענט
און שונאים וואָס ווילן דאָס ליכט דאָ פאַרלעשן
פאַרשטומט זאָל זייער מויל זיין און געליימט זייערע הענט! . . .

* * *

אַ מענטש קאָן טראָגן פאַר אַ צווייטן אַ פּעקל,
נאָר שווער איז צו טראָגן פאַר אַ צווייטן דעם יאָך.
מיקאָן פאַרדראָטעווען אַ צעבראָכענעם טעפּל,
נאָר שווער איז פאַרריכטן אין האַרצן אַ בראָך . . .

רייך און אָרעם

דער כוח פון רעאַקציאָנערן איז פינצטערניש און — אין זייער אייגענער פינצטערניש מוזן זיי ברעכן האַלדז און נאַקן...

* * *

דער רייכער, ווייזט אויס, ציילט קיינמאָל ניט זיין געלט, בשעת דער אָרעמאַן האָט שטענדיק אַן אויסגעציילטע פעני...

משה דער קעמפער

(געווידמעט משה און עטל רעזניקאָוו פון שיקאַגאָ)

עס האָט משה אין מצרים
געוואָלט באַפרייען די אידן,
זייערע קייטן צערייסן
און פירן צו פרידן.

האָט זיך פרעה צעצאָרנט,
אויף משה'ס געטרייהייט,
פאַר וואַגן צו פירן
דעם קאַמף פאַר דער פרייהייט.

האָט ער פּרובירט אים פאַר־
טרייבן,
און דערנאָך אים אַניאָגן
צו קענען אים און די אידן
מער פייניגן, פּלאָגן.

דער סוף, ווי איר ווייסט,
האָט דער ים זיי פאַרשלונגען,
און משה מיט'ן פאָלק,
האָבן שירה געזונגען!

אַזוי האָבן די שונאים
באַצאָלט זייער טייער,
פאַר פּרובירן פאַרפאָלגן
דאָס פאָלק און באַפרייער! . . .

* * *

ווען הערשער פאַרבייטן דעם געזעץ אויף זעץ, מוזן די פאָלקס־מאַסן צערייסן זייער נעץ...

* * *

דאָס מויל וואָס וויל זיך שפּייזן — מוז אויך זיין שטימע באַווייזן...

* * *

נויט — לאָזט ניט שמירן קיין פּוטער אויף ברויט...

* * *

צו זען דעם מאָרגנדיקן טאָג, דאַרף מען מער ווי אויגן־גלעזער...

* * *

דער וואָס האָט געטראַכט נעכטן פאַר'ן היינט, וועט אויך האָבן אַ מאָרגן...

מ׳קען אַמאָל דורך שמאָלע שטעגן דערגרייכן ברייטע וועגן...

* * *

אפילו צו אַ קלוגער עצה מוז מען צוליגן אַ פּלייצע...

* * *

ס׳איז ניט גענוג צו זיין צופרידן מיט דעם וואָס דו האָסט, דו מוזט פאַר־דערן אויך דאָס, וואָס דו דאַרפסט האָבן...

* * *

איינער ווייסט ניט וואָס צו טאָן מיט זיין רייכקייט, און אַ צווייטער ווייסט ניט וואָס ער זאָל טאָן, ווייל — ער האָט ניט וואָס צו טאָן...

* * *

אייניגע מענטשן זיינען אויסגערעכנט, אַז עס זאָל זיי ניט גיין מיט׳ן פּור־טער אַראָפּ — שמירן זיין גלייך דאָס ברויט אויףביידע זייטן...

* * *

אין שאָפּ — ווי אין מדבר . . .

ווי אַ מדבר זעט דער שאָפּ אויס,
באַגלייט מיט שרעק פון בייזע חיות.
ווי די מאָנסטערס — באָס און פאָרמאַן,
שטשירן ציינער מיט האַוואַיעס.

עס ליגן גאַנצע בערג מיט אַרבעט,
און צווישן שלאָגט אַ הייסע לאַווע.
מאַשינען הודזשען, פייפן, וואַיען —
ווי אין דער ווילדערניש די סאַווע.

ס׳איז פול דער דיל מיט שטויב און אָפּפאַל,
שמאַטעס אויפגעקנוילט ווי קוסטעס.
שטריק און פאָדעם — ווי פוילע וואָרצלען,
דאָס מענטשלעך וועזן אינגאַנצן פוסט איז . . .

און ווען דער באָס דאַרף צאָלן שכירות,
ציילט ער קללות און צעפּאַקט דאָס.
דאָן מיט שטעכלקעס טיילט ער אויס זיי —
ווי בוקעטן בלומען — פון ווילדן קאַקטוס . . .

ליגנדיג אויף די קני — קען מען זיך ניט בריקען...

* * *

אין קאַמף פאַר ברויט, טראַכט אויך פון פוטער...

* * *

* * *

ווען איר טראַכט פון זאַכן וואָס גייען ניט גלאַט, האָט אינזינען, אַז אויך פוטער שמירט זיך ניט אָן גלאַט אַלע מאָל ווי מ׳וויל...

* * *

די וועלכע זאָגן, אַז זיי גיבן צדקה אָן אַ חשבון, האָבן אַ גוטן חשבון דערביי...

* * *

אַ סך עקספלאָאַטאַטאָרס פאַרמוטשען טאַטעס פון קינדער אין זייערע שעפּער, דערנאָך פאַרדינען זיי מצוות פאַר העלפן אלמנות און יתומים...

* * *

ניט יעדערער וואָס פאַלט פון די פיס איז אַ טרינקער, אַ שיכור, און ניט יעדער גראָבער יונג מוז דווקא זיין אַ דיקער...

* * *

עס איז גוט צו האָבן געלט, ווען מ׳דאַרף דאָס האָבן. נאָר שלעכט איז מיט געלט — ווען מ׳האַלט דאָס באַגראָבן...

* * *

די בין זויגט אויס די בלום, באַלעקן מיר זיך מיטן האָניג. די קו עסט אויף די גראָז, טרינקען מיר די מילך פון איר. נאָר ווען דער באַלעבאָס פאַרשלינגט אונזער פּראַצע — בלייבן מיר אָן כוחות...

פאַר׳ן פינפטן אַמענדמענט

מ׳האָט אונז געלערנט, אַז פריי איז דאָס לאַנד
און פרייהייט איז פאַראַן דאָ פאַר אַ יעדן,
סיי אין דער פרעסע צו שרייבן אַ וואָרט,
און סיי פאַר׳ן מויל אויך צו רעדן.

איצט האָט רעאַקציע אַ תכלית געמאַכט,
דאָס פאָלק קען זיך קלאָר איבערצייגן;
פרייהייט פון וואָרט — אַ פראַגע איז איצט?...
און עס קומט אויס אויך קעמפן פאַר שווייגן...

אַן אידעאַל איז דאָס, וואָס קען ברענגען נוצן צו דער גרעסטער צאָל פון דער מענטשהייט. אָבער עס זיינען פאַראַן מענטשן, וואָס מאַכן פאַר זיך אַן אידעאַל צו עסן אַליין אַ רייכן מאָלצייט...

* * *

צאַליע — די שטומע ליאַליע

געווען אַמאָל איז איינער צאַליע,
אַ גראָבער יונג, אַ שטומע ליאַליע.
ר'האָט ניט געלערנט, ניט געלייענט,
בלויז צו „פּרייז-פאַיטס" פלעגט ער גיין . . .

נאָר זיין מאַמע פלעגט אַלץ זאָגן:
צאַליע וועט זיך שוין „דערשלאָגן" . . .
איז ניט מיט מויל, האָט ער קולאַקעס,
ווער אַ וואָרט — ער גיט סטוסאַקעס . . .

אין אַ סטרייק פלעגט ער סקעבן,
אַזוי „אויסגעשלאָגן" זיך אַ לעבן . . .
און פון זיינע קרומע וועגן —
האָט ער געמאַכט זיך אַ פאַרמעגן . . .

אויפגעעפנט זיך פאַבריקן,
און די „הענט" גענומען שטיקן.
געוואָרן איז ער אַ גאַנצער מייסטער,
פאַרשטייט זיך, אַלץ אַדאַנק דעם טייסטער...

קוועלט זיין מאַמע: געזונט זיין זאָל ער,
ווי עס רעדט ביי אים דער דאָלאַר.
בלויז אַ וואונק און ס'איז שוין אַ „מאָושאָן",
די שטומע ליאַליע — האָט דאָס לשון . . .

נאָר פלוצים — ווײ, אַ רואינע!
ווי קומט צו אים אין שאָפּ אַ „יוניע"?
אָבער צו סעטלען איז ער געקומען,
געמאַכט אַ „צלם" — ער וועט שוין שטומען! . . .

אַן אידעאַליסט גיט דאָס בעסטע וואָס ער פאַרמאָגט — צום פאָלק. און אַ עגאָאיסט נעמט דאָס בעסטע פאַר זיך פון יעדן איינעם.

* * *

דער ערלעכער פאָלקס־טוער וועגט ניט און מעסט ניט אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן פאַר אַנדערע, פונקט ווי די זון ציילט ניט אירע שטראַלן, וואָס זי טיילט צו דער וועלט..

* * *

אין דער היינטיגער וועלט, קען איינער ווערן דורך געלט פאַרניכטעט און אויך ווערן געראַטעוועט דורך געלט...

* * *

רייכע ווילן נאָר ציילן, און דאָס פאָלק — אַלץ צו צעטיילן...

* * *

אַ פוסט־און־פּאַסניק איז ווי ווילד־גראָז אין גאָרטן: אַליין פּראָדוצירט ער גאָרניט און איז נאָך אַ פּאַראַזיט אויף די פרוכטבאַרע פלאַנצונגען...

* * *

אַ געראָטענער מענטש איז ווי אַ געראָטענער גאָרטן: ניט נאָר גיט ער שיינקייט פאַר'ן אויג, נאָר אויך זעט פאַר'ן פאָלק.

* * *

פאַראַן רייכע מענטשן, וואָס זיינען ווי דערנער אין וועג: זיי בליען ניט, גיבן ניט קיין פרוכט און שטערן נאָך דעם אַקער־אייזן צו גיין זיין גלייכן וועג...

מיט'ן פנים — געגן שונאים!

מעג רעאַקציע האַקן, פּאַסעווען,
פון לייב אונז רייסן שטיקער.
נאָר גערעכט וועט אַלץ ניט זיין,
דער רויבער, אונטערדריקער.

ס'איז גרינג זיך קייקלען באַרג
אַראָפּ,
מיט בלאָטע זיך באַגיסן,
און שווער איז גיין באַרג אַרויף
מיט'ן קאָפּ פאַרריסן.

נאָר אַ שטאָלצער מענטש האָט
דעם מוט
צו קעמפן מיט די שונאים,
ער רייסט אַראָפּ צוויי פּנימ־
דיגקייט —
און היט זיין אייגן פּנים.

געווים זיינען קייטן זייער שווער
אויף הענט און פיס צו טראָגן,
נאָר אַ מאַסקע אויפ'ן פּנים —
איז נאָך שווערער צו פאַרטראָגן...

דער רייכער זולל־וסובא
טוט איין מאָל אַ יאָר אונז אַ טובה:
שענקט כלומרישט געשאַנקען,
מ׳זאָל אים חנפינען און דאַנקען
פאַרן שטיקל אינדיק מיט „גרעיווי״.

* * *

ווי קרום די וועגן זאָלן ניט זיין, מוז אַ פירער שטענדיק קוקן גלייך...

* * *

דער גוטער פירער מוז שטענדיק געדענקען, אַז צו ענדערן דעם בליק פון די מאַסן אויף נייע געשעענישן, מוז ער אַליין זיין באַהאַוונט אין דעם, וואָס עס טראַכטן די מאַסן.

* * *

דער וואָס האָט אַ האַרץ צו טרעטן אויף פּאַרזייטע בייטן, קען אויך טרעטן אויף מענטשלעכע געפילן...

* * *

דער באָס דינגט, דאַכט זיך, ביים אַרבעטער די הענט, נאָר פונדעסטוועגן וויל ער שטענדיג, אַז דער אַרבעטער זאָל אויך צולייגן זיין קאָפּ...

* * *

פאַרוואַרפן אַן עקספּלואַטאַטאָר, אַז ער איז האַרצלאָז, איז ווי וואַרפן אַ קאַטשקע אין וואַסער...

* * *

אַן אורח אויף שבת...

עס געוועלטיגן הערשער
מיט טיטל פון קעניג,
האָבן בריליאַנטן און קרוינען,
דאָך אַלץ איז זיי ווייניג.

פאַרשטייען איין שפּראַך נאָר:
רייסן שטייער און שטייער,
אום צו האַלטן די מאַכט —
צעצינדן זיי פייער...

רייסן שטיקער פון פאָלק
מיט זייערע חיה׳שע ציינער
און צירן דאָס האַרץ זיך
מיט פּערל און שטיינער...

און זינקט וואו אַ קעניג
פון זיין טראָן, ווי אַ קורח,
ווערט ער געלאַדן פון וואָל־סטריט
אויף שבת אַן אורח...

די פאָלקס־מאַסן זיינען ווי די גאָלד־מינען, וואָס טראָגן אַ פאַרמעגן אין זיך, נאָר עס דאַרף זיין עמיצער וואָס זאָל אויפרודערן דאָס גאָלד עס זאָל זיך איבערשמעלצן...

* * *

כדי צו דערהויבן די מאַסן צו זיך, דאַרף דער ערלעכער פירער די ערשטע זאַך זיך דערגרונטעווען צו די מאַסן־מענטשן...

* * *

שיינע רייד פון אַ פירער טאָרן ניט זיין ווי דאָס קינסטלעכע פייער אין קאַמין, וואָס וואַרפט ליכט צווישן האָלץ און קוילן, נאָר קיין וואַרעמקייט גיט עס ניט...

* * *

מ׳קאָן דערקענען אַ מענטשן לויטן העמד און קראַוואַט צי ער האָט אַ היים, און אַ מאַלצייט צו זאַט..

* * *

מאַי — מיינט זיין פריי!

ערשטער מאַי הי־געבוירעניזך
דאָ אויף אונזער קאָנטינענט.
יום־טוב פון אַרבעט, פראַצע,
לכבוד דעם אַרבעטער׳ס הענט.

יום־טוב וואָס דערמאָנט
די וועלט זאָל וויסן ווער איז ווער.
ווער געבויט האָט די קוילן־שאַכט,
ווער עס נוצט האַמער און שער.

ווער פירט באַן און עראָפּלאַן,
ווער מאַכט ציגל, קנעט ליים,
ווער מאַכט דעם טיש און די באַנק
און אַלץ פאַר דער היים.

ווער עס טרייבט די מאַשינען,
שטעלט אונטער אַרעם און קאַרק.
שאַפט אַלץ וואָס איז נויטיג,
דאָס לאַנד מאַכן שטאַרק.

וויל רעאַקציע איצט טויטן
אַמעריקעס אייגן קינד...
פאַרניכטן און צעשטערן,
צעשטויבן אין שטורעם און ווינט . . .

זי וויל דעם יום־טוב פון אַרבעט,
פאַרוועהרן זיין פריי,
„סובווערסיוו" אים דערקלערן,
פאַרוואַנדלען — אין שקלאַפעריי.

אָבער אַזוי לאַנג ווי עס לעבט
דעם אַרבעטער׳ס כוח און הענט,
וועט ער ניט לאָזן זיין יום־טוב
ווערן פון פאַרפירער געשענדט !...

די שאַנד — פון לאַנד

אין „סאָוט", וואו איר וואַרפט אַ בליק,
זעט איר זייגערס גיין צוריק . . .
צו יענעם פּעריאָד און קוואַל,
ווען געהערשט האָט קאַניבאַל . . .

עס שטייט אייזן־פעסט אַ מחיצה־וואַנט,
וואו ווייסער באָס האָט אויבערהאַנט.
און נעגער קאָכט און נעגער ראַמט,
און געגן אים די לופט מען סמ'ט.

ער וואַשט די פענצטער, וואַשט דעם דיל,
מען טרייבט מיט אים אַ בייזע שפּיל,
די נעגער־פרוי היט אַ ווייסנס קינד,
נאָר פאַר איר איז עס אַ זינד —

ווען איר קינד עס פילט זיך שלעכט
צו מאָנען וואו פאַר אים דאָס רעכט,
אויף אַ סקול, אין אַ שפּיטאָל,
און אַ ביסל ליכט אין טאָל . . .

זאָגט מען דאָ ניט גיי, און דאָ ניט זיץ,
נאָר אין פעלד אין גרויסער היץ
קלייב דעם „קאָטן", גראָב די ערד
און אין שפּאַן גיי ווי אַ פערד . . .

נאָר וואַגסטו עפענען דיין מויל —
וועסטו פילן דער פּעטליעס גרויל . . .
וואָס באַדעקט די סאָוט מיט שאַנד,
און דערמאָנט שטאַרק — היטלער־לאַנד . . .

* * *

ווען אַ שרייבער מיט אַן אָרימער פאַנטאַזיע פאַרמעסט זיך אויף אַ גרויס ווערק, איז ווי אַ פישער זאָל מיט אַ האָקן פאַר העכטלעך זיך פאַרמעסטן צו כאַפּן אַ וואַל־פיש...

גע‏פונען האָט אַ „קלוגער באָס"
פאַר שפּאָרזאַמקייט אַ פּאָרטל,
דעם אַלטן טריק צו מאַכן ניי —
זיך איינציען דעם גאַרטל...

און אויב אויך דאָס ניט העלפן וועט
די גרויסע נויט צו לייזן,
האָט ער גלייך דערטראַכט זיך שוין,
צו קירצן אויך די הויזן...

* * *

דער סנאָב, וואָס פאַררייסט די נאָז געגן פאָלקס־מענטש טאָר ניט פאַר־געסן, אַז ווען ניט די געזונטע וואָרצלען פון עפּל־בוים, וואָלטן זיינע עפּל געוווען פאַר ווערים צו עסן...

* * *

דער פירער איז ווי אַ בוים,
וואָס שטייט אין זון באַהעלט,
אָבער די מאַסן — זיינען די זאַנגען,
די יניקה פון פעלד . . .

* * *

דער מענטש, וואָס רעכנט בלויז דאָס געלט און באַרעכנט זיך ניט ווי ער האָט דאָס פאַרדינט, צאָלט טייער אין סך־הכל...

* * *

די מטבע ווייס ניט וועמען זי דינט און — ווי אַזוי איינער האָט זי פאַר־דינט...

* * *

פון דעם אַרבעטערס כשר פאַרדינטע סענטן שפּאָרן אָפּ באַלעבאַטים אַ סך טריפה׳נע דאָלערס...

* * *

פאַראַן מענטשן, וואָס לאָזן ירושות אין רייכטום, און — פאַראַן אַזוינע, וואָס לאָזן רייכע ירושות דורך מעשים...

* * *

דעם רייכן פעלט אַ גרויסער מאָגן,
ווען דעם אָרעמאַן עס פעלט דער ביסן.
און, פאַרשטייט זיך, נאָר דערפאַר —
ווייל עס פעלט דעם רייכן אויך געוויסן.

דער וואָס שפּילט זיך מיטן געלט אין קעשענע פאַרשפּילט די שיינקייט אין לעבן...

* * *

דער פּראָ־סענט־ניק איז רייך פון אָרעמקייט, אָבער ס׳איז שווער צו אָפּ־שפּאָרן פּריינט פון פּראָצענט...

* * *

פאַראַן מענטשן, וואָס האַלטן אין איין רייסן און שפּאָרן, דענקענדיג, אַז נאָכ׳ן טויט וועלן זיי לעבן אַ טאָג...

* * *

ביים אַרבעטער ליגט דער כוח פון זיין שאַפן אין די הענט, ביים רייכן — אין די „פינגער״...

* * *

די שטאָט־טאַטעס . . .

נייעס און נייעס פון פרישע פאַרברעכער,
פון מערדער, פון רויבער, פון שיסער און שטעכער.

אַלטע און יונגע און גאָר יונגע קינדער,
מיט מעסער און ביקס אין אַ לעבן פון פלינדער.

„קידנעפּינג״ איז שוין קיין נייעס ניט מערער,
אַזוי אויך שלאָגן אַ טאַטן, אַ מאַמען, אַ לערער.

באַפאַלן דאָ פרויען אין דער היים און אויף שטעגלעך,
אַ באַנק דאָ באַרויבן, פּאַסירט שוין טאָג־טעגלעך . . .

צעגיסט זיך די פּרעסע מיט שונד־קאַפּיטלעך,
און די שטאָט־טאַטעס קוקן און לאַכן געמיטלעך.

מ׳רעדט כלומר׳שט פון גאָט, פון פרומקייט, פון גלויבן.
און אונטערוועלט גלאַנצט דאָ — דער הערשער פון אויבן...

פוילט דאָ דאָס לעבן — ווי ווערים אין שמאַטעס
און ווייַ צו די קינדער — פון אַזעלכענע טאַטעס . . .

דער רייכער העלפט שאַפן דעם דלות,
דער פּאָליטישן העלפט רייסן די פּאָלעס,
די פרייהייט פאַרלעצן,
דעם קעמפער פאַרזעצן,
און פאַרפלייצן דאָס לאַנד מיט יללות...

* * *

שיינע רייד פון אַ פּאָליטישן זיינען פונקט אַזוי ערנסט, ווי דאָס סקריפּען פון אַ טיר איז מוזיק...

* * *

אַ פּאָליטישנס לאַסקע — איז שטענדיג אַ פאַסטקע...

* * *

בויען אויף צוזאָגן פון אַ פּאָליטישן איז ווי קויפן אַ מאָלערייי אויף זאַמד...

* * *

פּאָליטיקער אָן אידעאַלן זיינען גרימירטע פּאָליטישנס אין אַ ציליג־דער און פראַק...

* * *

ווען אַ פּאָליטישן קושט אייער קינד פאַר די וואַלן, זייט גרייט פאַר אַ ביס נאָך די וואַלן...

* * *

די פּאָליטישנס זיינען דאָס ווילד־גראָז פון געזעלשאַפטלעכן לעבן; און אויב איר זיינט ניט פאַרזיכטיג אין טאָג פון די וואַלן זיי אויסצוריסן, וועט איר זיך שפּעטער אָפּבריען פון דער קראָפּעווע...

* * *

ווען אַ פּאָליטישן גיט אייך אַ שלום־עליכם, האָט אינזינען גלייך איי־בערצוציילן די פינגער פון אייער האַנט...

* * *

אין פּאָליטישנס פאַררויכערטן ציגאַר טליעט דער „רויך־פּאַרהאַנג" פאַר שווינדל און אָפּנאַרעריי...

* * *

פאַר די וואַלן רעדן פּאָליטישנס גאָלדענע רייד. נאָך די וואַלן בלייבט דאָס פאָלק ביי די רייד און די פּאָליטישנס — ביים גאָלד...

* * *

וואו ס'איז פאַראַן סאָציאַליזם איז ניטאָ מער קיין „ערשטער" פאַר לענד־לאָרדס צו מאָנען רענט, און — אַרויסשטעלן אין גאַס. אָבער דער ערשטער מאַי איז פאַרבליבן דער ערשטער!

מימוז באַרגן — פאַרן מאָרגן

ווידער גיט מען אונז צו וויסן,
אַז די פרייזן שטייגן.
פאַר אַ דאָלער קענט איר קריגן,
ווי מ׳זאָגט — צוויי פייגן . . .

אויך די לענדלאָרדס נעמען הוליען
(ניט חלילה צוליב אַ שטיף־טאָן).
ווען מיט טרעפ עס קריכן טענענטס,
פאָרן פרייזן מיט די „ליפט״ן . . .

איז אָנגעפּוישט דאָס פאָלק מיט צאָרן,
און פּוסט דער מאָגן — ביז חלשות.
פּליוכעט וואַסער דער פּאָליטישן,
און ער קאָרמעט אונז מיט דרשות.

שטייען מענטשן, בליקן פאַלן,
ווען די פרייזן שטייגן, וואַקסן.
ניטאָ איז מער שוין וואו צו באָרגן —
כאָטש באָרגן ס׳„קאַפּיטאַל״ פון מאַרקס׳ן.

* * *

די שפייכלער זיינען פול מיט שפייז,
געפּאַקט אין זאַק און קאַסטן;
קוקט מיט חזוק דער פּאַראַזיט,
און — פאַר צרות הייסט ער פאַסטן...

* * *

ניט אַלע, וואָס לערנען מאַרקסיזם קאָנען אים פאַרשטיין.

* * *

קאַרל מאַרקס האָט דעם מאַרקסיזם קיינמאָל ניט געלערנט — און דאָך אַזוי גוט אים פאַרשטאַנען...

* * *

אויך דער עקספּלואַטאַטאָר, ווען ער טרעפט אַ זשוקל אויף אַ גרינעם בלאַט אין זיין גאָרטן, שרייט אויס: „פּאַראַזיט!״

סאָציאַליזם איז אַ גוטע באַלעבאָסטע, װאָס פּלאַנירט אויס איר מעניו אין פֿאָראויס. קאַפּיטאַליזם איז אַ קאַפּעטעריע, װאָס גרייט אויך אָן אין פֿאָר־אויס, נאָר אויב עס בלייבט איבער, װערט מאָרגן פֿון סטעיק — האַמבורגער, פֿון פֿלייש — פֿריקאַזי און פֿון די װיטאַמינען — בויך־װייטאָג...

* * *

דעם אָרימען אַרבעטער, װי דעם בוים, קומט אַלע מאָל אויס גראַד אום װינטער צו זיין נאַקעט...

* * *

װען אַ רייכער גיט אייך אומזיסט אַ שמעק טאַבאַק, מוז ער געװיס האַנדלען מיט נאָז־טיכלעך.

* * *

אָרימע מענטשן מוזן קענען גוט רעכענען, װייל זיי האָבן שטענדיג שװערע חשבונות פֿאַר זיך, בעת די רייכע איז גוט, — זיי קענען לעבן אָן חשבון...

* * *

װען איר גייט צום שטים־קאַסטן,
גייט ניט װי אין חלום.
אייער שטים קאָן באַשטימען
אַנשטאָט קריג — זאָל זיין שלום...

זאָל לעבן דער ערשטער מאַי!

עס קאָן איינער זיין בלינד,
זיך פֿאַרשטעלן די אויגן,
נאָר די זון קאָן ניט קיינער
האַלטן מיט אַ פֿאָרהאַנג פֿאַרצויגן.

ס׳קאָן איינער די דאַטע
אויפֿ׳ן קאַלענדאַר זיך פֿאַרבייטן,
נאָר דאָס װעט ניט בייטן דעם
װייזער,
װאָס װייזט נייע צייטן.

ס׳קאָן באַװייזן רעאַקציע
אַ פּאָזיציע פֿאַרכאַפּן,
נאָר זי קאָן ניט פֿאַרהאַלטן
די הערצער פֿון קלאַפּן.

איז װיפֿיל דער שונא
זאָל ניט פּרובירן פֿאַרשװערן,
װעט ער אַרבעטער׳ס יום־טוב
ניט קאָנען פֿאַרשטערן.

קלאַפּן הערצער צוזאַמען,
אין גייסט פֿון פֿאָנען זיי שװעבן,
זאָל לעבן דער שלום פֿון פֿעלקער
און עס װעט דער ערשטער מאַי
לעבן!

אין אַ וועלט — וואו עס פעלט

עס קאָן איינער פירן אַ סך ציגל,
אַ צווייטער מישן אַ סך ליים.
דאָך ניט האָבן פאַר זיך אַ ווינקל,
צו לעבן רואיג — אין אַ היים.

ס'קען זיין איינער אַ גוטער שניידער,
צי אַ שוסטער וואָס מאַכט שיך,
און ניט האָבן דאָס וואָס נויטיג,
ווען ער וויל באַקליידן זיך.

עס קען זיין איינער אַ קוילנגרעבער,
זיין לעבן שטענדיג איינגעשטעלט.
דאָך אין הויז — ווי אין דער מאַין,
הערשט אַ חושך, ווייעט קעלט . . .

עס קען איינער אַרבעטן אויף פעלדער,
פאַרזייען תבואה, זעצן קרויט,
און אין הויז זאָל הערשן הונגער,
פייפן דלות, באַגלייט פון נויט.

עס קען איינער אַרבעטן אין באַנקען,
האָבן טויזנטער אויף די הענט,
און דאָך מוז ער קאַרגן, שפּאָרן,
ווייל אויסגעציילט איז יעדער סענט . . .

אַזוי קען איינער זיין אַ שרייבער,
מאָלן גליקן אויפן ווינט,
נאָר אייגענע צרות צו באַשרייבן —
פעלט אים שטענדיג פּאַפּיר און טינט . . .

* * *

אַן אידעאַל קען אַ מענטש זיך ניט קויפן, אָבער צום באַדויערן, זייער גרינג פאַרקויפן...

* * *

ווען די וועלט וואָלט זיין גלייך, וואָלט יעדער אָרעמאַן געגאַנגען אין גאָלד...

דער ערלעכער אַרבעטער האַלט זיך אַלעמאָל ביי איינס, און — אַזוי פייערט ער דעם ערשטן מאַי.

* * *

טאַקע ווייל די שיך זיינען צעריסן, מוז מען פֿאַראַדירן דעם ערשטן מאַי.

* * *

דער פּאַראַזיט, רעקעטיר און נעמער,
שעפּט פֿאַר זיך אַלץ מיט אַן עמער.
דאַרף ער געבן דעם אָרימאַן אַ טראָפּן —
זוכט ער באַלד דעם קוואַל פֿאַרשטאָפּן...

* * *

כדי צו קאָנען אַ גאַנץ יאָר זיצן ווי אַ מענטש אין שאָפּ, מוז מען דעם ערשטן מאַי פֿאַראַדירן ווי אַ מענטש אין גאַס!

* * *

דער אַרבעטער, וואָס ווייזט זיין פּנים אין גאַס דעם ערשטן מאַי, קעמפֿט מיט דעם, אַז די וועלט זאָל האָבן אַ פּנים...

* * *

דער ערשטער מאַי איז אַזוי אַלט ווי דער קאַלענדאר און דאָך אַזוי יונג־צאַפּלדיק ווי אַ פֿרילינג־בלאַט...

* * *

אפֿילו אַ בלאָטע, וואָס ווערט קולטיווירט, קריגט דאָס גאָר אַן אַנ־דער פּנים...

* * *

ער מוז לעבן...

אַ גאַנצן טאָג שטייט ער אָפּ,
זוכט אַרבעט אין דעם מאַרקעט,
און אויף קאַווע האָט ער ניט
אַ מטבע אין זיין פּאַקעט.

ווייל ער פֿאָרן באָרגן וואו,
אָדער גאָר זיך לאָזן „האַיקן",
זיינען אָפּן זיינע שיך —
און די פֿיס גייען ניט — זיי סטרייקן...

אין גראָסערי מיבאָרגט ניט מער —
אַלע בלעטלעך שוין פֿאַרשריבן..
בלויז נאָר באָרגן ביי אַ פֿריינט,
אַ מיטל איז פֿאַרבליבן.

איז זייער שווער אַ לעבן אַזאַ,
ער עסט זיך האַרץ און לעבער.
נאָר שטאַרבן, זאָגט ער, ווייל ער ניט,
ער וויל באַגראָבן די באַגרעבער.

עס וויל וואָל־סטריט פאַרקאָכן אַ יאַיכל,
פון מענטשלעכן בלוט אַזאַ מאכל,
אַז זייערע זשעדנע צינגער
זאָלן קאָנען לעקן די פינגער,
אָבער צום סוף וועט זיי דרייען אין בייכל...

* * *

אַ הונגעריגער קען ניט זאַט זיין
פון שטיקן דעם הונגער אין בעט,
אַ האָרעפּאַשניק קען גאָרניט פאַרדינען
פונים קלאַפּן אין האַרצן על־חטא...

* * *

מ׳קען לעבן אין דער ווילדערניש פון דער נאַטור, און דאָך זיין באַ־האַוונט אין קולטור...

* * *

די הויכע זאַנג אין פעלד איז דער הימל־קראַצער פאַר דער מוראַשקע...

* * *

ווי אַלט דער קאַלענדאַר זאָל ניט זיין, איז דער ערשטער מאַי — אַלע מאָל ניי!

* * *

דער כאַראַקטער פון אַ מענטשן ווערט ניט ווייכער מיט דעם, וואָס ער שלייפט זיין וויסן — פונקט ווי אַ דימענט ווערט ניט ווייכער פון דעם, וואָס ער ווערט געשליפן...

* * *

דער מענטש, וואָס גיט ערלעך אַוועק זיין לעבן פאַר אַן אידעאַל — בלייבט שטענדיק לעבן...

* * *

דער אמתער אידעאַליסט, וואָס גיט זיין קאָפּ פאַר די פאָלקס־מאַסן, זוכט ניט קיין מאַרטירער־קרוין.

* * *

עס קלאַפּט דער רעאַקציאָנערער באַראַבאַנשטשיק:
פאַראייניגט זיך, גרעפּטער, קאַרמאַנשטשיק,
וואו איר זעט נאָר אַ רמז
פון אַ וואָרט וואָס איז אמת,
ראַמט אויס און דערלאַנגט מיטן קאַנטשיק...

מ׳דאַרף קאָנען — מאָנען!

די פּאָליטישנסליידן פון אַמנעזיע,
ווי אַ מאָגן אַ קראַנקער — פון צופיל עסן.
פאַרשוואונדן די רעדעס, אוועק מיט׳ן וואַסער,
זיי ווייסן ניט אפילו, וואָס זיי האָבן פאַרגעסן . . .

זיי זיינען פון יענע „פאַרגעסערס", וואָס
האָבן גלייך פאַרגעסן אַלע טובות,
אָפּגעמעקט די בלעטלעך פונ׳ם ביכל
און אוים אײַנגאַנצן מיט די חובות . . .

אזוי האָבן זיי גע׳דרשנ׳ט שיינע רייד
און געבויט אויף עולמ׳ס קורצן זכרון . . .
דער סוף פון די הונדערטער צוזאָגן? —
א גול איז פון יעדער הונדערט געוואָרן . . .

און דאָך איז פאַראַן אַ גוטער מיטל,
ווי אַזוי דעם פּאָליטישן צו דערמאָנען:
דער בירגער אַליין זאָל אויך נישט פאַרגעסן,
דאָס וואָס אים קומט — זאָל ער קלאַפּן און מאָנען!

* * *

אַ רויבער און אַ שענדער קאָן זיך ניט פאַרשטעלן מיטן צילענדער...

* * *

דער וואָס האָט אַ סך געשעפטן,
דער האָט אויך אַ סך זאָרגן.
נאָר עס איז ניט צו פאַרגלייכן —
מיט דעם, וואָס דאַרף לייען און באָרגן . . .

* * *

מיט אַ געציילטער מטבע קען מען ניט זאָגן קיין דעה...

* * *

ווען איינער לאָזט זיין קעשענע קלינגען, העלפן אַלע אים צו זינגען...

* * *

געלט איז טאַקע קיילעכדיג, אָבער מערסטנס קייקלט זיך דאָס נאָר אין איין ריכטונג...

גרעפּט איז אָפּט אַ „פּעטענט“-שליסל, וואָס עפנט כמעט אַלע טירן...

* * *

גוטע מענטשן טיילן זיך מיטן ביסן, שלעכטע מענטשן — בייסן זיך איינע די אַנדערע...

* * *

דער רייכער פאַרמאָגט אַ סך פּלאַץ פאַר זיינע עשירות, אָבער מערסטנס ליגט זיין רייכקייט אים אין קאָפּ...

* * *

אַ קלאָג פון אַ רענטלאָרד

באַקלאָגט זיך שטאַרק אַ רענטלאָרד:
(ווייזט אוים איינער פון די שאַרקן)
„כ'האָב שטענדיג „טראָבל“ מיט מיין מאַשין
ווען נאָר עס קומט מיר אוים צו פּאַרקן“ . . .

אַז די מאַשין איז אַ הויז די גרויס,
און ס'איז די גאַס — פון יענע געסלעך . . .
קיינמאָל ווערט דאָס ניט אָפּגעראַמט,
קלייבט זיך אַלץ אַרום די פּעסלעך...

ווען דער ע ר ש ט ע ר וואָלט היינט ניט זיין,
ווען ער מ ו ז די רענט דאָ קריגן
וואָלט ער זיכער זיך דאָ ניט אָפּגעשטעלט
צווישן „גאַרבעדזש“, קעץ און פליגן . . .

טראָגט דער „סופּער“ אים אַרוים
אַ פּאַק דירה-געלט אין זשמעניע,
דער רענטלאָרד שאַרט זיך אָפּ די שיך —
און פאָרט אָפּ צו זיין אימעניע.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַזוי לעבן מענטשן אין די „סלאַמס“.
נאָר וואָס קימערט דאָס די שאַרקן.
ס'איז ענג דאָס לעבן? ניטאָ קיין לופט? —
זיי פעלט בלויז פּלאַץ צום „פּאַרקן“ . . .

מלחמה־מאַכער זוכן
פון אַטאָמען — שפּאַלטן כוח,
נאָר דעם אָרימאַן שפּאַלט זיך
פון זאָרגן דער מוח . . .

* * *

די מטבע האָט צװיי זייטן, און דער געלט־גייציגער צװיי פּנימ׳ער...

* * *

פאַלשע פירער זיינען װי די עקספּלואַטאַטאָרס פון גאָלד־מינען: זיי נעמען אַרויס װאָס עס לאָזט זיך פאַר זיך און — שטעלן אָפּ אַ פּוסטקייט אונטער די פיס...

איך האָב ליב אַמעריקע!

די בריקן, די טונעלן,
איך האָב ליב אַמעריקע
מיט איר גרױם פאַרמעגן:
די שפּייזן, די װעגן.

די פעלדער, די סעדער,
די בערג און די טאָלן,
די פאַבריקן, װאַרשטאַטן,
און די מילן װאָס מאָלן.

און ליב איז דער שאַפער,
דער דאָקטאָר, דערפינדער,

און דער װאָס לערנט, דערציט,
שאַפט תכלית פאַר קינדער.

ס׳איז ליב מיר און טייער:
דער העקער, דער פעקער,
דער שוסטער, דער שניידער,
דער סטאָלער און בעקער.

לאָמיר בויען אינאייינעם,
די פרייד־פּיראַמידן.
זאָל אַמעריקע לעבן
און זאָל לעבן דער פרידן!

* * *

האָבן אַן אָרגאַניזירטע יוניאָן און ניט זיין פּאָליטיש אָרגאַניזירט איז װי צו האָבן אַ גרויסן ברונעם, נאָר אָן אַ עמער מיט װאָס צו שעפּן...

* * *

יעדער אַרבעטער באַזונדער איז װי אַ זעמדעלע פאַרן װינט; צוזאַמען — װי אַ װאַנט געגן שטורעם...

* * *

אין די קװאַלן פון װיסן, מוז דער מענטש אַכטונג געבן אויף דער ריינקייט, װי אַ דאָרשטיגער מוז אַכטונג געבן אויף דער ריינקייט פון קװאַל, פון װאַנען ער שעפּט אַ טרונק װאַסער...

מיר לעבן אַ טאָג . . .

איך אַרבעט, דאַכט זיך, טעג און וואָכן,
נאָר סוף סעזאָן — בין איך געבראָכן . . .

לויף און זוך — ווער אויסגעריסן,
פאַרדין פון האַנט צום מויל אַ ביסן . . .

די מאַשין — און איך, מיר לויפן,
די שכירות זיינען — געלט אַ הויפן . . .

נאָר מיין באָס איז פון די צאָלערס,
דער הויפן איז — פון „סינגל" דאָלערס . . .

דערצו דער דאָלער האַלט אין פאַלן,
מ'האַלט אים אַלע טאָג אין מל'ן.

און שפּייזן ווערן אַלץ מער טייער,
אויף רענט און קליידער ברענט אַ פייער.

אַזוי שינדט מען „לעיבאָר", שמייסט מען, פּלאָגט מען;
נאָר „לעיבאָר-דעי" — גוט יום-טוב זאָגט מען.

דער באָס, ער נעמט אונז „אונטערפאָרן" . . .
גיט אונז אַ טאָג — און נעמט די יאָרן . . .

* * *

אַנשטאָט אַרבעטער זאָלן האָבן טענות און וואַרפן אויף אַנדערע די שולד, אַז יענער אַרבעטער טויג ניט, זאָל זיך בעסער יעדער איינער באַטראַכטן צי ער אַליין איז גוט ?...

* * *

מיליאָנען האַלט רעאַקציע אין וואַרפן,
די שווערדן ער האַלט אין איין שאַרפן,
שטעלט סאָלדאַטן אין די רייען
מיט שווערע כלי-זיין —
כלומרשט, „הלוואי זאָל מען ניט דאַרפן"...

מאנכע אַרבעטער לאָזן זיך פאַרפירן פון אַ גוטן צוזאָג. ס'איז ווי דאָס ביסל שפייז, וואָס מ'וואַרפט צו דער גאַנדז אַ פאַר וואַכן פאַר דער שחיטה...

* * *

אויפהאַלטן אַ שטאַרקע יוניאָן און ניט האָבן צו הילף אַ פּאָליטישע פּאַרטיי פון אַרבעטער, איז פּונקט ווי וועלן שמידן אַ ווילדן פערד מיט איין האַנט...

* * *

דער גרעסטער גנב און חוצפּה'ניק איז יענער באַלעבאָס, ביי וועמען מ'אַרבעט לאַנגע שעה'ן פאַר קליינע שכירות, און צום סוף פון טאָג רוקט ער צוריק דעם זייגער און שרייט דערביי צו די אַרבעטער: וואָס קוקט איר נאָר אויפן זייגער, פאַרוואָס אַרבעט איר ניט?...

* * *

ביי דעם געשפעסטמאַן, וואָס פּרובירט אייך פאַרדעדן די ציין מיט אַ וויץ און מיט אַ זאָג, גיט גוט אַכטונג אויף זיין מאָס און וואָג...

* * *

וואָס אָרעם און רייך איז
מעגט איר דעם אונטערשייד וויסן:
ווען דער רייכער ציילט פּראָפיטן,
ציילט דער אָרימער — זיין ביסן . . .

* * *

צעטיילן מענטשן אין ראַסן און קאָלירן, איז ווי איינער זאָל וועלן צע־טיילן די קאָלירן־רייכקייט פון'ם רעגנבויגן...

* * *

ליידן פאַר אַן אידעאַל, איז ווי די געבורטסווייען פון אַ מאַמען — עס איז אַ ווייטאָג פאַר אַ ניי לעבן...

* * *

דער איינשטעל פון דעם אידעאַליסט אין קאַמף פאַר אַ בעסערער וועלט, איז ניט קיין געמבל — ער וועט זיכער געווינען...

* * *

דער אייז־קאַסטן קאָן זיין פול מיט שפייז, די הים פול מיט מעבל, און דאָך — קען פוסטקייט פאַרנעמען דעם אָרום...

* * *

אין אַלמער קען זיין אַנגעשטעלט פאַרשידענע סאָרטן איינגעמאַכטס, און אין הויז זאָל זיין ביטערקייט אין יעדן וואָרט...

* * *

די זון — געגן טאַיפון . . .

פינצטער זאָל זיין דאָ,
אַלץ אויסגעלאָשן,
אפילו אין טראַכטן,
אפילו אין לשון . . .

מ׳דאַרף ניט קיין לאָמפּן,
פאַרלעשט די לאַמטערן.
אַ וואָלקן זאָל ווערן,
וואו ס׳לויכט נאָר אַ שטערן...

שטאָק-פינצטער זאָל זיין
אויך צוקאָפּנס פון קראַנקן.
בלאָזט אוים דאָס ליכטל —
זאָל אפילו ניט צאַנקען.

נאָר עס שמייכלט די זון
פון די הימלישע הויכן :
עס איז נאָך אַ גליק —
וואָס ער קאָן מ י ך ניט
דערגרייכן...

ראַטעווע אָפּ—דיין קאָפּ !

קלאָגט זיך שטאַרק אַן אַרבעטער :
געוואַלד, אַן אומרעכט דאָ באַגייט מען.
די מאַכט עס האָבן געציילטע נאָר,
און דאָס פאָלק צו שקלאַפן נויט מען.

דער באָס האָט „הענט" אַ פולן שאַפ,
נאָר נוצט אויך זייער פלייצע,
און ווען דער מאָגן עסן מאָנט —
קריגט מען קוים וואָס אויף המוציא...

דערקלערט אַ צווייטער אים גאַנץ
קלאָר :
הער זיך צו נאָר צו מיין עצה :
דו ביזט אַ „האַנט" און ניט קיין פערד,
טאָ נעם אין האַנט די לייצע —

און וואַרף דעם רייטער פון זיך אַראָפּ,
וואָס דענקט מיט גאָרניט איז ער יוצא,
וועסט דערפילן דעמאָלט, אַז —
דו האָסט אַ קאָפּ אויך אויף דער
פלייצע !

מ׳לויפט פון היץ...

ביי די מאַשינען זיצן מענטשן,
אַרבעטן און שוויצן,
זיצט דער באָס ביים פעכער
און שרייט : געוואַלד, די היצן !...

די נויט עס צווינגט די שקלאַפן
די מאַשין ניט צו פאַרלאָזן,

דער באָס — ער לעקט אַן אייז־קרים
און האַלט זיך אין איין בלאָזן.

און ווען קיין אַרבעט איז ניטאָ,
קומט די אמתיע לויף־עזאַציע :
דער אַרבעטער לויפט באָרגן געלט,
און דער באָס לויפט אויף וואַקאַציע...

קלוג און נאַריש . . .

„זײַ ניט קײן נאַר" קאָן מען נאַר זאָגן צו קלוגע... און צו אַ קלאָרן קאָן מען זאָגן: „זײַ ניט משוגע"...

* * *

דער װאָס האָט שׂכל צו באַרגן אַ קלוג װאָרט, איז אַלײן שױן אױך ניט קײן נאַר...

* * *

דער װאָס פֿאַרמאָגט אײגענעם שׂכל, װײסט װען צו נוצן יענעמס אַן עצה...

* * *

שׂכל קאָן מען ניט קױפֿן, און נאַרישקײטן — איז ניטאָ װער עס זאָל פֿאַר־קױפֿן, װײל יעדער נאַר איז פֿאַר זיך אַ חכם...

צו דערקענען . . .

אין אַ טײַכל מיט װאַסער,
קען מען זען אַ גאַנצן ים . . .
אין אַ לעק פֿון אַ שיסל,
קען מען פּילן דעם טעם . . .

אין אַ בליק פֿון די אױגן,
דערקענט מען פֿרײד אָדער צער...
און דורך אַ פּאָר װערטער —
דערקענט מען דעם נאַר . . .

* * *

װען קלוגע מענטשן שרײַבן צו קלוגע זאַכן צו אַ נאַר, מאַכן זײ זיך בלױז נאַריש...

* * *

אַ נאַר קאָן אַמאָל אָפּטאָן אַזאַ נאַרישקײט, אַז מענטשן זאָלן פֿון דעם לאַכן װי פֿון דער גרעסטער חכמה...

* * *

מ'זאָגט, אַז דער נאַר שטופּט אים, אָבער ס'איז קלאָר, אַז אַ קלוגער װעט זיך פֿון אַ נאַר ניט לאָזן שטופּן...

* * *

אַ קלוגער קאָן שפּילן די ראָלע פֿון אַ נאַר, נאַר שרעקלעך קאָמיש (מער שרעקלעך, װי קאָמיש) איז,װען אַ נאַר פֿאַרנעמט זיך צו זײַן אַ חכם...

* * *

פּרוביר ניט זײַן קײן חכם צו שטעלן אין אַ פֿאַרלעגנהײט אײנעם װאָס האָט ניט דעם נױטיקן װערטער־װאָפֿן דיר צו ענטפֿערן. ער װעט קריגן סימפּאַטיע און דו — װעסט בלײַבן דער נאַר...

צו קריגן גוטע וואונטשן,
דאַרף מען בראָנפן און טאָרט.
נאָר צו קריגן שונאים —
בלויז אַ נאַריש וואָרט . . .

* * *

ניט בלויז דער וואָס שאַפט אַ קלוג וואָרט איז דער קלוגער, נאָר — אויך דער וואָס ווייסט ווען עס אויסצונוצן...

* * *

אַ משל איז אָפט ווי אַ שווערד: איינער שמידט אים אויס און אַ צווייטער באַנוצט אים...

* * *

זייט פאָרזיכטיג מיט אַ וואָרט ווי מיט אַ חלף. אַ פּגימה אין דעם קען שאַפן אומזיסטן ווייטאָג...

* * *

דעם נאַר פעלט ניט קיין חכמה, און דעם דאַרן אין פעלד — קיין וואַסער.

* * *

ביי אַ קלוגן מענטשן ליגט די חכמה אין מוח, ביי אַ נאַר די נאַרישקייט — אויפן פּנים...

* * *

ווען אַ נאַר וויל גוט מאַכן אַ נאַרישקייט, קען ער אַמאָל אָפּטאָן דריי אַנדערע נאַרישקייטן . . .

* * *

דער וואָס טראַכט וואָס צו זאָגן, קען זיך אַמאָל דערטראַכטן וואָס ניט צו זאָגן. דער נאַר אָבער זאָגט — און טראַכט ניט...

* * *

חכמה איז אַ גרויס פאַרמעגן, וואָס בלויז קלוגע קענען אָפּשאַצן...

* * *

פון אַ קלוג וואָרט שמייכלט מען, פון אַ נאַריש וואָרט — לאַכט מען...

* * *

אַ נאַר קען אויך אָפּנאַרן און אַ קלוגער — קען זיך אַמאָל באַנאַרישן...

* * *

ווען דער נאַר שווייגט, איז ער גאָרנישט אַזוי נאַריש. שלעכט איז נאַר, ווען ער נעמט זיך חכמה'נען...

וואָס טויג מיר חכמה, אַז עס גילט נאַרישקייט, זאָגט אַ ווערטל. אָבער — ס׳איז בלויז אַ נאַרישע טרייסט...

* * *

ווען אַ נאַר שווייגט — איז דאָס אַ גרויסע חכמה...

* * *

צו ד׳ערוואַרטן פון אַ נאַר אַ קלוג וואָרט איז ווי קריגן אַן הלוואה פון אַן אָרימאַן . . .

* * *

דער וואָס זאָגט איבער דריי מאָל אַ חכמה, גיט זיך אַרויס פאַר אַ נאַר...

* * *

ווען אַ נאַר זאָגט שוין אַמאָל אַ קלוגע זאַך, ווייסט ער ערשט ניט, אַז ער האָט געזאָגט אַ חכמה...

* * *

דער נאַר וואָס קען זיך, איז שוין גאַרניט אַזוי נאַריש...

* * *

ווען אַ נאַר מאַכט דעם אָנשטעל פון אַ חכם איז ער שוין מער ווי אַ נאַר...

* * *

אַנאַנסירט אַ נייע דערפינדונג ווי צו קריגן שכל, וועט דעם נאַר ניט איינפאַלן, אַז מען מיינט אים...

* * *

פאַראַן מענטשן מיט וועמען מ׳דאַרף קיין סך ניט רעדן — ווייל ס׳איז אַרויסגעוואָרפענע רייד...

* * *

קלוגע מענטשן פאַרשטייען זיך אויפן וואונק ; נאַר בעסער איז, ווען דאָס מויל רעדט פאַר זיך...

* * *

אַ שכור׳ער ווייסט ניט וואָס ער רעדט און אַ נאַר — וואָס ער האָט געזאָגט...

* * *

פאַראַן מענטשן וואָס עס איז ביי זיי אַ רענדל אַ וואָרט, און פאַראַן אויך אַזעלכע, וואָס איז ווערט אַ רענדל אַ וואָרט, אַז מ׳זאָל זיי ניט הערן...

* * *

דער אָקס האָט אַ לאַנגן צונג און קען ניט רעדן, נאָך ערגער איז מיט איינעם וואָס איז אַ בהמה און — הערט ניט אויף צו רעדן...

ווען דו רופסט אַ קלוגן מענטשן נאַר, נעמט ער דאָס אָן אין גוטן מוט, אָבער ווען דו רופסט אַ נאַר חכם, נעמט ער דאָס אָן פאַר גוט געלט...

* * *

מיט אַ נאַר איז שווער זיך צו חכמה'נען, ווייל מיט דעם אַליין באַנאַרישט מען זיך...

* * *

מענטשן האָבן ליב איבערצודערציילן אַן אייגענע חכמה און — יענעמס אַ נאַרישקייט...

* * *

אפילו אַ נאַר, ווען ער כאַפּט אַ פּיק אין נאָז, וועט שוין זיין פאַרזיכטיק די נאָז מער ניט צו שטופּן...

* * *

זיך וועלן קליגלען קעגן אַ נאַר, מיינט זיך בלויז מאַכן נאַריש...

* * *

זאָגן אויף יענעם נאַר, קען אַ נאַר אויך...

* * *

מיט אַ קאַליקע האָט איר מיטלייד, מיט אַ נאַר — צרות...

* * *

פאַראַן געווען נאַראָנים, וואָס פאַרמאָגן ניט דעם שכל פון אַ בהמה, און דאָך — פאַרשטייען זיי צו מעלקן אַנדערע...

* * *

נאַר אַ קלוגער קען זיך באַנאַרישן, אָבער קיינמאָל ניט דער נאַר...

* * *

איר קענט אָפט טרעפן ביי קליינקעפּלדיגע מענטשן — גרויסע מיילער...

* * *

צו זאָגן אַ גרויסן געדאַנק, מוז מען ניט האָבן קיין גרויס מויל...

* * *

אַ מענטש קען טראָגן אין זיין מויל פאַלשע רייד, ווי פאַלשע ציין...

* * *

אויך קליינע מיילעכלעך קענען פּלאַפּלען גרויסע נאַרישקייטן...

* * *

אַריינפאַלן אין שלעכטע מיילער איז ווי אַריינפאַלן אין אַ בלאָטע, איר קענט ניט טרוקן אַפּשניידן...

* * *

אין ניט ענטפערן קען מען אַריינטייטשן אַ סך קלוגע רייד...

מענטשן קענען לאַכן פון יענעמס חכמה און — אויך פון יענעמס נאַרישקייט...

* * *

דער אונטערשייד פון אַ נאַר ביז אַ קלוגן איז — וואָס דער נאַר באַנאַרישט זיך גיכער...

* * *

אפילו דער גרויסער נאַר איז ניט אַלע מאָל נאַריש, בלויז — ווען ער רעדט און האַנדלט נאַריש...

* * *

אַ בהמה קען זיין אומפּאַרטייאיש צווישן גאַז־באַלייכטונג און עלעקטריק... אָבער דערשמעקט צווישן היי און שטרוי...

* * *

דער געלערנטער האָט דעם מוח, דער רייכער — דעם כוח...

* * *

פאַראַן מענטשן וואָס זיינען קאַליקע בהמות, ווייל עס פעלט זיי נאָך צוויי פיס...

* * *

אויך קלוגע מענטשן האָבן אין זיך געווּנג נאַרישע שטריכן, נאָר זיי האָבן שכל ווי עס צו פאַרבאַהאַלטן...

קריזיס — שמיזעס . . .

עס שווידערט דאָס לאַנד
פון מיליאָנען אַרבעטסלאָזע,
פאַררעדט מען די ציין זיי:
ס'איז אַ „ריסעס" — אַזאַ פּאַוזע...

ניט זאָגט ס'איז „דעפּרעשאָן",
און רופט עס ניט „קריזיס",
ווייל די רעגירונג אַליין —
ווייס אויך ניט וואָס איז עס...

נאָר אויב דער שאָפּ פאַרמאַכט איז,
איר דאַרפט אויף עסן באָרגן,
איז זאָרגט אייך ניט, ברידער,
וואָל־סטריט וועט שוין פאַרזאָרגן.

זי וועט שוין דערטראַכטן,
מיט'ן דיקסיקראַט דערנעבן...
וועט מען זיכער דאַן שוין וויסן
ווי אַ נאָמען דאָס צו געבן...

— — — — — — — — — — —

נאָר — ווי מ'זאָל ניט רופן
„ריסעשאָן", צי „דעפּרעשאָן",
קען מען מיט וואָסערדיגע רייד
קיין פייער ניט פאַרלעשן!...

האַרבסטיגע ווינטן

די לופט איז פול מיט פוילקייט,
מיט האַרבסטיגן ציטער און
אומעט ;
עס זינגט ניט פויגל אין וואַלד —
בלויז דער ווינט פייפט און
זשומעט.

פאַרדאַרט, פויל און בלאָטיג
ליגן קאַלטע בלעטער און פלאַנצן,
ווען ווינטן פאָרן זיך מיט
שטורעמס
גייען די וויכערס טאַנצן.

בוימער נאַקעטע אין פעלד
שטייען ווי פאַרשעמטע,
מיט צווייגעלעך ווי קינדער
פאַרהונגערטע, פאַרקלעמטע.

דאָך זיי האַלטן זיך צוזאַמען,
זיי פילן, אַז אַזוי איז זיכער
אין דעם קאַמף מיטן שטורעם,
מיטן ווינט און מיטן וויכער.

נאָר בלעטלעך געפאַלענע,
אָן שטאַם, אָן זאַפט, אָן לעבן,
האָבן דעם ווינט אינגאַנצן
מיט האַק און פאַק זיך אָפּ־
געגעבן . . .

טראָגט דער ווינט זיי ווי מתים
אין אַ שניי־ווייסן קיטל,
אויפ'ן סמעטניק צו באַגראָבן,
מיט פאַראַכטונג און מיט ביטול...

נאָר דער לעבעדיגער מענטש
ווייסט שוין פון אַלט־אַלטע צייטן,
אַז מיט'ן קומען פון פרילינג
נעמען קאַלירן זיך בייטן . . .

דאָס פאַרוועלקטע, דאָס צע־
פוילטע,
ווערט אין די מיסטן פאַרלוירן,
ווען די בוימער און צווייגן
ווערן פונדאַסניי ווי געבוירן !...

גוט צו וויסן...

מיין באָבע פלעגט זאָגן :
קינדערלעך, האָט דאָס אינזינען,
צוליב די קרוינען מיט פערל —
איז שווער אַ פערל־גריף צו געפינען...

און דער טאַטע האָט מיך געלערנט,
פאַרזאָגט דאָס שטענדיג געדענק !
אַז פון אַ קרוין מיט אַ סך שטיינער
האָט דאָס פאָלק צו עסן אַ שטיין...

אַזוי פלעגט די מאַמע מיר שטענדיג
אויך געבן צו פאַרשטיין,
פון בריליאַנטן און קרוינען —
האָט דאָס פאָלק נאָר אַ קרענק !...

אַ טראָפּן טינט . . .

דער טראָפּן טינט איז ווי דער ווינט
וואָס ווייסט ניט קיינמאָל וואָס ער וויל.
ער קען זיך דרייען און ניט פאַרשטיין,
אַז מיט זיין געלאָף ער דרייט אַ מיל . . .

עס ווייסט ניט דער טינטער מיט'ן טינט,
אַז ער קען אויך שאַפן אַמאָל אַ פּלעק . . .
ער קאָן באַשרייבן פרייד, געזאַנג,
קאָן אויך מאָלן צאָרן, שרעק . . .

נאָר ווען דער שרייבער פירט די פען,
ווי אַ וועג-ווייזער צום גלייכן ציל —
איז ווי דער מילנער נוצט דעם ווינט,
צו מאָלן קאָרן פאַר ברויט אין מיל —

אויך דער שרייבער מיט דעם טראָפּן טינט,
קאָן צעוויקלען ליכטיק אַזאַ געדאַנק —
עס זאָל לייכטן, שיינען און שאַפן פרייד,
ווי טינט זאָל זיין אַ גאָלד-געשאַנק . . .

נאָך די וואַלן

שוין פאַרענדיגט איז די שפּיל,
רונד אַרום די טישן,
די קאָרטן ליגן „אויסגעטאַשט",
עס חשבונ'ט פּאָליטישן.

איצטער חשבונ'ט פּאָליטישן אוים
די געווינסן פון דעם „פּאָוקער".
געגעבן איינעם פיר קעניגע,
אַ צווייטן — נאָר דעם
„דזשאָוקער".

געוואונען האָט ווער ס'האָט
געקאָנט
מער איינשטעלן און בלאָפן,
פון אַרבל שלעפן אַ שטאַרקע
קאָרט,
וואָס האָט אין ציל געטראָפן.

געגעמבלט האָט מען זייער
שטאַרק,
געהאַקט די גנים מיט צאָרן,
נאָר צום סוף — דער „קיביצער"...
איז גאָר אַרוים פאַרלאָרן! . . .

פליט אַוועק — פון שרעק

עס פליט אַ לופט־שיף אין געאייל,
שטרעקעס שווינדלען מייל נאָך מייל.
פאַר׳ן אויג טאַנצט באַרג און טאָל,
שטעט און דערפער אָן אַ צאָל.

גיט איר פון ווייט אויף וועג אַ קוק,
זעט מאַשין אוים ווי אַ זשוק . . .
און אַ רייטער אויף זיין פערד —
קריכט — ווי ער וואָלט מעסטן ערד . . .

ביי דער פאַזע פון דעם שליאַך,
זעט איר סוכות — נאָר אָן סכך . . .
הייסן הייסט דאָס אַזאַ שטוב,
נאָר גיכער איז עס — אַ טויטן־גרוב . . .

וואוינט דאָרט טאַטע, מאַמע, קינד,
און מיט זיי — אַז ווי־און־ווינד
אַ לעמפּל צאַנקט אָן גאַז, אין רויך,
ווען ציוויליזאַציע פליט גאַנץ הויך . . .

— — — — — — — — — — — — — — —

פּראָפּעלער טומלט — וואַרפט אַ שרעק —
אַ בליק פון אויבן — און פליט אַוועק . . .

שניידט פאַסן . . .

צום דאָקטאָר איז געקומען אַ פּאַציענט,
ווען ער האָט פון אַ ווייטאָג געליטן.
האָט דער דאָקטאָר באַטראַכט און באַטאַפּט אים
און גלייך אים אין צווייען געשניטן . . .

איר וואונדערט זיך, ווי קען עס טרעפן ?
געווען איז עס אַ דאָקטאָר אַ מייסטער . . .
מיט איין האַנט שניידט ער דעם קערפּער,
און מיט דער צווייטער, שניידט ער — דעם טייסטער . . .

בערג, שטיינער און זאַמד . . .

ליגן שטיינער אין וועג מיינט ניט אַלע מאָל שווערער צו מאַכן דעם גאַנג, אַמאָל מיינט שטיינער אין וועג — מאַכן אַ גאַנג...

* * *

אַ שטיין קאָן שפּאַלטן אַ קאָפּ, און פלאַנצונגען קענען שפּאַלטן אַ שטיין...

* * *

אַ סקולפּטאָר קאָן פון אַ שטיין אויסקלאַפּן אַ מענטשן, אָבער פון אַן אומ־מענטש — קאָן מען גאָרניט אויסקלאַפּן...

* * *

ניט אַלע מאָל מיינט גיין באַרג־אַראָפּ אונטערגאַנג. צייטנווייז גייט מען באַרג־אַראָפּ עפּעס אויפצוהויבן...

מענטש איבער אַלעס!

שלאָגן כוואַליעס און זיי רייסן
זיך מיט כוח צו אַ ברעג;
זוכן וואו אַ פּונקט אַ שוואַכן,
דורכצושלאָגן זיך אַ וועג...

רייסן שטיקער פון יבשה,
„וואַשן אויס" פאַר זיך אַ גרוב...
זיי קווענקלען זיך ניט צו פאַר־
ניכטן
וואו אַ גאָרטן, וואו אַ שטוב.

און ווען ס'געלינגט אַ שטאַרקע
כוואַליע
צו פאַרפלייצן וואו אַ פעלד,
שלאָגט אַ שוים איר פון די ליפּן—
זי „צעבלאָזט" זיך ווי אַ העלד...

נאָר ווי גיך דאָס וואַסער פאַלט,
ווערט פאַרזונקען אין דעם תהום,
בליען ווידער פעלד און גאָרטן—
און עס שיינט אַרוים די בלום...

— — — — — — — — — — — —

דאָס וואַסער איז אַ גרויסער כוח,
מיט שאַרק און וואַל־פיש אין איר
ראָם . . .
נאָר יבשה האָט דעם מענטשן,
וואָס קען האַלטן אַלץ אין צאָם!...

* * *

פון אַ קאַלטן שטיין קאָן מען אָנקלאַפּן פייער, אָבער ניט פון אַ פאַר־שטיינערט האַרץ...

* * *

באַשולדיגט ניט דעם שטיין וואָס פליט אין פענצטער, נאָר די האַנט וואָס וואַרפט אים...

צו בויען אַ געבײדע מוז מען האָבן חוץ ציגל, ליים און וואַפּנע — אויך פּשוט'ן זאַמד...

* * *

דער טויטער שטיין איז דער פונדאַמענט פון אַ לעבעדיגער היים...

* * *

אַ שטייך אין פעלד איז ניט עלנט — און אויך ניט פריילעך.

* * *

שטיינער פאַלן ניט פון הימל — און מענטשן וואַקסן ניט פון דר'ערד.

* * *

ניט אַלע מאָל מיינט גיין באַרג־אַראָפּ אונטערגאַנג. אַמאָל גייט מען באַרג־אַראָפּ צו כאַפּן פיש...

* * *

אַ זאַמדעלע איז קליין, נאָר ווען עס פאַלט אַריין אין אויג — ווערט עס אַ שווערער שטיין...

* * *

דער אידישער פאַרמער

געקומען איז ער מיט צוויי הענט,
און אויסגעבויט פאַר זיך פיר ווענט.

אַ שיינעם גאָרטן, אַ הינער־פאַרם.
אין דער אַרבעט איז דאָ אַ טעם . . .

אַרבעט שווער און ליולקעט רויך —
קוועלט ווי אַלץ וואַקסט שיין און הויך.

איז וואָך פאַרטאָג, נאָך פאַר דער זון,
זינגט אָן אָדע צו דער הון . . .

„אָוועראָלס" — זיין פראַק, זיין פוץ,
לייגט איי צו איי, און טוט צו טוץ . . .

מיט ליבע וואַכט זיין אויג אויף אַלץ,
זיין שטיקל ערד איז ברויט און זאַלץ !

אַ קל־וחומר פון צוויי ביימער

גרויסט אַ פּאַלמע זיך אין גאָרטן
קוקט צום בוים פון אַפּעלסינען:
אויב מ׳קומט דאָ הנאה האָבן,
האָט מען זיכער מ י ך אינזינען...

ווייל אַלע קוקן אויף מיין הויכקייט,
מען דערזעט מיך שוין פון וויטן.
נאָר ווער וועט זען אָט יענעם בוים —
מיט זיינע זיסע זויערקייטן?...

זעט מיינע צעפּלעך און מיין טאַליע,
נאָר אַ פּאַלמע קאָן דאָס פאַרמאָגן...
ווען איינער האָט אַ שיינע מיידל, —
„איך האָב אַ פּאַלמע", דאַרף ער זאָגן...

אין די רייד קומט אָן אַ פּאַרל,
זיי ווייסן ניט דער פּאַלמע׳ס גליקן...
רייסן אָן זיך אַפּעלסינען —
אוןביידע נעמען זיך דערקוויקן...

דאָס קליינע ביימל האָט אויפגעשיינט,
ווען דאָס פּאָרל האָט אַ זאָג געגעבן:
אָט שטייט אַ פּאַלמע אַ פּוסט־און־פּאַסניק,
און דאָ אַ קליינס — גיט זאַפט דעם לעבן!...

* * *

שטויבעלעך זעען זיך ניט אָן; נאָר ווען איר לאָזט זיי צורו — וואַקסן זיי איינע אויף די אַנדערע...

* * *

ווען דער מענטש ליגט אויפ׳ן זאַמד האָט ער רו, נאָר ווען דער זאַמד ליגט אויפ׳ן מענטש, האָט ער שוין אייביגע רו...

* * *

דער בעל־גאווה׳ניק, ווי דער שטויב, האָט זיך ליב אַנצוזעצן דווקא אויף די אויבערשטע פּאַליצעס...

ווען אַ באַרג פאַלט — ווערט דער טאָל דערהויבן...

* * *

אַ שטיין אויף אַ שטיין שאַפט אַ וואַנט...

* * *

שיטן זאַמד אין די אויגן איז גרינג, אָבער טראָגן איין זעמדעלע אין אויג איז שווער...

* * *

קינדער קענען מאַכן פון זאַמד אַ קוגעלע, און ליגנער קענען פון זאַמד פלעכטן שטריק...

* * *

פּרוביר ניט ציילן דאָס זאַמד ביים ברעג ים, דו וועסט צו קיין סך־הכל ניט קומען...

יעדערער טוט זיינס . . .

ביים פאַרקאַן גריזשעט גראָז אַ ציג,
אין אַ געוועב — נאָגט שפּין אַ פליג . . .

עס וואַרקעט אויפן פלויט אַ טויב,
ווען קאַץ עס לויערט אויף איר רויב . . .

אַ פערד עס הירזשעט פריי אין פעלד,
אַן אינדיק בלאָזט זיך — אַ גאַנצער העלד . . .

עס דרייט אַ הונט זיך, כאַפּט זיין עק,
ווען פויגל נאַשט אַ בים מיט שרעק . . .

אַ זשאַבע קוואַקעט אין טייך ביים ברעג,
באַגלייט פון רעדער־רויש אין וועג . . .

און נאַכטיגאַל, זינגט איר געזאַנג,
ווען דער עכאָ טראָגט דעם קלאַנג . . .

אָט אַזוי פאַרצייכנט האָט אַלץ מיין פען —
ווי יעדער טוט — דאָס וואָס ער קען . . .

דער זאַמד באַקט זיך שטענדיג אויף דער הייסער זון און בלייבט שטענ־דיג ניט־דערבאַקן...

* * *

ווען דו ביזט אויף אַ באַרג, געדענק אַז ס'איז פאַראַן אַ טאָל, און ווען דו געפינסט זיך אין טאָל — שרעק זיך ניט אָפּ צו קלעטערן אויפ'ן באַרג...

* * *

ניט אַלע מאָל מיינט גיין באַרג אַראָפּ אונטערגאַנג, מ'דאַרף אַמאָל גיין באַרג אַראָפּ, ווייל ס'איז דער אָנפאַנג פון אַ צווייטן באַרג...

* * *

דער העכסטער באַרג איז ניט ווייטער פון דעם נידעריגסטן טאָל...

* * *

דעם שטיין אויפ'ן העכסטן באַרג איז ניט פריילעכער, ווי דעם, וואָס ליגט איינגעלייגט אין טיפסטן טאָל...

* * *

ווען קאַלטער שטאָל צעקושט זיך מיט אַ קאַלטן שטיין — קומט אַרויס אַ פייערדיגע ליבע...

* * *

ווען דער מענטש זאָל קענען פאַרשטיין דעם שטיין, וואָלט דער אַלטער שטיין געקענט דערציילן אַ לאַנגע געשיכטע...

* * *

דער העכסטער בוים לעבט מיט דער יניקה פון זיינע איינגעגראָבענע וואָרצלען...

דאָס וועלטל איז אַ וועלטל!

מיט'ן ווינטער קומען ווינטלעך,
נאַטור־סודות זיך דערוויסן,
דאַן יאָוועט זיך אַ גרויסער ווינט
און הויבט אָן פייפן, „שיסן"...

פריער הויבט אָן רעגענען,
דערנאָך נעמט האָגלען, שנייען.
אַ זאַווערוכע צעהוליעט ער —
וואָס וויל די וועלט צעדרייען . . .

שטייט מענטש אַ דערשראָקענער,
פאַררוקט דעם קאָפּ אַרונטער.
געזעגנט זיך מיט אַלץ אַרום,
שוין — די וועלט גייט אונטער...

צומאָרגנס שיינט די זון אַרום,
רייסט זיך דורך איעדן שפּעלטל...
עס גייט דער שניי אַוועק מיט ווינט,
און — דאָס וועלטל איז אַ וועלטל! . . .

די צווייגן — שטייגן! . . .

איך האָב וואַזאָנעס אויף מיין פענצטער,
וואַקסן צווייגלעך פול מיט בלעטער.
זאָגן זיי מיר אָן בפירוש,
ווי אין דרויסן ס׳איז דער וועטער . . .

שאָקלען צווייגן זיך ווי זאַנגען,
ווייס איך — ס׳איז אַ ווינט געקומען,
נאָר אויב אַ היץ עס איז אין דרויסן,
שטייען מאַכטלאָזע די בלומען . . .

דאָך די בלעטלעך ווייזן לעבן,
מיט יעדן טאָג זיי וואַקסן, שטייגן.
און ווי זיין טראַציק צו די ווינטן —
מעג מען לערנען פון די צווייגן . . .

איך באַוואונדער זיי יעדע רגע,
ווי זיי וואַקסן זיך און מערן,
אַז דער שטאַם איז אַ געזונטער —
קען דער ווינט ניט איבערקערן! . . .

* * *

מיט אַ שטיין קען מען ניט מאַכן קיין פריינטשאַפט, אָבער — מ׳קאָן זיך איינשאַפן שונאים...

* * *

פאַר אַ היימלאָזן ווערט דער האַרטער שטיין אַ קישן...

* * *

דער וואָס וואַרפט זיך מיט מענטשן, ווי מיט שטיינער, קאָן אָפט אַליין דערפילן דעם טעם פון דעם...

* * *

ביים סוף פון טאָל פאַנגט זיך שטענדיג אָן דער באַרג...

* * *

אויף אַ זאַמדיגן באָדן קען מען זיך ניט גליטשן, און אויף שטריק געפלאָכטן פון זאַמד קען מען זיך ניט הענגען...

זעט נאָר קינדער, ווי די זון שיינט!

זעט נאָר, קינדער, ווי די זון שיינט,
דער ליבער פרילינג איז שוין דאָ.
לאָמיר אַלע אים באַגריסן:
מיט געזאַנג — ברוך הבא!

גענוג „געפייפט“ עס האָבן ווינטן . . .
און געפרווירן הענט און פיס.
גענוג געריסן לאָדן, פענצטער,
און אָפט דערלאַנגט אין נאָז אַ ביס . . .

פראָסט און שטורעם האָט געהוליעט,
ווי אַ טייוול, ווי אַ רוח.
אַנגעשאָטן שניי אין קעלנער,
און אויסגעוויקט די זאָקן, שיך.

איצט וועט פרילינג ברענגען זומער,
מיט דער זונשיין אין פולער ליכט.
ביי די פענצטער וועלן פויגל זינגען,
ניי און פריי זייער געדיכט.

אוים מיט ווינטער און די ווינטן,
אַלץ צעגייט זיך איינס און צוויי.
נייע ווינטעלעך נעמען בלאָזן,
עס פאַלן שטראַלן — אַנשטאָט שניי! . . .

* * *

אויף הויכע בערג — וואַקסן נידעריגע פלאַנצן...

* * *

פון קליינע זאַמדעלעך קען זיך אַנקלייבן אַ גרויסער שטיין...

* * *

אַ פוסטער באַרג קאָן נאָר שיטן זאַמד אין די אויגן...

* * *

קליינע קינדער בויען בריקן פון זאַמד און דעמאַגאָגן שיטן עס אין די אויגן, צו מאַכן אַ ליגן פאַר אַן אמת...

אַ קליין זעמדעלע, וואָס דאַכט זיך, קען צו גאָרניט טויגן, קריגט „אָנ־זען“, ווען עס פאַלט אין די אויגן...

* * *

מ׳קען, ווען מ׳וויל, ציילן זאַמד, אָבער — ניט לייגן אין דער באַנק אַריין...

* * *

האַרצלאָזע מענטשן זיינען ווי זאַמדיגע פעלדער, חוץ שטויב קענט איר פון זיי גאָרניט קריגן...

ברויט און בלומען — וועלן קומען!

מיט דעם ברויזן פון ווינט
דורך דעם אָטעם פון שונאים,
ווערט נאָך שטאַרקער מיין האַרץ,
ווערט געלייטערט מיין פּנים.

ווען דער שטורעם מאַכט טומל,
ווי פון רוחות געטריבן,
פאַלן נאָר פוילע בלעטער —
דער בוים ווערט פאַרבליבן . . .

שטורעמס און טאָרנאַדאָס,
זיי גייען און קומען,
און אונטערן שניי — די ערד
גרייט ברויט און אויך בלומען...

* * *

פון אַ קאַלטן שטיין קען מען אויסשלאָגן פייער, אָבער ניט פון אַ פּאַראַ־זיט מענטשלעכקייט...

* * *

בערג זעען אויס סטראַשנע פאַרן אויג ביז מ׳דערגרייכט זייער שפּיץ. ערשט פון שפּיץ זעט מען ווי שרעקלעך ס׳איז דער טאָל...

* * *

אַ באַרג ליגט שטענדיג אַן אָפּגעפּרעסענער אין דער הויך ווען ער אַליין גיט גאָר ניט צו דער וועלט, ניט קיין תּבואה און ניט קיין פּרוכט...

* * *

דער באַרג קוקט אויף זיין אָרימען ברודער, דעם טאָל, פון אויבן אַראָפּ...

* * *

פון צעמענטירטע זעמדעלעך ווערט אויסגעגאָסן אַ שטאַרקע וואַנט, פון פאַרשקלאַפטע אַרבעטער קען צעמענטירט ווערן אַ שטאַרקע יוניאָן...

* * *

די גאַנצע וועלט וואָלט געווען איין משופּע׳דיגער באַרג, ווען די טאָלן זאָלן זיי ניט האַלטן צעריסן...

בלויז ווילדע פלאַנצן קאָנען ברעכן דאָס פאַרשטיינערטע האַרץ פון פעלז...

* * *

די מערסטע באַלעבאַטים זיינען האַרט ווי שטיין: נאָר אויב אַ שטאַרקע יוניאָן וויסט ווי דעם שטיין צו קלאַפּן, ברעקלט ער זיך און צום סוף גיט ער נאָך...

* * *

צווישן די העכסטע בערג געפינען זיך ערשט די ריכטיגע טיפע טאָלן...

* * *

אַן אַרבעטער וועט ניט העלפן דאָס האָרעווען צו ווערן אַ מיליאָנער, פונקט ווי אַ האָרלאָזן וועט ניט העלפן דאָס האָר־עווען צו מאַכן זיך אַ קור־טשעראווע קאָפּ...

* * *

צווישן דער רעכטער האַנט און לינקער האַנט, אַרבעט שטענדיג דער קאָפּ פאַר „קאָ־עקזיסטענץ" (צוזאַמענאַרבעט)...

ברוך הבא, פרילינג!

עס קומט דער פויגל פון דער וויט,
זוכט זיין נעסט אויף אין די וועלדער.
בלומען־קוסטן מיט מיילער אָפן
וויזן צינגלעך צו די פעלדער.

לויפן קליינוואַרג אין די גאַסן,
זאָרגלאָז ווי די פייגל שוועבן.
רייסן גרינצייג פונים גאָרטן —
עס בליט פאַר זיי אויפסניי אַ לעבן.

לויכט די זון אויף אַ מחיה,
וואַקסט דער טאָג שענער, גרעסער.
און מוטער־ערד ווערט אַלץ ווייכער,
נערט די קינדער מער און בעסער.

גרין און גרינג איז פאַר די אויגן.
יונג און אַלט בליט אויף אין פרילינג.
בלויער הימל און גרינער גאָרטן —
ווי פרייד און פרידן — איז אַ צווילינג!

ליגנער — באַרימער

אַ ליגנער דאַרף מען הייסן צוויי מאָל דערציילן די זעלביגע מעשה און אויב עס שטימט, איז אַ סימן — אַז ער קען שוין דעם ליגן אויף אויסנווייניג.

* * *

דער באַרימער שטייט אויף אַ שטאַפּל העכער פון׳ם ליגנער, ווייל דער באַרימער וויל זיך אויך אַנוצן מיטן ליגן...

* * *

דער גרויסהאַלטער איז אַ פאַרפוצטער ליגנער, דער באַרימער איז אַ שרייענדיגער ליגנער. און דער פּראָסטער ליגנער — איז דאָס וואָס ער איז...

* * *

פאַראַן מענטשן וואָס זיי זיינען אַזוי געוואוינט צו זאָגן ליגן, אַז זיי וועלן נעמען אַ ריינעם אמת און אים פאַרדעקן מיט אַ שמוציגן ליגן...

* * *

וואַרפן אַ ליגנער דעם אמת אין פּנים אַריין — איז שווער צו טרעפן, ווייל — דער ליגנער איז שטענדיג צוויי פּנים׳דיג...

* * *

דער גרויסהאַלטער פירט זיך ווי די פּאַווע: צו ווייזן אַז ער איז אין די פעדערן וועט ער זיך שטענדיג אַרויסווייזן מיטן עק, אַנשטאָט מיטן פּנים...

* * *

פאַראַן אַזעלכע עגאָאיסטן, וואָס ווילן נאָר זיך אַליין אַנוצן, און ווען זיי מאַכן אַמאָל איבער איינעם אַ גוטן הספּד, האַלטן זיי וועלן אַליין אויך זיין דער מת...

* * *

אַן עגאָאיסט האַלט אַזוי פון זיין וואָרט, אַז ער רעדט הויך, כדי חלילה ער אַליין זאָל ניט פאַרהערן אַ וואָרט פון דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט...

* * *

עס איז אַן אַלטער אומגליק שוין,
נאָך מיין זיידע פלעגט דאָס זאָגן:
אַז פאַראַן אמת, אוי, געוואַלד,
איז דער שקר גרייט צו שלאָגן...

* * *

פון דעם מענטשנ׳ס אויגן קאָן מען אַרויסלייענען ניט נאָר וועגן געזונט און קראַנקהייט, וועגן שיינקייט און מיאוס׳קייט, נאָר — אויך וועגן אמת און ליגן...

געוויסע מענטשן נעמען אַן חניפה־רייד פאַר אַן אמת, און דעם אמת — פאַר אַ פאַרברעכן...

* * *

ווען אַ זייגער גייט מער ווי זעכציק מינוט אין אַ שעה, איז ער פונקט אַזוי פאַלש, ווי דעמאָלט, ווען ער איז איינגעהאַלטן...

* * *

דעם ליגן איז גרינג צו פאַרקויפן, אָבער אמת איז שווער צו קויפן...

* * *

דער מענטש וואָס איז זיך מודה אויף אַ ליגן, פאַרגיטיקט מיט אַן אמת...

* * *

וויפיל מ׳זאָל אַ ליגן ניט גלויבן, מוז דער אמת צום סוף קומען פון אויבן...

* * *

אַ סך מענטשן קומט אויס צו זיצן... ווייל זיין האָבן זיך איינגעשטעלט צו לעבן אויף ליגן...

* * *

דער אמת רעדט פאַר זיך, דער ליגן האָט זיינע פאַרשפּרייטער...

* * *

ליגן, ווי פאַלשע פערל, שווימט אויף דער אויבערפלאַך, ווען צום אמת, ווי צו ריכטיגע פערל, דאַרף מען זיך דערגרונטעווען...

* * *

אַ ליגנער קען טראָגן די בעסטע אויגן־גלעזער און דאָך קען ער ניט קוקן דעם אמת אין די אויגן...

* * *

פאַראַן אַזעלכע נאַטירלעכע ליגנער, וואָס וועלן זיך אפילו אָנשטרענגען אַבי צו פרדרייען דעם אמת...

* * *

ביי דעם, וואָס אַ ליגן זאָגט זיך אָפּ גלאַט, ווערט דער אמת אָפט זאַהיקע..

* * *

אַן אמת לייגט זיך גלאַט אויף דער צונג, ווען אַ ליגן איז אָפט שווער אַראָפּצושלינגען...

* * *

אונטער דעם הערשנדיגן קלאַס איז געוואָגט צו זאָגן דעם אמת, דערפאַר קאָן אָבער דער גרויסער ליגנער ווערן דער גרעסטער דיפּלאָמאַט און זאָגן וואָס ער מיינט ניט...

ליגן ווערט אַנגעווענדט אין די גרעסטע געשעפטן און דעם אמת — קען מען אין קיין געשעפט ניט קויפן...

* * *

מיטן אמת קען מען ווייט ניט פאָרן אין אַ לאַנד פון ליגן און שווינדל, ווייל זיי פירן דעם אמת שטענדיג אַרונטער פון וועג...

* * *

דער אמת טרעט אויף ווי אַ סאָליסט, דער ליגן ווי אַ „קוואַרטעט", מיט גנב, גזלן און שווינדלער.

* * *

דער אמת ווייזט שטענדיג זיין אמת'ן פּנים, ווען דער ליגן גייט שטענדיג גרימירט...

* * *

ניט צו דערקענען...

אַלץ קאָנט איר דערקענען גיך,
אויף אַלץ איז דאָ אַ סימן;
ווען עס „רעדט" אַ קאַץ, אַ הונט,
דערקענט איר פון די שטימען.

אַזוי דערקענט איר „קלעזניקעס"
לויט זייער ווייסן קיטל.

דעם „ברעס־העטניק" דערקענט איר
גלייך,
לויט'ן אָנשטעל פון זיין היטל.

אויפ'ן בליק דערקענט איר אויך
צווישן מענטשן די שפּיאָנען.
נאָר וואָס עס מיינט גערעכטיקייט —
איז שווער איצט צו דערקאָנען...

* * *

לחיים, אידן — פאָר פרידן!

שפּילן קלעזמער, מאַכן פריילעך,
אַלע גרייטן זיך צום טאַנצן.
פלעשלעך ווין איז אָנגעגאָסן,
און די גלעזלעך שיינען, גלאַנצן.

חתן־כלה פרייד־צעפלאַמטע —
ביידנס הערצער הייס זיך ליבן.
און ווען די געסט אַרום די טישן
ווינטשן זיך: לחיים, אידן! —

פליישׁ און פישׁ איז אויך שוין פאַרטיג
און די כתובה אָנגעשריבן.

לויפט ביי אַלע איין געדאַנק דורך:
זאָל אויף זייער מזל ווערן פרידן!

אויף לעבן און טויט

אין טויט — איז קיינמאָל קיין נויט.

*   *   *

פאַר אַ בעסערן לעבן דאַרף מען קעמפן און שטרעבן, נאָר פאַר'ן טויט דאַרף מען זיך ניט זאָרגן; איך דאַרף אים ניט היינט, און — איך דאַרף אים ניט מאָרגן...

*   *   *

דער טויט דאַרף ניט קאָנקורירן מיט'ן לעבן. מיט זיין פראָפּיט איז ער שטענדיג זיכער...

עס לעבט דאָס לעבן!

ווען איך וועל שטאַרבן,
זאָלט איר ניט וויינען,
ווייל עס קען נאָך עמיצער
דערביי גאָר מיינען,

דער בוים וועט בליען,
די זון וועט שטראַלן.
בלויז אַ טרוקן בלעטל
איז אַראָפּגעפאַלן . . .

אַז הימל וויינט אויך
און וועלט גייט אונטער.
טאָ לאַכט זיך אויס און
זייט פריילעך, מונטער.

ס'איז פון דער נאַטור
אַזוי געגעבן,
אַז דאָס וואָס לעבט —
זאָל געניסן לעבן! . . .

*   *   *

דער טויט האָט אַן אייזערנעם געדולד, מעג ער וואַרטן הונדערט יאָר און מער — נאָר ער קריגט זיינס.

*   *   *

דער לעבעדיגער זעט ווי מען שטאַרבט, נאָר דער טויטער זעט ניט ווי מען לעבט...

*   *   *

אַ יחיד לעבט זיך אויס, אָבער דאָס לעבן אַליין בלייבט שטענדיג לעבן און ווערט שטאַרקער און לעבעדיגער!

*   *   *

דער מענטש וואָס קעמפט פאַר'ן לעבן קאָן באַזיגן דעם טויט; דער מענטש וואָס ווייסט ניט דעם באַדייט פון לעבן, איז אַ לעבעדיגער מת...

דער וואָס קעמפט פאַר'ן לעבן, אַז עס זאָל ווערט זיין צו לעבן, ווען שוין לעבן אפילו נאָכ'ן טויט...

* * *

זאָרגט איך ניט וואָס איר וועט עפּעס דאַרפן אָפּשטעלן דער וועלט. אַנדערע פאַר איך האָבן איך עפּעס מער אָפּגעשטעלט...

* * *

דער טויט איז גאָרניט אַזוי שרעקלעך ווי מ'מיינט. אַ סימן, בלויז די לעבעדיגע וויינען, אָבער ניט די טויטע...

* * *

טויט איז ניט קיין שטראָף, נאָר אַן אייביגער אָפּרו־פּלאַץ, וואו מ'דאַרף ניט ליגן זאַלבעדריט אין איין צימער...

* * *

דער נאָך־ניט געבוירענער געניסט נאָך היינט ניט פון לעבן און דער פאַרשטאָרבענער וועט ניט געניסן פון לעבן מאָרגן, טאָ מאַך דאָס לעבן אינטערעסאַנט ווען דו לעבסט...

* * *

דאָס לעבן איז מנצח דעם שטאַרקסטן און געזונטסטן, דער טויט — בלויז אַ קראַנקן, אַ שוואַכן און אַן אויסגעלעבטן...

* * *

טראָץ דעם, וואָס דער טויט האָט אַ מאַיאָריטעט אין דער וועלט, האָט אָבער דאָס לעבן די אויבערהאַנט, ווייל דער לעבעדיגער קען הויבן זיין האַנט . . .

* * *

דער כוח פון טויט איז דאָס, וואָס ער האָט שטענדיג האַנט־געלט — אונזער לעבן...

* * *

דער טויט מאַכט אַ רואיגן לעבן — ער האָט זיך זיין שטענדיגע הכנסה...

* * *

אַ מענטש קען אַריינלעבן אין טיפן עלטער און ניט האָבן געוואוסט, אַז ער האָט געלעבט...

* * *

דער וואָס האָט אַ אינהאַלט אין לעבן פאַראומערט זיך ניט דאָס לעבן מיטן טויט...

* * *

טויט קאָן נאָר האָבן אַ קיום דאָרט — וואו עס איז פאַראַן אויך לעבן..

* * *

קעמף פאַרן לעבן, ווייל מיטן טויט ביסטו שטענדיג זיכער...

* * *

שרעקט זיך ניט פאַרן טויט. דאָס רעדל פון לעבן וועט זיך ניט אָפּ־שטעלן...

* * *

דער טויט לעבט קיינמאָל ניט אין נויט, און אויב עס פעלט ברויט — ווערט נאָך זאַטער דער טויט...

* * *

דאָרט וואו ס'איז אָרעם דאָס לעבן, רייסט זיך דער טויט נאָך אַ „פאַר־דינסטל"...

* * *

אַ מענטש קען זען דעם טויט פאַר די אויגן, און דאָך ניט גיין אין זיין וועג . . .

* * *

אַ סך מענטשן זיינען אין כעס אויפן טויט און דאָך — קעמפן זיי ניט פאַרן לעבן . . .

* * *

ברויט חבר'ט זיך מיט לעבן, און נויט — מיט טויט...

* * *

דו, מענטש, קעמף פאַרן לעבן, דער טויט האָט שוין זיינע פאַרזאָרגער...

* * *

ווען דער מענטש שטרעבט צו פאַרשטאַרקן זיין לעבן קריגט אפילו דער טויט אַליין קאַלטע פיס...

* * *

אַ מידער מענטש „פילט ניט קיין גליד". אַ קראַנקן — גיבן די גלידער סיגנאַלן...

* * *

די בעסטע רפואה געגן זאָרגן, איז טראַכטן היינט פאַרן מאָרגן...

* * *

בלויז לעבן צוליב'ן לעבן האָט מיר אַ פנים ווי זיין טויט אין אַ גאָלד־גרוב . . .

* * *

פון שפּאָרן צייט אַ לענגערע צייט אין לעבן, קען מען דערלעבן צו האָבן גענוג צייט אויף דער עלטער...

מיך שרעקט ניט דער טויט
פון דעם ווייט־ווייטן מאָרגן.
איך זאָרג בלויז פאַרן לעבן —
געגן זאָרג זיך פאַרזאָרגן . . .

* * *

דאָס לעבעדיגע לעבט און באַוועגט זיך, ווען דאָס וואָס איז טויט — איז אַלע מאָל טויט...

* * *

פאַר אַ סך מענטשן איז דאָס לעבן אַזוי מאנאטאָן, אַז זיי נעמען אָן אַזאַ לעבן פאַר טויט...

* * *

ווען איך וועל שטאַרבן, וועל איך ליגן גאַנץ רואיג. איך וועל אַ וואָרט ניט זאָגן און אַ טרער ניט פאַרגיסן...

* * *

דאַרפסטו עפּעס טאָן — טו היינט
און לייג ניט אָפּ אויף מאָרגן.
ווייל דער מאָרגן ווערט אַ היינט —
מיט מאָרגנדיקע זאָרגן . . .

* * *

ווען מ'זאָגט איך וועגן איינעם, אַז ער האָט ניט קיין שונאים, זוכט גלייך נאָך צי איז ער אַ לעבעדיגער...

* * *

דער טויט האָט אַ גלייכן וועג, אָבער דאָס לעבן — איז שטענדיג זיג־זאַג . . .

* * *

דער אַרבעטסמאַן, מוז אַרבעטן
צו האָבן אַ שטיקל שוץ.
דער באָס — פאַרקערט, ווייל ער
אַרבעט ניט,
האָט ער פון אַלדאָס־גוטס...

* * *

עס ווילן די שענסטע קרעלן
אַ שמוציגן האַלדז ניט פאַרשטעלן...

פּייער און וואַסער

פון פייער ווערט ליכטיג — בלויז ווען עס ברענט ריכטיק...

* * *

גיב ניט אַ קינד קיין שוועבעלע און אַ שכור קיין בראָנפן, ביידע וועלן באַלד וועלן אויספּרובירן צי דאָס ברענט גוט...

* * *

פייער און רויך זיינען אַזוי נאָענט און דאָך פאַרשידנאַרטיג אין אויס־זען . . .

* * *

וואָס גרעסער דער פייער אַלץ שטאַרקער דער רויך...

* * *

דער וואָס היט זיך ניט פון פייער, מוז באַצאָלן טייער...

* * *

מיט אומריינע וואַסער קאָן מען ניט וואַשן אומריינע וועש...

* * *

ניט אַלע פייערן ברענגען ליכט...

* * *

וואַסער איז גוט פאַר אַ דאָרשטיק מויל, אָבער ניט פאַר אַ „דאָרשטיקן" אָפּענעם שוך...

* * *

פאַר אַ דורשטיגן איז אַ טרונק וואַסער אַזוי זיס, ווי דער ביטערער טראָפּן פאַר אַ שכור...

* * *

דער מענטש קען זיך באָדן אין וואַסער און זיין דאָרשטיק נאָך אַ טרונק...

* * *

מענטשן קאָנען אָפּפליוכען אַ צווייטן און ניט באַנוצן זיך דערביי מיט וואַסער...

* * *

מ'קען זיך אַ גאַנצן טאָג באַנוצן מיט וואַסערדיגע רייד און דאָך ניט שטילן דעם דאָרשט...

* * *

אָנצינדן אַ פייער קאָן אַ ליאַדע שוועבעלע . . .

ברויט און בלומען

ברויט ליגט ביי אַלעמען אויף די ליפּן, ביי זאַטע ווי ביי הונגעריגע, מיט דעם אונטערשייד, וואָס ביי זאַטע ליגט אויך ברויט אין ברויט־קאַסטן אַחוץ אין מאָגן...

* * *

דער הויפּט־קאַמף אין לעבן איז פאַר ברויט, און דאָס ברויט אַליין ווערט צווישן דעם קאַמף צעמאָלן און צעפּרעסן...

* * *

עס וועלן ווידער קומען בלומען!

שוין אַוועק דער ליבער זומער,
אין גאָרטן וועלקן שוין די בלומען.
די פויגל זעט מען ווי זיי פליען,
און די וואַקאַציעניקעס קומען.

דאָך פאַרבליבן זיינען די נעסטן
און די פויגל וועלן זיך ווידער
פאָרן!

און עס מערן זיך אַפּרו־ערטער,
פונדאַסניי אַהין צו פאָרן! . . .

און דער גאָרטן מיט די בוימער,
וואו פאַרוועלקטע בלעטער פאַלן,
וועט נאָך ווידער גרינען, בליען,
און זומער־זון וועט ווידער
שטראַלן.

* * *

ברויט האַלט אויף דאָס לעבן; פאַר ברויט — שטעלט מען איין דאָס לעבן...

* * *

ווען דער ברויט וואָלט געוואוסט, וואָס פאַר אַ כוח ער פאַרמאָגט, וואָלט ער אויך אויסגעקעמפט צו האָבן אויף זיך אַ שטיקל פוטער...

* * *

ברויט איז געגליכן צום אַרבעטער. עס גיט כוח, האַלט אויף די וועלט, נאָר — ווערט צעפּענעצט און אויפגעפרעסן פון דעם עקספּלואַטאַטאָר...

* * *

אַ ניט דערבאַקן ברויט, גיט בויך־ווייטאָג, אַ ניט דערבאַקענער מענטש — גיט קאָפּ־ווייטאָג...

* * *

דער סערפּ ברענגט ברויט, די שווערד ברענגט טויט...

איידער דער קאָרן דערזעט די וועלט צו געבן איר ברויט, קייט ער געגנוג די ערד...

* * *

פון עסן מיט די אויגן איז נאָך קיינער ניט זאַט געוואָרן...

* * *

אַן אייגן שטיקל ברויט איז זיסער, ווי אַ געבעטלטער טאָרט...

* * *

דער וואָס קען פאַרדינען אויף ברויט, קען אויך שניידן ברויט...

* * *

אפילו די מאַמע ערד מוז אויך עפּעס עסן איידער זי שפּייזט די קינדער...

* * *

זיי האָבן זיך אַזוי צוזאַמענגעלעבט, ווי ברויט מיט פּוטער...

* * *

דאָס גרעזעלע האַלט זיך זייער באַשיידן, נידעריג, דאָך ווערט דאָס באַוואונדערט פון יעטוועדער אויג...

* * *

אַ גראָז באַוועגט זיך מיט יעדן בלאָז און דאָך — ציט עס צו יעדע נאָז...

* * *

גראָז איז דאָס קלייד פון דער לאַנדשאַפט. די בלומען — איר באַפּוצונג...

* * *

די שענסטע רויז האָט אויך שטעכעלקעס...

* * *

די בלום באַפּוצט דעם מענטשן פון וויגל ביזן גריבל...

* * *

אַ בוקעט בלומען שפּילט אָפט די ראָלע פון אַ שדכן...

* * *

אפילו אַ קבר ווערט לעבעדיג ווען ער ווערט באַפּוצט מיט בלומען...

* * *

אַ הויז אָן בלומען איז ווי אַ שראַנק אָן ביכער...

* * *

אַ בלום אפילו פון איין קאָליר איז קאָלירררייך...

* * *

בלומען אויפן טיש, איז ווי רעפּטלעך מערן אויף די פיש...

* * *

אַ כלה אָן בלומען איז ווי אַ חתונה אָן אַ רייכער מומען...

בלומען אויפן טיש, אַ בוך אין שראַנק און צווי מענטשן וואָס פאַרשטייען זיך — איז אַ קוואַרטעט, וואָס קען שפּילן: „היים, זיסע היים"...

* * *

קינדער, בלומען און פאַרליבטע האָבן ליב צערטלעכקייט...

* * *

אפילו דער פּרוכטבאַרסטער בוים האָט אַלץ מער בלעטלעך אויף זיך, ווי פרוכט...

* * *

אַ שטורעם רייסט נאָר אַ בוים, וואָס פאַרמאָגט עפּעס אויף זיך, אָבער אַ דאָרן לויפט ער פאַרביי...

* * *

די ערד צאָלט אַ גרויסן פּראָצענט, אָבער נאָר מיט דער זעלביגער מטבע, וואָס מ'גיט איר...

* * *

שוואַרצע ערד איז אַלעמאָל רייך, פעט און פּראָדוקטיוו. דערפאַר ווילן טאָקע די ווייסע שאָוויניסטן האַלטן פאַרשקלאַפט דעם נעגער־ברודער, צו טאָן פאַר אים די שוואַרצע אַרבעט...

* * *

דאַכט זיך, וואָס קען זיין אַזוי נידעריג, ווי גראָז — דאָך שאַפט דאָס גראָז פאַרן אויג אַזאַ דערהויבענע שטימונג...

* * *

דערנער קענען אַ ים ניט פאַרשטעלן.
שטיינער שפּאַלטן זיך, ווען וואַסער נעמט קוועלן.

* * *

פּערל זיינען אויפן גרונט, און דאָך ניט געפאַלן...
דורך די שמאָלסטע שפּאַרונעס גייען דורך שטראַלן.

* * *

אין קאַמף פאַר די מאַסן, איז ניטאָ קיין פאַרלירער.
אַ פאַרלירער אין קאָרטן, איז ניט קיין מאַרטירער.

* * *

אַן איינציג זעמדל איז טאָקע איינער איז קיינער.
נאָר פון מיליאָנען צוזאַמען, קומען פעלזן און שטיינער . .

* * *

יזכור — דערמאָנט און מאָנט!...

אין דער וואַרשעווער געטאָ רויכט נאָך דער שטורעם.
עס שטייט פאַר די אויגן דער גייסטיגער טורעם.

ווען די לופט האָט צעפּראַלט זיך מיט גערודער,
וואו טאַטעס מיט מאַמעס, שוועסטער מיט ברודער —

זיך ניט געלאָזן פון די נאַצים ווי פייגלינג פאַר׳דמ׳ען...
אין פייער און רויך געשטאַנען צוזאַמען!

און איז איינער געפאַלן — איז ער געפאַלן דערהויבן!
געשטאַרקט און דערמוטיגט צו די קעמפער דעם גלויבן.

מ׳זאָל מאָנען אַ חשבון: „ניט פאַרגעסן, ניט פאַרגעבן";
דאָס בלוט איז צושטייער פאַר אַ פרידלעכן לעבן!

איז יזכור — דערמאָנט זיך אָן די זעקס מיליאָן אידן:
זיי וועלן האָבן נאָר רו — ווען ס׳וועט די וועלט האָבן פרידן!

שלום על ישראל

פיר הונדערט טויזנט חתימות,
פון פיר הונדערט טויזנט אידן,
רופן פון ישראל,
צו דער וועלט — פאַר פרידן!

די פיר הונדערט טויזנט חתימות,
אין ישראל זיינען עדות,
פון די זעקס מיליאָן קרבנות —
פון קינדערלעך ביז זיידעס.

זיי געדענקען גוט דעם קריג,
דעם וואָלף מיט זיינע ציינער,

צעפרעסן האָט ער זייער לייב,
צעגריזשעט זיי די ביינער.

האָבן זיי פאַרצייכנט דאָס,
און ניט מיט טינט געשריבן...
נאָר מיט בלוט פון זייער האַרץ,
דאָס אַלץ צונויפגעקליבן.

זיי רופן אויך צו ברייטער וועלט,
זיי ווילן אונז בתוכם.
טאָ זאָל-זשע אונזער ענטפער זיין:
אַ גרויסער שלום-עליכם!

קריג און פרידן

אין דער צייט וואָס די טויב קלייבט קערנדלעך אין רו און פרידן, קוקט־אויס די קראָ אויף דער בייזער שעה...

* * *

פריער האָט מען זיך דערשלאָגן צו שפּאַלטן דעם אַטאָם, איצט ווילן די מלחמה־צינדער מיט דעם צעשפּאָלטענעם אַטאָם — שפּאַלטן די וועלט...

* * *

די טויב — קאָן ניט פאַרנעמען דעם אַטאָם־שטויב...

* * *

דער שדים־טאַנץ פון מלחמה — איז ניט צו פירן די קינדער צו דער חופּה...

* * *

אַמאָליגע יאָרן האָט קריג געמיינט — גיין זיך שלאָגן. היינטיגע צייטן דאַרף מען ניט גיין: עס קומט דורך טיר און טויער, און אַמאָל אויך דורכ׳ן דאַך . . .

* * *

טאַטע־מאַמע דאַרפן שטענדיג געדענקען, אַז טויטע זין ברענגען ניט אויף דער וועלט קיין אייניקלעך...

* * *

אין קאַמף פאַר אויל־פעלדער איז די רעאַקציע גרייט צו שאַפן בלוט־פעלדער...

* * *

אין קאַמף פאַר מאַכט און געלט, וויל מען מיט׳ן האַקנקרייץ קרייציגן די וועלט...

* * *

ווען דעם מענטשנ׳ס לעבן שטייט אין סכנה, לעבט־אויף די וואַראַנע...

* * *

נצחון, אין קאַמף פאַר שלום, איז דער שענסטער מעדאַל פאַרן פאָלק...

* * *

מלחמה־מאַכער זוכן אַלע וועגן זיך צו עפּעס צו דערשלאָגן — דורך שלאָגן . . .

חורבן וואַרשע

(אין אָנדענק פון דער וואַרשעווער געטאָ)

ס'איז פריש נאָך דער חורבן פון וואַרשעווער געטאָ,
פאַר מיליאָנען קרבנות — א וועלט־מאָנומענט,
און שוין גרייט צו וואָל סטריט א נייע מלחמה.
קעכלט די מערדער, מיט זייערע בלוטיגע הענט.

אין וואַרשעווער געטאָ עס זידט נאָך דאָס בלוט,
און עס גרייט שוין דער שונא א פאַסטקע דורך „נאַטאָ",
דאָס שמידט מען אָן „אַקס" פאַר א „פיורער" א נייעם,
ס'איז דער „דאָלער" דער וועכטער, דער שיצער, דער טאַטע.

ווען עס מאָנען די פעלקער: שלום זאָל זיין!
און דורך קאַלטער מלחמה רייסן זיך טויבן,
צעבלאָזסט פענטאַגאָן פון דאָס ניי בייזע ווינטן,
צו פאַרשפּרייטן אַלץ שטאַרקער די אַטאָמישע שטויבן . . .

עס וויל „מערב" דערשרעקן מיט אַטאָמישן כוח,
פאַרשפּרייטן א קאָשמאַר, א פינצטערן חלום.
ווען פון מזרח עס פליען שניי־ווייסע טויבן,
זאָל מען ניט הערן, ניט זען זייער רוף פאַר'ן שלום.

מוז טאַטע און מאַמע, אין שוץ פון די קינדער,
דערהויבן די שטימען, אַז די וועלט זאָל דערהערן, —
דער כוח פון פאָלק איז שטאַרקער פון באָמבעס,
מוז ער זאָגן זיין וואָרט — פאַרשטומט זאָל דאָס ווערן! . . .

צוויי טאַטעס

באַקלאָגט אַ טאַטע זיך פאַר אַ צווייטן,
ווי די וועלט ס׳וואָלט זיך עקן:
דער וועג פאַר מיר איז שטענדיג פינצטער,
ווי פאַר אַ בלינדן אָן אַ שטעקן . . .

גיט אַ קוק נאָר דעם מיאוסן וועטער
און ווער ווייס וואָס זיין וועט מאָרגן?
ניט פאַר מיין כוח און מיין מוח
צו פאַרטראָגן אָט־די אַלע זאָרגן . . .

אין דרויסן, דאַכט זיך, גרינען פעלדער,
נאָר זעט ווי טונקל זיינען מיינע שויבן . . .
ווי די לופט עס האָט פאַרדעקט זיי
פול מיט גיפט און אַטאָם־שטויבן . . .

שרעק באַגלייט אויף טריט און שריט מיך,
אַזוי אויך פיל איך ביינאַכט אין שלאָפן.
עס עגבערט שטענדיג מיך איין פראַגע:
ווי איז מעגלעך אויף בעסערס האָפן?

ענטפערט אים דער צווייטער טאַטע:
ברודערל, נאָר ניט פאַרצווייפלט,
אויב מיר זיינען נאָר אין צווייען,
איז אונזער כוח גלייך גע׳כפל׳ט.

איצט דאַרף מען רופן אַלע טאַטעס
עס זאָל זיין כפל און כפליים.
וועט ווערן אוים מיט „אַטאָם־שטויבן“,
און וואו ס׳איז שלום — איז אויך לחיים!

דער מאַמעס האַרץ

ניט שרעק זיך קינד מיינס פאַר
אַ שלום,
שלאָף מיין קינד אין רו.
בלויז בייזע מענטשן ווילן שיסן,
ניט לאָזן דיך צורו.

פאַר די רייכע ברענגט מלחמה
פולע זעק מיט גאָלד . . .
נאָר מיין עשירות ביזטו, קינד
מיינס,
כ׳האָב דיך — ווי שלום — האָלד !

אַלע מאַמעס רופן, בעטן :
שלום זאָל נאָר זיין.
ווייל נאָר מיט שלום קאָן דאָס
לעבן
זיכער זיין פון פיין.

איך וועל ניט לאָזן דיך צו נאַרן,
עס ווייסט די מאַמע גוט :
שלום ברענגט — גליק און לעבן,
קריג מיינט — אומגליק, בלוט...

* * *

אַ רעקלאַמע — פאַר דער מאַמע . . .

(צום מוטערס־טאָג)

די מאַמע איז טייער, ווי דאָס גרעסטע פאַרמעגן,
איבערהויפּט ווען די טאָכטער דאַרף ווערן געלעגן.

די מאַמע איז אַ גוטע, גיט שטענדיג צום נאַשן,
איבערהויפּט ווען זי העלפט נאָך די ווינדעלעך וואַשן . . .

די מאַמע איז אַן אוצר, שטופּט אונטער אַ „קניפּל“,
איבער׳הויפּט ווען זי ניאַנטשעט דאָס קינד מיט׳ן „ניפּל“.

די מאַמע איז אַ יום־טוב אפילו אינדערוואָכן,
איבערהויפּט ווען זי קויפט־איין און שטעלט צו צום קאָכן.

די מאַמע פאַרדינט לויב, בלומען און לידער,
איבערהויפּט ווען זי איז אַ „בעיבי סיטער“ . . .

בלאָטיגע געדאַנקען...

קריך ניט אין קיין בלאָטע, סיידן — ס׳איז דאָ ציל דערביי, וואָס פירט צו אַ וועג...

* * *

קינדער קענען מאַכן פון בלאָטע אַ מענטשן, נאָר — אים אַרומוואַשן קענען זיי ניט...

* * *

מיר האָבן מענטשן, וואָס מאַכן פון בלאָטע גאָלד, און אַזעלכע וואָס מאַכן מענטשן צו בלאָטע...

* * *

דער וואָס שווימט אין בלאָטע וועט שוין מוזן כאַפּן פיש אין מוטנעם וואַסער...

* * *

ניט שפּיגל זיך אין בלאָטע און ניט זוך ווייכהאַרציגקייט אין אַ שטיין...

* * *

די זשאַבע און דער מסור „זינגען" שטענדיק פון דער בלאָטע אַרויס...

* * *

וויפיל מ׳זאָל ניט קנעטן אַ בלאָטע, קיין טייג וועט דאָס ניט ווערן...

* * *

דאָס קלאָרסטע קוואַל־וואַסער, ווען עס ציט זיך אַריין אין אַ בלאָטע, האָט אַ שמוציגן סוף...

* * *

מענטשן קענען האָבן מאַניקיורטע נעגל און אַליין שטעקן אין בלאָטע...

* * *

עס איז גרינג צו באַוואַרפן מענטשן מיט בלאָטע, נאָר — ס׳איז שווער זיך אָפּצוּוואַשן דאָס אייגענע געוויסן.

* * *

זייף קען ניט העלפן אַ מענטשן געגן בלאָטיגע געדאַנקען...

* * *

איין פוס אין בלאָטע שלעפּט מיט דעם צווייטן.

* * *

מיט בלאָטיגע הענט פּרוביר זיך ניט ריינוואַשן דאָס פּנים...

יום־טובֿדיגע ווערטלעך

ער האָט אַ מזל פון אַן אתרוג, איינגעוויקלט אין וואַטע און ליגט אין אַ זילבערנעם קעסטל...

* * *

האָסט מיר אַ פּנים ווי אַ הושענא נאָך שמחת תורה...

* * *

עס איז אַ לעבן ווי אין אַ סוכה: פול מיט שטעכעלקעס, אַן זון־שיין און פון מינדעסטן טרייסל קען דאָס איינפאַלן...

* * *

ער איז, ווי דער לולב, שטענדיג גרין און אויסגעדאַרט, און ווער עס וויל נאָר שאָקלט מיט אים...

* * *

פאַראַן אידן, וואָס פראַוועון שמחת תורה ניט אַזוי צוליב די הקפות, ווי צוליב דעם לחיים...

* * *

אַ סך אידן מאַכן שמחת תורה אַ לחיים און טאַנצן בגלופנדיג, ווייל זיי פילן, אַז זיי האָבן שוין די חתימה טובה ביי זיך אין קעשענע, און פאַראַן אַזוינע, וואָס ווילן מאַכן אַ לחיים צו פאַרגיסן זיך די צרות...

* * *

אין די טעג פון סליחות הויבן אַן צו ציטערן ניט אַזוי די פיש אין וואַסער, ווי די וואָס דאַרפן נויטיג אַ ווינטער־מאַנטל און קוילן אין הויז...

* * *

אַ חזן מיט דער שטאַרקסטער שטימע קאָן ניט אויסשרייען דעם אָרימאַנ׳ס בקשות און קאָן ניט פאַרשרייען די עוולה׳ס, וואָס אַ סך קהל׳שע קליאַמקעס באַגייען געגן זייערע מיטמענטשן...

* * *

שלאָגן זיך „על חטא״ אויף באַגאַנגענע זינד איז זייער פיין, נאָר בעסער איז זיך צו שלאָגן מיט דער דעה איידער מ׳זינדיגט...

* * *

אַ סך מענטשן, וואָס לעבן אַ גאַנץ יאָר אויפן וואונק פון אויג, ווילן זיך אויסבעטן אַ גוט יאָר דורך גלאָצן מיט די אויגן צום הימל...

* * *

מיט אַ פאַרבלוטיגטער האַנט איז שווער זיך צו שלאָגן על חטא און — מיט אַן אָפּגעפרעסענעם פעמפיק איז שווער צו פאַלן כורעים...

ער מיינט נישט די הגדה...

אויף פייער-פערד איז דעמאַגאָג איבער לענדער געפלויגן,
גרימירט אין דער ראָלע פון אליהו הנביא...
מיט אַ פאַפירענער טויב ווי אַ קאָקאַרדע אויפ'ן היטל,
און אין בוזים פאַרבאַהאַלטן אַ פאַרשאָלטענע סאָווע...

געפלויגן אין הייזער, פּרובירט דרייען די שלעסער,
און וואו נויטיג געמאַכט אַליין זיך אַ שליסל...
געגעבן אַ קוק אין דעם אַלמער, אַ מיש זיך אין טעפּל...
און אַזוי וויל ער ווערן אַ שותף צו יעדערנס שיסל...

גערעדט מיט אויגן פאַרגלאָצט, ווי אַ גאַנצער משיח,
ווי ער וואָלט געקומען צו זיי, צו זיין אַ באַפרייער.
געטיילט כלומרשט מתנות, געשריען ס'איז בחינם,
נאָר זיי ווייסן דעם סוף שוין — עס קאָסט זייער טייער...

טרינקט אַ כוסה, אַ „טאָוסט" און מאַכט אַ פרומע ברכה...
פאַרשטשעמעט די ציין און פאַרשטעלט דעם קאַטאָוועס,
פאַררייסט די אויגן צום הימל נישט צו געבן אַ פינטל,
ער זאָגט אָפּ לחיים — און מיינט גאָר למות...

ער פּראַוועט שטיק ווי אַ „קלאָון", און רופט דאָס אָן סדר,
„אצבע אלהים", מיינט ביי אים פאַכען מיט קולאַקעס.
ווען ער רעדט פון היילן דער וועלט'ס קראַנקע לאַגע,
מיינט דאָס צוזאָגן געבן — און געבן נאָר מכות...

ער זינגט זיך „כל דכפין", נאָר פאַלש איז זיין ניגון.
אַ חד-גדיא — זיינע רייד פון וועלט-דעמאָקראַטיע.
און וואָס מער ער וויל זיך נייע פריינט קויפן —
האַנדלט ער איין זיך אַלץ מער אַנטיפּאַטיע...

אַזוי זעט די וועלט אַלץ קלאָרער זיינע קונצן,
זיין אַקראָבאַטישע פּאָליטיק, די פאַיאַצישע דריידלעך.
די וועלט האָט דערפילט שוין, אַז ער מיינט ניט די הגדה,
ער איז אויסן נאָר איין זאַך — צו קריגן די קניידלעך...

תשליך מיינט, ווערן ריין פון זינד,
נאָר ניט העלפן ווען קיין וואַסער־קוואַלן.
צו פטור ווערן פון אַלץ וואָס שלעכט, —
מאַכט אַדורך „תשליך" אין די וואַלן...

* * *

באַגיי ניט קיין עוולה געגן אַ מענטשן האַפענדיג, אַז ער וועט דיר ערב יום־כיפור מוחל זיין. ער קאָן אַמאָל ביז יום־כיפור דיר אַזוי „אַפדינען", אַז דו זאָלסט גאָר אים דאַרפן מוחל זיין...

* * *

אַ סך בעלי־עבירה'ניקעס גיבן זיך ניט אָפּ קיין חשבון־הנפש אפילו ווען זיי גייען צוויי מאָל אַ יאָר אין שול — זיי זינדיגן אָן אַ חשבון...

* * *

צו „אויסבעטן" זיך אַ גוטן יאָר,
מוז מען קעמפן ווי אַ גבור.
כדי אויפצוהאַלטן די געווינסן —
ווערט אַליין דער שליח־ציבור!...

אַ גוט יאָר!

אַ אידיש יאָר, אַ קריסטלעך יאָר,
נאָר יעדער יאָר, הענגט אויף אַ האָר,
ווען דאָס לעבן איז פול מיט פּלאָג,
זענט איר ניט זיכער מיט'ן טאָג.

דער קבצן אומעטום ביים טיר,
אויבן־אָן, עס זיצט דער גביר.
איז וואָס דער קבצן זאָגט אַרויס —
אינגאַנצן אַנדערש לאָזט זיך אויס.

ווייל דער וואָס זיצט אויבן־אָן
זאָגט די דעה וואָס צו טאָן . . .
איז — דעם אויבן־אָן נעם איין —
וועט אַן אַנדער וועלט דאָן זיין . . .

די שטענדיגע כמאַרע — פּרעה...

אויף טיש און בענק עס זעט זיך
פּסח,
אַלץ געוואַשן און אַלץ געשייערט,
וואו נאָר אַביסל חמץ, פּוילקייט —
האָבן הייסע שטיינער אַלץ
געפייערט...

טעפּלעך, פענדלעך ניי־צע־
שטעלטע,
ווענט און פענצטער ריין געוואַשן,
אָנגעגרייט זיך מצה, וויינען,
אויך ניס און צוקערלעך צום נאַשן.

נאָר עס קומט צום טיש דער מלך,
ביים היסב־בעט זיך אָנצו־
שפּאַרן —
דערמאָנט ער זיך, אַז באַלד נאָך
יום־טוב, —
ווידער טרעפט ער זיך מיט
פּרעה'ן.

* * *

אַמאָל פלעגט מען זאָגן: זיי אַ מענטש וועסטו עסן אין סוכה. היינט דאַרף מען זאָגן: קעמף ווי אַ מענטש וועסטו ניט דאַרפן לעבן אין אַ סוכה...

* * *

לאָז זיך ניט בינדן ווי אַ הושענא, וועט מען דיך ניט קלאַפּן...

* * *

דער אתרוג און דער לולב זיינען טאַקע ניט קיין גלייכע פּאָר, דאָך טראָגט מען זיי ביידע אויף די הענט...

* * *

קיין וואונדער ניט, וואָס דער לולב איז אַזוי איינגעדאַרט — אַז ווער עס וויל שאָקלט מיט אים...

* * *

קאָנסט ניט טראָגן פאַר אַ קלייד — אַ קיטל, און אין קראָם בראָגט מען ניט אויף אַ „גוטן קוויטל"...

* * *

תורה איז אַ גוטע סחורה, אַ סימן — אַ סך שולן האַלטן זיך אויף פון די פאַרקויפטע בילעטן און עליות אין די הייליגע טעג...

* * *

אויב איך בין זינדיג און דאַרף קלאַפּן
אין מיין קראַנקן האַרצן מיט דער האַנט,
טאָ מעג מיין באַס און פּאָליטישן
געוויס זיך קלאַפּן — קאָפּ אָן וואַנט.

עס איז אַ היים ווי אַ סוכה: דאָס איינציגע ליכטיג ווינקל איז — אין לעכערדיגן דאַך...

* * *

עס איז אַזאַ גלייכע פּאָר — ווי אַ לולב מיט אַן אתרוג...

* * *

יאָ, אַ סך באַלעבאַטים טוען מיט דעם אַרבעטער, ווי דער איד מיטן לולב: ער בענטשט אים כדי ער זאָל אים קענען שאָקלען.

* * *

אַמעריקע האָט דעם סוכות אַמעריקאַניזירט און אַ נאָמען געגעבן „הוא־ווערוויל"...

* * *

ווען איינער שלאָגט זיך על חטא איז נאָך קיין באַוויז ניט, אַז ער איז טאַקע אַזוי שטאַרק זינדיג, ווייל די אמת'ע זינדיגע — שלאָגן יענעם...

צו די חנוכה־טעג

מיך אַרט ניט אויב ס'איז אפילו
די שיינע מעשה ניט געשיכטלעך,
פון חנוכה די נסים, וואונדער
מיט דעם אויל און מיט די ליכטלעך.

עס איז פאַר מיר קיין אונטערשייד,
איך בין אין ניסים גאָר ניט גלויביג.
נאָר דער מוטער חנה'ס העלדישקייט
אַ מוסר־השכל בלייבט אויף אייביג.

ווי צו היטן אייגענעם כבוד
און ניט לאָזן זיך פאַרראַטן,
די שטאָלצע האַלטונג פון דער מאַמע חנה —
ווייזט אַ וועג אויך פאַר'ן טאַטן.

ווען מיט עקשנות ווי פון שטאָל —
באַקעמפט מען צרות, פיינען,
ווערט דער נס אַזוי נאַטירלעך —
אַז דאָס ליכט מוז שטענדיג שיינען! . . .

אַלע צוזאַמען

א גאַנצן טאָג פאַסטן
און לעבן אויף „טראָפנס",
מיט אַרבעס אין די זאָקן
און שטיינער צוקאָפּנס . . .

פייניגן דעם קערפּער,
מיט יללות און טרערן,
שרייען צום הימל,
און אַליין זיך ניט הערן . . .

זיך קלאַפּן אין האַרצן,
און כורעים אויף פאַלן,
און כאַפּן אַ ציטער —
ווען דער שופר נעמט שאַלן —

דאָס איז אפשר אַ מיטל,
אַזאַ מין סאָרט „דייעט" . . .
צו לאָזן זיך מאָרען,
מיט מחזור און פייעט.

נאָר אויב מ'וויל פאַרניכטן
פון די צרות די שטאַמען,
איז ניט קניען, ניט פאַלן —
נאָר שטיין אַלע צוזאַמען ! . . .

* * *

פרומע אידן פראַווען סוכות אַכט טעג, אָרימע אידן — אַ גאַנץ יאָר, און פאַראַן אפילו אַזעלכע, וואָס האָבן קיין סוכה־ביידלעך אויך ניט...

* * *

מיטן של־ראש קאָנען ניט ווערן
פאַלשע מחשבות פאַרשטעלט —
און דער של־יד קען ניט פאַרגיטיגן,
פאַר נעמען לאַפּקע־געלט . . .

* * *

דער פרומער גייט דאַוונען,
יום־כיפור אין שול מיט אַ קיטל,
און דעם רייכן גלייך אין הויז
קומט דאָס גוטע קוויטל...

* * *

קינדער האָבן ליב צו צינדן ליכטלעך. ביי די אימפּעריאַליסטן איז דאָס אָבער אַ קינדער־שפּיל: זיי האָבן ליב צו צינדן מלחמות...

* * *

אַמאָל, — דערציילן פרומע אידן, — איז געשען אַ נס, און אַ קליין ביסל אויל האָט געברענט אַכט טעג. היינטיגע צייטן איז באמת אַ נס, וואָס דאָס קליינע ביסל אויל־מאַגנאַטן צינדט ניט אונטער די גאַנצע וועלט...

סכך מיט נאָדלען

ווי אין אַ סוכה איז איצט דאָס לעבן,
אָן אַ דיל און אָן אַ דאַך.
וואו איר קערט זיך און איר ווענדט זיך,
זעט איר „שטעכעלקעס" פון סכך . . .

אַ כמורנע הימל, אָן ליכט און זון־שיין,
ווען ליידיג שטייט דאָס קינדער־בעט.
ס'מורמלט דער טאַטע אין סוכה אושפּיזן,
און אין קיך צו זיך — די מאַמע רעדט:

„איך בין איינגעשפּאַנט אין יאָך פון פּאַרטוך,
וואָלט זיין אַ זון, וואָס עסן מאָנט . . .
נאָר ס'האַרץ ווי אַ לולב ציטערט
פאַר די קינדער אויף מלחמה־פראָנט" . . .

טראָגט זיך אַ ציטער אין די שוואַכע ווענטלעך,
וואָס האַלטן קוים זיך אויף אַ האָר.
און די געדאַנקען לויפן, פרעגן:
ווי וועט אויסזען נעקסטער יאָר?

זיצן טאַטעס אין די סוכות,
מיט קעפּ פאַרטראַכטע אויף די הענט,
פון סכך די נאָדלען אין די טעלער —
און מרה־שחורה אויף די ווענט . . .

* * *

חדשים פאַר חנוכה שטאָפּט מען די גענדזלעך, אין דער וואָך פאַר חנוכה שטאָפּט מען אָן דעם קצב, חנוכה — שטאָפּט מען שוין זיך אַליין, און נאָך חנוכה — שטאָפּט מען אָן דעם דאָקטאָר און אַפּטייקער...

* * *

לייגן לאַטקעס אויף הויזן — גייט צום שניידער,
צום שוסטער — גייט לייגן לאַטקעס אויף שיך,
נאָר אויב איר לייגט לאַטקעס אויף טעלער,
האָט אינזינען און פאַרגעסט ניט מיך...

שלח־מנות — אַ תענית

עס האָבן אידן איין טאָג פורים
מיט אַ טראַדיציע פון שלח־מנות.
פּאָליטישנס — אַ גאַנצן יאָר
האָבן פורים מיט מתנות . . .

שפּילט איינער מרדכי, אַ צוויי־
טער המן,
מיט אָנגעפּילטע המן־טאַשן...
און ווען ביים פאָלק איז ברויט
אַ פראַגע,
האָבן לעקעך זיי צו נאַשן.

זיי שטייען שטענדיג מיט די
שנאָבלען,
גרייט צו פּיקן ווי די וואָראָנעס.
צי מיט גוטן צי מיט בייזן,
מ'מוז זיי טראָגן שלח־מנות . . .

זייער פורים האַלט אָן שטענדיג,
מיט אַ מגילה פון זאבאבאָנעס...
און ווען זיי גראַגערן און
דרייען —
הייסט מען פראַווען אונז אַ
תענית . . .

* * *

פאַראַן מענטשן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט „דריידלעך" אַ גאַנץ קיי־לעכדיג יאָר, און — בלויז דורך אַ נס קאָן עמיצער געווינען פון זיי...

* * *

די טעג פון חנוכה דערמאָנען אונז, אַז דער ראַסן־האַס ווערט דאָ גאַנץ פיין „באַלויכטן" — מיט ברענענדיגע צלמים פון קו־קלוקס־קלעניקעס.

* * *

פאַראַן מענטשן וואָס גלויבן היינטיגע צייטן בלויז אין איין נס — ביז־נס...

* * *

אַלע יאָר איז פורים,
אַלע יאָר איז אויס,
און ווידער וואַקסט אַ המן —
ווי פון דריערד אַרויס.
ער וואַקסט אַזוי און וואַקסט,
ברייט, און גראָב, און לאַנג,
מיקאָן ניט מיט אַ גראַגער
פאַרניכטן אַזאַ שלאַנג...

* * *

געוויסע מענטשן קאָנען זיך פאַרגינען ביי תשליך צו טרייסלען זייערע קעשענעס, ווייל די אמת'ע אַפּטיקע ליגט גאָר אין דער פייער־קאַסע...

פאַרלאָזט זיך ניט אויף „גראַגערס"...
אויף „דרייערס"... שיע־פּיע...
די „כלי־זין" זיינען גוט נאָר —
ווען ס'איז המן אויף דער תליה...

* * *

פאַר ראש־השנה ציטערן די פיש אין וואַסער און באַלעבאָסטעס ציטערן — פאַר די פרייזן אויף פיש...

* * *

אַ ווערטל זאָגט: ווי מ'בעט זיך אויס, אַזוי שלאָפט מען.
היינט זאָגט מען: ווי מען קעמפט זיך אויס, אַזוי לעבט מען...

* * *

דער רייכער הייסט דעם אָרימאַן זיך קלאַפּן אין האַרצן בשעת זיינע רייכע לאַפּעס זיינען פאַרנומען אויסליידיגן דעם אָרימאַנ'ס קעשענעס...

* * *

אויב אַ רייכער פאַרגינט זיך אַמאָל אַ קלאַפּ צו טאָן אין האַרצן על־חטא, איז דאָס נאָר, אַז זיין שכן זאָל זען דעם נייעם דימענט־רינג אויפן האַנט...

* * *

מי באש ומי במים איז איצט דער טייטש: ווער עס זאָל גע'הרג'עט ווערן מיט אַן אַטאָמישער פייער־באָמבע און, ווער — מיט אַ טייוולשער וואַסער־באָמבע...

* * *

פסחדיג

סיקומט דער פרילינג מיטן פסח,
ווערט אַלץ גערייניגט און געשייערט.
וואו סיגעפינט זיך פוילקייט, חמץ —
ווערט געוואַשן און געפייערט...

טעפלעך, פענדלעך — אָפּגעפּוצטע,
אָפּגעשייערט אַלץ ווי נייע.
און די פענצטער בליאַסקען ליכטיג,
שיינט די זון אַריין אַ פרייע.

* * *

ניט קיין מצה — ניט קיין ברויט

גייט אַרום אַן אַרבעטער
זייער שטאַרק פאַרזאָרגט:
קיין אַרבעט איז אין שאַפּ ניטאָ
און שוין אומעטום געבאָרגט.

און דאָ איז ערב פסח שוין —
ער פילט זיך ווי פאַרידמיט,
אין הויז קיין מצות איז ניטאָ
און חמץ — אויסגעראַמט...

קרעפּלעך זאָלט איר עסן!

אין קראַם איז טומל, פריילעך, הילכיק,
אויף שבועות גרייט מען, אַלץ וואָס מילכיק.
ניט קיין לונגען, פּיסלעך, קעפּלעך,
עס איז שבועות — עסט מען קרעפּלעך.

מ׳פאַרגעסט פון פליישן, וואורשט, סאַלאַמי,
פון „פּאַרק" און „בעקאָן" און פּאַסטראַמי,
אפילו סטעיק וויל מען ניט פאַרזוכן.
ווייל שבועות עסט מען — נאָר פוטער־קוכן . . .

מ׳דערמאָנט ניט לאָבסטערס, אינדיק, העזל,
צום טיש פאַרגרייט מען אַ פּעפּער־קעזל.
מ׳לאָזט צורו אויך אפילו הערינג,
ווייל שבועות עסט מען — אַ הייסן קעז־רינג . . .

און מעג זיין פליישיגס ווי „דעלישעס",
קומט ער גאָר ניט צו יונה׳ס קנישעס,
און קיין פאַרגלייך נישטאָ צו שפּרינצע׳ס
אויסגעברווינטע, שיינע בלינצעס . . .

פון מילכיגס מאַכט זיך אַלץ פיל גרינגער,
אויב איר האָט נאָר אין טייסטער „קלינגער".
נאָר טאָמער ניט — איז אַ וויסטע כמאַרע,
און פון קאָכן, באַקן — ניט קיין פּאַרע . . .

* * *

יונגער גייסט

די קנייטשן אויף זיין שטערן,
דער ציטער אין זיין שפּאַן,
מאַכט אַ צווייטן קלערן,
אַז אַלט איז שוין דער מאַן.

נאָר טוט ער אַן זיך גייסטרייך,
גיט זיין חכמה גלייך אַ שפּרונג,
זיין ווסן דאָס באַווייזט גלייך —
ווי דאָס לערנען האַלט אים יונג!

טעאַטער און געזאַנג

אַקטיאָרן, וואָס מאַכן אַ סך „בולבעס״ אויף די בינע־ברעטער, האָבן גראָדע צו די בולבעס ברויט.

* * *

דער כּוח פון טעאַטער איז צו קענען פאַרקויפן דעם צושויער פאַרן אויג אַ פּאַפּירענעם בוים און — אַ ליגן פאַר טרוים...

* * *

די וועלט איז אַ בינע

„די וועלט איז אַ בינע,
יעדער מענטש אַן אַקטיאָר" —
דער סעזאָן איז אַ גוטער,
ער האַלט אָן אַ גאַנץ יאָר . . .

לעבט איינער אין רייכקייט,
טאַנצט פאַר אים דער הויף־נאַר;
איז איינער צווי פּנימדיק —
איז ער שוין גאָר, גאָר אַ סטאַר . . .

די דעקאָראַציעס אַ וואונדער,
יעדער באַרג, יעדער טאָל.
ס'איז שלעכט נאָר מיט די שפּילער,
וואָס שפּילן פאַלש זייער ראָל . . .

מענטשן האָבן ליב טעאַטער,
ווען מישפּילט מיט געפיל —
מיט שפּיל אינים ערנסט
און מיט ערנסט — אין שפּיל . . .

* * *

די פאַבריקאַנטן פון ביליגן טעאַטער און פילם זיינען אַזוי ווייט פון קולטור, ווי אַ טכויר פון פאַרפיום... נאָר זיי אַרט ניט, אַבי זיי לאָזן זיך „הערן״...

* * *

דער געקלאַנג פון קייטן־מוזיק שפּילט אַמאָל אונטער פאַר די הערשער. אָבער סוף־כּל־סוף וועקט אויף אָט־דער געקלאַנג די מאַסן — די קייטן צו צערייסן...

* * *

זעלטן ווען איינער זאָל זיך אַזוי גרויסן מיט נאַרישקייט ווי געוויסע בינע און פילם־שרייבער. ווייל — צום סוף ווערט גאָר דער עולם אָפּגענאַרט...

* * *

דער שרייבער פאַר דער בינע דאַרף ניט נאָר זען פאַר זיך דעם אַקטיאָר, נאָר אויך דאָס פאָלק, וואָס וועט קומען עפּעס לערנען פון דער בינע...

ווי שטיל אַ מענטש זאָל ניט זינגען, ווערט זיך געפינען אַן אויער דאָס צו דערהערן...

* * *

צו אַ פאָלקס־ליד קען מען ניט האָבן קיין טענות פאַר עפּעס אַ חסרון, פונקט ווי מ׳קען ניט האָבן קיין טענות צו דער באָבען פאַר האָבן קנייטשן אויפן פנים — אָפּט איז דאָס דער חן...

* * *

דער מענטש, וואָס האָט ליב געזאַנג, האָט ליב פייגל. דער מענטש, וואָס גייט שטענדיג אַרום און מרוקעט און כרוקעט — האָט ליב פיר־פיסיגע...

* * *

ווען דער וואָלף זאָל טאָן ווי דאָס לעמעלע, און זיך איינהערן אין די געשמאַקע מעלאָדיעס פון דעם פאַסטעכ׳ס פייפל, וואָלט ער אפשר אויך געוואָרן אַביסל וויניגער חיה...

וועק אַלע אויף!

שפּיל און זינג, מיין ברודער, הויך!
ניט לאָז דיין שטימע — שטומען!
עס וועט מוזן קומען יענער טאָג
ווען אַ תיקון וועט דיין ליד באַקומען . . .

אויך די נאַכטיגאַל האָלט איר זינגען אָן,
ווען אַ דאָרן דריקט זי ווי אַ פאַרברעכער.
פאַרקערט — זי זינגט נאָך שטאַרקער דאַן,
זי לאָזט איר שטימען קלינגען העכער . . .

טאָ זינג און שפּיל, וועק אַלע אויף,
עס טאָר קיינער ניט פאַרשלאָפן,
ווער עס שטייט אָוועק פון כאָר,
וועט זיך אַליין באַשטראָפן . . .

עס רופט די צייט און מאָנט און וועקט —
טאָ זינג־זשע אין די שלום־כאָרן,
און מיט דעם ליד מאַרשיר פאַראויס
צו שיינע טעג און פרייע יאָרן.

זינג פאַר שלום!

אַ ליד אַ שיינס — און נאָר אַזוינס,
העלפט דאָס קינד פאַרוויגן.
איז איינער גרוים — העלפט אַרוים
געזאַנג אין קאַמף — צו זיגן!

אַ ליד העלפט שלאָף, אַ ליד וועקט אויף,
איז ווער עס פילט אַ מידער:
צום גוטן יאָר — אַריין אין כאָר,
באַגלייט דעם טאָג מיט לידער!

מוזיק געקלאַנג — מיט גוט געזאַנג
מאַכט דאָס לעבן מונטער.
עס ליגט אַ טעם אין יעדן גראַם,
וואָס הויבט דיך גייסטיק אונטער.

ווען דער דיריגענט — צעפירט די הענט,
מיט אַן אָפן מויל באַצאָל אים.
זאָל דאָ און דאָרט — איעדער וואָרט
זיין געזאַנג פאַר ברויט און שלום!

* * *

דאָס שטעקעלעלע ביים דיריגענט
האָט, פאַרשטייט זיך, צוויי עקן;
מוזיק קאָן פאַרוויגן —
און מוזיק קאָן אויך וועקן...

* * *

עס איז ניט גענוג, ווען אַ זינגער נעמט אַ הויכן טאָן. די פראַגע איז, ווי טיף ער דרינגט אַריין אין האַרץ.

* * *

צו כאַפן אַ שפּאַציר איז גענוג גוטע פיס, אָבער צו כאַפן אַ טאָן אין זינגען, דאַרף מען זיין אַ גוטן אויער.

* * *

פון אַ סך פראָבן קומט סוף־כל־סוף אַרויס איין מאָל גוט.

די קראָ און דער סאָלאָוויי

(„געווידמעט" די מוסרים)

צווישן די זינג-פֿייגל אין וואַלד
האָט זיך אויך געריסן אַ קראָ.
געוואָלט ווייזן איר נגינה —
נאָר ס'איז קיין שטימע ניטאָ...

געמאַכט אַ לאַנגן געוואַלד:
דער סאָלאָוויטשיק איז אַ
פֿרעמדער,
פֿאַרטרייבט אים פֿון וואַלד!

האָט זי געפּירסקעט מיטן שנאָבל,
געגעבן אַ קראַקע, אַ געשריי.
נאָר, אויב געהערט האָט מען
זינגען,
איז דאָס געווען — אַ סאָלאָוויי...
האָט די וואָראָנע זיך צעקראַקעט,

און אפשר האַלטן אים גאָר אין
„שטייגל"? —
די קראָ לייגט נאָך צו: —
ניט גענוג וואָס ער איז פֿרעמד
דאָ,
ווייל ער נאָך שטערן די רו...

* * *

אַ גוטער זינגער דאַרף זיין ווי אַן ערלעכער בעל־צדקה, — דאָס וואָס ער גיט אַ צווייטן, דאַרף זיין מיט ליבע און פון טיפן האַרצן.

* * *

ווען אַ מענטש זינגט מיט קאָפּ, ווירקט דאָס אויפן האַרץ, און די פיס שפּאַנען ווי פון זיך אַליין.

* * *

דער געשמאַק פון פאָלקס־ליד — איז ווי פון אַלטן וויין. ביי די שענסטע יום־טובים טראַקטירט מען מיט זיי די געסט.

* * *

צוזאַמען רעדן מיינט טומלען — צוזאַמען זינגען מיינט אַ כאָר.

* * *

דער טעקסט און מעלאָדיע דאַרף זיין איינס — ווי האַרץ און נשמה פון איין מענטשן.

* * *

פאַר אַ דיריגענט, וואָס ווייסט דעם וועג פון געזאַנג, איז זיין שטעקעלע אַ גוטער וועגווייזער.

* * *

פאַר מענטשן, וואָס האַלטן מוזיק פאַר אַ שלאָף־מיטל, דאַרף מען אָפּט געבן פאַנאָגראַף־נאָדלען פאַר איינשפּריצונגען צו קענען שלאָפן...

די מאָדערנע דריי־בינע זעט זיך אָן היינט־צו־טאָג זייער גוט אויף דער וועלט... די סצענעס בייטן זיך און די פּראָזשעקטאָרס באַלויכטן דעם ענין אין צייט...

* * *

דער אַסבעסטאָס־פאָרהאַנג איז זייער גוט צו פאַרהיטן די בינע פון פייער, אָבער קאָן גאָרנישט באַשיצן די בינע געגן וואָסערדיגן שפיל און אָפט בלאָטיגן אינהאַלט...

* * *

טעאַטער איז זייער פּאָפּולער. וואו איר גייט און וואו איר שטייט שפּילן זיך אָפּ סצענעס... עס איז בלויז אַ מאַנגל אין גוטע קריטיקער די סצענעס ריכטער אָפּצושאַצן...

* * *

אויך אויף דער וועלט־בינע שפּילן אַ סך פורצעס סטאַר־ראָלן און זיי האָבן שוין אפילו זייערע פּאַטריאָטן צו שרייען „ביס״!

עס קען אָבער זייער מעגלעך זיין, אַז טאַקע צוליבן „ביס״ זיינען זיי פּאַטריאָטן...

* * *

געזאַנג וועקט ניט נאָר אויף, נאָר — שפּיגלט אויך אָפּ די צייט...

* * *

מוזיק וויגט־איין צו רו און וועקט דעם גייסט...

* * *

אַ סך רייכע מאַדאַמען גייען צו אָפּערע אויסגעכאַלעטע, ווייל זיי ווילן ווייזן זייערע אייגענע האַלדז־בענדער, און ניט הערן די האַלדז־בענדער פון די זינגער...

* * *

זינגער דאַרפן שטענדיג געדענקען, אַז אויך צו נידעריגע טענער פאַר־דערבן זיך הויכע קוואַליטעטן...

* * *

ביים ערלעכן זינגער קומט דאָס געזאַנג פון האַרצן דורכ'ן האַלדז — און דערגרייכט צום האַרץ פון פאָלק...

* * *

אַ שיינע מעלאָדיע כאַפּט אויף דער אויער, אַ גוט ליד — דער מוח...

* * *

מיט אַ שטאַרקער שטימע קען מען ניט פאַרשרייען אַ שוואַך ליד, און אַ שלעכטע פאַרטייטשונג קען דער'הרג'ענען אַ גוט ליד...

אַ פֿאַלשער טאָן אין מוזיק, איז ווי פֿאַלשע רייד אין פּאָליטיק — פֿון ביידן גרילצט אין די אויערן...

* * *

דאָס ליד גיט יום־טוב ביים טיש געגרייט, און דאָס ליד איז אַ קאַמף־געווער געגן הונגער און נויט...

* * *

גזעזאַנג — איז אַ וועק־רוף אין אומעט,
געזאַנג — איז אַ טרייסט אין דיין לייד.
געזאַנג — מונטערט דיין פּוס־טראָט,
פֿאַרוואַנדלט אָפּט טרויער אין פֿרייד...

* * *

פיר מענטשן, ווי פיר סטרונעס.
יעדערער רעדט אַן אַנדער שפּראַך.
נאָר ווען די פידל האַלט זיי צוזאַמען,
דאַן שפּילן אַלע אויס איין זאַך...

איינער האָט ליב אַן אָרקעסטער,
אַ צווייטער — אַ פידלער, אַ זינגער.
דער רייכער האָט ליב בלויז איין מוזיק
אין זיין קעשענע די קלינגער...

* * *

פֿאַראַן הענט וואָס שפּילן פידל,
אויך הענט פֿאַר כּלים צו וואַשן.
פֿאַראַנען אָבער אַזוינע הענט,
וואָס שפּילן אויף פֿרעמדע טאַשן...

* * *

פּוילע שטיק

ווען עס רעדט פֿאַר אייך אַ פּאָליטישן,
רעדט ער קיינמאָל ניט אומזיסט...
אַ מעשׂה וויל ער אייך דערציילן,
ווי אַ קלוגער שרייבער, אַ הומאָריסט...

ער צילט און ציילט זיינע אַלע ווערטער.
ס'איז שווער דערשנאַפּן פֿון טשוואַק דעם שפּיץ.
אָט, דאַכט זיך, רעדט ער זייער ערנסט,
נאָר צום סוף — ס'איז בלויז אַ וויץ...

אַזאַ מזל אויפֿן טאַטן . . .

צוזאַמען זיינען מיר איין פֿאַמיליע,
זאָגט שטאָלץ מיין באָס מר. פלינדער,
איך גיב אַכטונג אויף מיינע
„מענטשן",
ווי אַ טאַטע אויף זיינע קינדער.

נאָר קומט דער זומער מיט די היצן
פֿאָרט דער „טאַטע" זיך צו קילן,
און די „קינדער" זיינע לאָזט ער
אויף דער „בירזשע" זיך צו „שפּילן"...

עס זינגט אַ לאַנד!

(געווידמעט דעם סאָוועטישן פילם „גרענד קאָנצערט")

ווי איין כאָר עס זינגען פעלקער,
מוזיק — די האַנדלונג און די רייד.
די אויגן ווערן פול מיט פייער,
און די הערצער — פול מיט פרייד.

יעדער גיט זיין שטים צושטייער,
ס'וויל קיין זאַך ניט שווייגן שטום;
אויפ'ן בוים עס טאַנצן צווייגן,
ס'זינגט אין גאָרטן יעדע בלום.

ס'זינגען פעלקער פאָלקס-געזאַנגען,
צווישן זיי זינגט אויך דער איד;
לויט'ן ריטם עס באַוועגט זיך
אין דעם ריז אַ יעדער גליד.

די לופט איז פול מיט מוזיק-נאָטן —
שפילט יעדער ביינדל אין קלאַוויר.
די מאַטאָ, זעט מען, איז דאָס לעבן,
מוזיק אפילו — סקריפ פון טיר.

עס זינגט די סאָכע און די בראָנע,
מיט רויטע בעקלעך קוועלט די פרוכט:
טאַנצן אויגן, זינגען שירה —
ווער עס האָט דעם טעם פאַרזוכט.

עס זינגט דער עפל אויפ'ן בוים,
און דער קאָרן טאַנצט אין פעלד;
און איבער אַלץ — עס וואַקסט דער מענטש,
אַ ריז — אַ טאַנצנדיגער העלד.

אין דער פאַבריק און אין קאָלכאָז
זיך הערט דער זעלבער פרייד-געקלאַנג.
ווען דאָס לעבן זינגט האַרמאָניש —
קלינגט האַרמאָניש דאָס געזאַנג!

פאַרן שפּיגל

שפּיגלען זיך צופיל איז טאַקע ניט שיין. נאָר — אײדער דו װײזט זיך פאַר מענטשן קוק אָן זיך אַליין...

* * *

פון צו־לאַנג זיך שפּיגלען קען מען ניט װערן אינגער — פאַרקערט, מיט יעדער מינוט קען מען דערזען אַ פרישן קנײטש אויפן פּנים...

* * *

דרײ קנעפּלעך אין אַ בגד איז אַ מוז, אָבער אַ טוץ — איז אַ שרײענדיגער פּוץ...

* * *

דער שענסטער בגד — איז דער אָפּגעצאָלטער...

* * *

דער מענטש װאָס װיל זיך אָנזען מיט קלײדער, פאַרגעסט צו װײזן זיך אַליין...

* * *

קלײדער באַטראַכט מען לויטן פיגור, דעם כאַראַקטער — אויף די ליפּן און נאָז...

* * *

די פרוי, װאָס װיל זיך אַרויסװײזן מיט פּוץ, פעלט איר עפּעס אין קאָפּ.. און דער מאַן, װאָס װיל זיך אַרויסװײזן מיטן טײסטער — איז אָן דער מטבע אַזוי פּוסט װי דער טײסטער...

* * *

באַטראַכט ניט דעם שפּיגל פאַר קרום װען די קלײדער הענגען אויף דיר צעדרײט...

* * *

אַ אינטעליגענטער מענטש, װאָס האַלט זיך ניט ציכטיג, איז װי אַ פרומער איד זאָל האַלטן זײן טלית און תפילין אין אַ זאַלץ־זעקל...

* * *

דער בעסטער פאַרפיום קאָן ניט העלפן אַ ניט געװאַשענעם האַלדז, און דער פײנסטער שניפּס קען ניט פאַרשטעלן אַ שמוציגן קאָלנער פונ׳ם העמד...

* * *

רײנקײט גראַמט זיך מיט שײנקײט...

* * *

לאָז ניט װײזן דורך די בגדים די מאכלים װאָס דו עסט...

אַ מענטש וואָס האַלט ניט ריין זיינע כלים און בגדים, ווייסט ניט דעם געשמאַק פון אַ ריינער געזעלשאַפט...

* * *

צו גיין אָפּגעלאָזן, איז פונקט אַזוי ניט שיין, ווי גיין אָנגעבלאָזן...

* * *

ס׳קאָן איינער האָבן אַ קאָפּ מיט וויסן, אַ האַרץ מיט געוויסן און דאָך — מיט אומריינקייט זיך פאַר׳מיאוס׳ן...

* * *

פיש־כאַפּער

כדי צו כאַפּן פיש איז דער מענטש גרייט אַריינצוגיין אין שותפות אפילו מיט אַ וואָרים...

* * *

אַ מסור, ווי אַ וואָרים, איז טאַקע אַ מיטל צו אַריינכאַפּן אַ פיש... אָבער — עס עקלט פון ביידן...

* * *

ביי מאַנכע מענטשן איז פיש כאַפּן אַ צייט־פאַרטרייב און ביי מאַנכע אַ ווערעמדיגער כאַפּ־לאַפּ...

* * *

פאַראַן אַזעלכע, וואָס ווילן אויך כאַפּן מענטשן אויף דער ווענטקע, ווי פיש, נאָר — די „כאַפּער" שרעקן זיך וואָס דער מענטש וויל ניט שוויגן ווי אַ פיש...

* * *

מענטשן האָבן דריי מאָל פאַרגעניגן פון כאַפּן פיש: ביים כאַפּן, ביים עסן זיי, און — פון דערציילן די וואונדער וועגן דעם כאַפּן...

* * *

ביים לעבן קאָרמעט מען די פיש מיט ווערים, אין דער פאַן — פילט מען שוין די פיש מיט כל־טוב...

* * *

די פיש זיינען שטענדיג שווייגנדיגע, דערפאַר די פיש־כאַפּער — שוין גאָר באַרעדעוודיג...

* * *

יונג און אַלט

גרויע האָר גיבן דעם מענטשן חשיבות; גרויע טעג — מאַכן דעם מענטשן גרוי און אַלט...

* * *

יעדער מענטש דאַרף שטענדיק פירן אַ חשבון וואָס ער טוט אויף אין די טעג פון זיין לעבן, נאָר — דעם סך־הכל פון זיינע יאָרן זאָל ער ערשט אונטערפירן צו הונדערט און צוואַנציק יאָר...

* * *

ווען אַ מענטש העלפט צוגרייטן דעם מאָרגנדיגן טאָג, העלפט דאָס אים אַליין צו דערלעבן זען פון דעם מאָרגן — אַ נעכטן...

* * *

פּרוביר ניט צו קירצן זיך די יאָרן דורך אויפעסן זיך גאַנצע טעג...

* * *

מוט און בטחון — איז אַ זיכערער „שעלטער" צו פאַרזיכערן די יוגנט — ווען ס'קומט אויף דער עלטער...

* * *

אין דער יוגנט ווינטשט מען זיך צו ווערן אַלט און — אויף דער עלטער געפינט מען ערשט אויס צי דער וואונטש איז מקוים געוואָרן...

* * *

אויב אַ מענטש קאָן גאָרניט צום לעבן וואָס צוגעבן, איז ער גלייך ווי אַ טויטער אפילו ביים לעבן.

* * *

מ'דאַרף זיין אַ גוטער מבין, ווי אַזוי אָפּצושאַצן, וואָס עס האָט די ווערט צו זיין יונג.

אָבער — מ'ווערט גרוי און אַלט ביז מ'ווערט אַ מבין...

* * *

אַ סך מענטשן זאָרגן זיך אַזוי, וואָס זיי ווערן אַלט, אַז זיי קירצן זיך די יאָרן...

* * *

גרויע האָר זיינען נישט אַלע מאָל אַ צייכן פון אַלטקייט — פּונקט ווי אַ נאַקעטער קאָפּ איז ניט אַלע מאָל קיין צייכן פון אַ למדנ'ישן מוח...

* * *

קירצן זיך די יאָרן מיט'ן באַקלאָגן זיך אויף דער עלטער — העלפט לחלוטין ניט צו ווערן איינגער...

יונג און אַלט

ווען עלטער רייסט זיך דורך מיין טיר,
וויל ווערן חבר נאָענט מיט מיר,
פאַרשליס איך טיר מיט ריגל־שלאָס
און איך ווייז אַ לאַנגע נאָז . . .

איך זאָג צו עלטער — ניט קיין פיפס!
איך פאַרפוץ זיך מיט אַ שליף די שניפּס
און לאָז זיך גיין מיט פעסטן שפּאַן —
איך בין נאָך אַלץ אַ יונגערמאַן . . .

שרייט נאָך עלטער: העי, דו פאַרשוין,
פאַרשטעלסט די נאָז, קריך איך אין ביין.
און אויב דו שטעלסט אַרויס אַ פייג — אַ צונג
טרעף איך אין האַרץ און קריך אין לונג . . .

לאָך איך זיך אוים פון עלטער סטאַזש,
מאַך זיך אַ גייסטיגן מאַסאַזש.
און ווי לאַנג מיין גייסט עס האַלט זיך פריש —
בין איך דער ערשטער גרייט צום טיש . . .

* * *

יעדער עלטערער מענטש לעבט איבער אַ צווייטע יוגנט, נאָר — מיט מער רעכענונג, אָן טאַנצן און שפּרינגען...

* * *

מענטשן באַקלאָגן זיך אויף דער עלטער, אַז זיי ליידן פון אַרטראַיטיס, רומאַטיזם, אַסטמאַ, סיאַטיקאַ און נאָך און נאָך.

אין דער אמת׳ן איז די עלטער גאָר ניט שולדיג אין די אַלע זאַכן. אויב עמיצער שפּאָרט דאָס אָפּ איז דאָס גראַד פון די פריערדיגע יאָרן.

* * *

ביי די מערסטע עלטערע מענטשן באַמבלט זיך אין קאָפּ די יוגנט...

* * *

דער מענטש איז אַזוי אַלט — ווי ער האַלט זיך...

* * *

עלטערן קוקן די קינדער אין מויל אַריין. די קינדער קוקן די עלטערן — אין טייסטער אַריין...

* * *

ווען מ'איז יונג און לעבעדיג הויבן זיך די פיס, אויף דער עלטער באַנוגענט מען זיך מיט הויבן די פּאַלעס...

* * *

פון קליינע קינדער האָט מען ניט קיין רואיגע נאַכט, פון גרויסע — אפילו ניט קיין רואיגן טאָג...

* * *

די ליבשאַפט פון אַ מאַמע צום קינד איז אַזוי גרויס, אַז זי קויפט דאָס בעסטע צום עסן און — צאָלט נאָך צו דעם קינד פאַר עסן דאָס עסן...

זעכציג — אָבער ניט קרעכציג!...

באַגריסט דער שפּיגל די גרויע האָר:
עס איז דיר היינט פּונקט זעכציג יאָר.
(דאָס האַרץ דערביי קלאַפּט אונטער...)
ענטפערט מוח — מיט אַ שאַרפן ניין!
עס בייסן שטאַרק נאָך מיינע ציין!
און לאַכט אין שפּיגל מונטער.

לאַכט דער לוח, גיט אַ באַגריס:
ווייסטו, ברודערל, אַז דיר איז —
אַ גאַנצער זעכציגער אין ציפער?
עס קלאַפּט דער חשבון אין דיין טיר,
עס מיינט „לזקנה" שוין ביי דיר,
הער אויף צו זיין אַ שטיפער...

קוקט ער ציפער אויג אויף אויג,
און מיט אַ וויציגן פאַרנויג,
ענטפערט מוטיג, ניט פאַרלאָרן:
דו זיי מיר ניט קיין פאַני-בראַט,
איך בין נאָך ווייט פון ווערן מאַט,
איך פיל זיך גאָר — ווי ניי געבאָרן!

גוטע זאַכן מעגן קינדער לערנען אפילו פון פרעמדע און שלעכטע זאַכן אפילו ניט פון דער אייגענער מאַמע...

* * *

טאַטע־מאַמע וואָס שלאָגן זייערע קינדער צעברעכן די ליבע צו זיך און צעשטערן דעם דרך־ארץ צו מענטשן...

* * *

ווען איר האַלט נאָך דאָס קינד אויף די הענט דאַרפט איר שוין לערנען דאָס קינד, ווי צו קענען שטיין אויף די אייגענע פיס...

* * *

פאַר אַ קינד איז די מאַמע די בעסטע זינגערין אין דער וועלט...

* * *

מיט אַ קינד אין וויג, קען זיין אַ העלד אפילו אַ פליג...

* * *

אַ קינד האָט ניט קיין ציין, קען ניט גיין, און איז דאָך — ליב און שיין...

* * *

אַ קינד איז דער פּראָצענט פון די חתונה־אויסגאַבן...

* * *

די מאַמע דאַרף זיין קינדעריש געצוג צו פאַרשטיין זיך מיטן קינד...

* * *

פאַרלאַנג ניט פון קינד קיין גרויסע אויפטועגען, ווי דו פאַרלאַנגסט ניט פון דער באַבען קיין קינדערשן שמייכל...

* * *

אַ צעלאָזן קינד איז ווי צעלאָזן אייז — עס שווימט וואו עס לאָזט זיך...

* * *

פאַר טאַטע־מאַמע בלייבט אַ קינד אַלע מאָל אַ קינד, אָבער צווישן פרעמדע מענטשן מוז דאָס קינד זיין אַ מענטש...

* * *

ניט מאַך חניפה־רייד פאַר אַ טוגנט און ניט פאַררעכן קינדערשע האַנד־לונג צו יוגנט...

שפּילערייען

אפילו אין שאַך־שפּיל איז דער קעניג ניט אַלע מאָל זיכער מיט זיין פּאָזיציע...

* * *

דער וואָס טוט אַריין זיין גאַנצן קאָפּ אין שפּיל פון פּילקע — ביי דעם ווערט מיט דער צייט די פּילקע דער קאָפּ...

* * *

פיזישע קולטור איז טאַקע געזונט פאַרן קערפּער, נאָר שטענדיק מוז מען געדענקען, אַז צו כוח דאַרף מען אויך מוח...

* * *

אַזאַרט־שפּיל איז שוין גאָר קיין שפּיל ניט, — מען פאַרלירט געלט און געזונט, און ביידע זאַכן זיינען ניט קיין שפּילכל...

* * *

פיזישע פאַרמעסטונגען ווערן דאָ געמאָסטן ניט מיט דערגרייכונג, נאָר — מיט וויפיל קעש מ׳קריגט...

* * *

מענטשן וואָס זיינען גאָרניט פאַרליבט אין קעניגן, ווען אָבער אין אַזאַרט־שפּיל אַ סך איינשטעלן אויפן קעניג...

* * *

אפילו ביים שפּילן שאַך, מוז מען האָבן אינזינען דאָס זעלביגע ווי ביים עסן מאַרצעפּאַנעס — ניט איבערבאַפּן די מאָס...

* * *

קאָרטן־שפּילער ווייסן ניט פון קיין שיינע נעכט, ווייל זיי פאַרשפּילן זיי, און ווייסן ניט פון קיין שיינע טעג, ווייל זיי פאַרשלאָפן זיי...

* * *

די, וועלכע שפּילן אַזאַרט ווייסן, אַז אפילו די גליקלעכע, וועלכע געווינען, גייען צום סוף אַרויס פאַרלאָרן...

* * *

אַן אַדוואָקאַט באַרימט זיך שטאַרק:
אויף אַלץ אין לעבן קוק איך ניכטער.
געזעץ צו קענען איז זייער גוט —
נאָר ס׳איז בעסער צו קאָנען דעם ריכטער . . .

טאָג און נאַכט

פאַראַן מענטשן וואָס פאַרשלאָפן די שיינקייט פון טאָג, און דערנאָך באַקלאָגן זיי זיך אויף אַ פינצטערן לעבן...

* * *

די זון שיינט פאַר אַלעמען גלייך, נאָר עס זיינען פאַראַן מענטשן, וואָס עס גייט זיי אין לעבן אַ צווייטער זאָל ניט האָבן קיין ליכטיגן טאָג...

* * *

מעסט ניט די וועלט לויט'ן שטח, וואָס דיין אויג קען זען און — מעסט ניט די מענטשהייט לויט דער האַנדלונג פון אוממענטשן...

* * *

דער מענטש דאַרף זיך ניט שעמען, ווען ער דאַרף אַמאָל איבערמאַכן אַן אַרבעט. אויך די נאַטור בייט אָפט אירע דערשיינונגען...

* * *

די זון פאַרגייט קיינמאָל ניט, בלויז דאָס אויג קען אַזוי וויט ניט זען, ווען די זון געפינט זיך אין אַ זוניגן געגנט...

* * *

די נאַכט קאָן זיין פונקט אַזוי שיין און אינטערעסאַנט, ווי דער טאָג, נאָר צוליב דער פינצטערניש פאַרזעט מען דאָס...

* * *

די רואיגסטע צייט, וואָס מענטשן האָבן, איז די צייט פון שלאָף — פאַרשלאָפט מען דאָס...

* * *

אויך דער זייגער האָט אַ וועקער, וואָס דערמאָנט אים ווען צו וועקן...

* * *

די נאַכט קאָן מען אָפּ'פטר'ן מיט חלומות. אָבער דער טאָג — קען נאָר לעבן מיט דערווירקלעכקייט...

* * *

עס איז ניט שיין צו זיין ווי די זון, אַלעמען זיך וואַרפן אין די אויגן. עס איז אָבער אויך ניט שיין צו זיין ווי לבנה, אַרומשלעפן זיך גאַנצענע נעכט...

* * *

אויך צום מאָלן די נאַכט — דאַרף מען האָבן ליכט...

* * *

די נאַכט איז ניט קיין קאָנקורענט צום טאָג, נאָר די נאַכט־וועכטערין ווען די זון גייט שלאָפן...

די שטילקייט פון דער נאַכט, די לבנה און שטערן קענען ווערן אַזוי שיין באַזונגען ווי דער גערויש פון טאָג, מיט דער זון, ליכט און וואַרעמקייט, נאָר — גיי זינג מיט פאַרשלאָפענע אויגן...

* * *

לײדיק־גייער קאָנען אינמיטן העלן טאָג זיך מאַכן נאַכט...

* * *

מיט איין פינטל פון די אויגן־לעפלעך, מיינט דער פאַרשלאָפענער מענטש, אַז ער האָט אויסגעלאָשן די זון־ליכט...

* * *

ניט אַזוי גרינג וויל די נאַכט אָפּטרעטן דעם וועג פאַר ליכטיגקייט, אָבער אין שרעק פאַר זון־שטעך באַהאַלט זי זיך אין שאָטן...

* * *

אין דער שטילקייט פון דער נאַכט הערט מען העכער דאָס קרעכצן פון קראַנקע . . .

* * *

פאַראַן מענטשן וואָס קוקן אויס אויף דער נאַכט, ווייל ערשט דאַן לעבן זיי אַ טאָג...

* * *

אינ׳ם ליכט פון טאָג ווערט אָפּגעטאָן אַ סך פינצטערע אַרבעט.

* * *

וויפיל איינער זאָל ניט פּרובירן פאַרגרעסערן זיין שאָטן — וועט ער אויף אַ האָר ניט ווערן גרעסער פון דעם...

* * *

די זון קען באַלויכטן און וואַרעמען אַלץ אין דער וועלט, חוץ — דעם שאָטן...

* * *

זיי זיינען ביידע אַזוי ענלעך געראָטן, ווי די זון מיטן שאָטן...

* * *

אַ גאַנצן טאָג פירט דער שאָטן אַ קאַלטע מלחמה מיט דער זון, אָבער מ׳קאָן די זון ניט פאַרשאָטענען...

* * *

אפילו זיין אין שאָטן פון וואַרעמע פריינט, איז אויך וואַרעם . . .

ליבע

מען „דערקלערט" ליבע צו אַ צווייטן, כאָטש אַליין הויבט מען ניט אָן צו פאַרשטיין...

* * *

עס זיינען פאַראַן דריי סאָרטן ליבעס: די ליבע פון פאַרליבטע מענטשן, די ליבע פון עלטערן צו קינדער און — די ליבע צו זיך אַליין...

* * *

דער יונגער מענטש ווייזט זיין ליבשאַפט דורך האַרציגקייט, דער אַלטער מענטש דורך דערציילן ווי ער האָט געליבט.

* * *

מענטשן שפּילן ליבעס: נאָר קוים באַנעמען זיי וואָס ליבע איז, קאָנען זיי שוין מער ניט שפּילן...

* * *

אַ סך מענטשן באַצאָלן אַ טייערן פּרייז פאַר ליבע, — ווייל זיי האָבן ליב זיך אַליין...

* * *

אַ דיכטער דריקט אויס זיין ליבע דורך פּערזן, פאַר'חלומ'טע געליבטע דורך פאַרמאַכן די אויגן און עפענען די ליפּן, און אַ מאַמע — דורך אַ קרעכץ...

* * *

ליב דיין חבר ווי זיך אַליין, זאָגט מען, נאָר דאָס איז אַלץ גערעדט — ווען דאָס לעבן איז דיר ליב...

* * *

ליבע איז בלינד, זאָגט מען. נאָר ווען מ'האָסט זיך, קען מען זיך ערשט ניט אָנקוקן...

* * *

„צוזאָגן און ליב האָבן קאָסט קיין געלט ניט". דערפאַר איז דאָס צוזאָגן פון אַ פּאָליטישן טאַקע גאָרנישט ווערט. אָבער פאַר ליב האָבן, באַצאָלט מען אָפט אַ גרויסן פּרייז...

* * *

„אַז דאָס לעבן איז ליב, זאָגט מען, איז די וועלט הפקר." פונדעסטוועגן זייט פאָרזיכטיג און קריכט ניט אין אַ פרעמדן גאָרטן...

* * *

אַן אמת פאַרליבטע פּאָרל קוקט ניט אַרויס פאַר דער לבנה... אפילו סוף חודש איז פאַר זיי ליכטיק...

ווען מען איז יונג, רעדט מען וועגן ליבע, וואָס דאָס האַרץ „באַנעמט“ און דער קאָפּ ניט. אויף דער עלטער באַנעמט דער קאָפּ, נאָר דאָס האַרץ — סאָפּעט...

* * *

פריינט קושן זיך מיט אַ רעכענונג, געליבטע אָן אַ רעכענונג. אַ טאַטע קושט מיט די ליפּן, אַ מאַמע — מיט האַרץ...

* * *

בעסער אַ ביס פון אַ געליבטן, ווי אַ קוש פון אַ פאַלשן פריינט...

* * *

אַ קוש איז דער טעלעגראַף־„טיקער“, וואָס קלאַפּט אָפּ די געפילן פון האַרץ...

* * *

לחיים אין כאָר צו 300 יאָר!

„לחיים, אידן!“ — זאָגט מען איצט.
מ'דערציילט דערביי פאַרוואונדערט —
ווי היינט עס וואָלט דאָס אַלץ געשען,
די געשיכטע פון דריי יאָרהונדערט . . .

עס קומט אים, דעם אידן, ווידער אָפּט
מיט שונאים זיך ווערן.
אַמאָל איז דאָס פאַר גייסטיג־שפּייז,
אַמאָל זיך פיזיש צו דערנערן . . .

מ'וואַרפט אים אָפּט צו דר'ערד אַראָפּ
אַ דערשלאָגענעם און אַ מידן.
וואו רעאַקציע ווייזט איר בייטש
איז שטענדיג שלעכט פאַר אידן.

דאָך אידן זיינען דאָ פאַראַן,
פאַרשיידנאַרטיג זייער שטאַף איז:
איינער זינגט און וועקט צום קאַמף,
אַ צווייטער זינגט מה־יפית . . .

פרומקייט

גאָט איז מעכטיק, אָבער גאָט אַליין ווייס גאָרניט ווי שטאַרק ער איז...

* * *

גאָט איז אַזוי רייך, אַז ער פאַרמאָגט אַלע וועלטן, און דאָך לעבט ער שטענדיג אויף צדקה...

* * *

פאַראַן מענטשן, וואָס טוען אָפּ די נידעריגסטע זאַכן אין נאָמען פון אויבערשטן...

* * *

מיליאָנען מענטשן גלויבן, אַז זיי האָבן אַ גאָט, נאָר ס'איז אַ פראַגע צי גאָט ווייסט, אַז ער האָט אַזויפיל נאָכפאָלגער...

* * *

צו גאָט, זאָגן די פרומע, געהערן אַלע וועלטן. די פראַגע איז נאָר, צי ווייס גאָט אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער איז...

* * *

גאָט איז אַזוי רייך, אַז ער ווייסט גאָר אַליין ניט וויפיל „געשעפטן" עס ווערן געפירט אין זיין נאָמען...

* * *

גאָט איז אַזוי שטאַרק, ווי דער גלויבן אין אים...

* * *

גאָט, ווייזט אויס, איז אַ גרויסער בעל־גאווה; ער געפינט זיך נאָר דאָרטן, וואו מ'האַלט פון אים...

* * *

גאָט איז אַזוי שטאַרק און מעכטיג, ווי זיינע דינער גיבן אים כוח...

* * *

די פרומע מאַכן גאָט פאַר'ן ערשטן דיקטאַטאָר, ווען זיי זאָגן אין זיין נאָמען: איך בין דער איינציגער גאָט און — קיין אַנדערער חוץ מיר טאָר ניט זיין...

* * *

פון משה'ס צעבראָכענע לוחות האָבן די רייכע געכאַפּט: תרצח, תגנוב, תנאוף, און דעם אָרעמאַן האָבן זיי צוגעוואָרפן — לא תחמוד...

* * *

וואָס צו גאָט איז צו גאָט און וואָס צו לייט איז צו לייט, זאָגט אַ שפּריכ־וואָרט.

געפינען זיך טאַקע מענטשן, וואָס ווילן אין נאָמען פון גאָט אָפּנאַרן לייט...

לויט די גלויביקע אין גאָט, ווייסט ער, וויפיל זעמדלעך עס איז פאַראַן אויף דער וועלט, וויפיל בלעטעלעך אויף אַלע בוימער און וויפיל טראָפּן וואַסער אין אַלע ימען, און דאָך — באַוייזן וויסנשאַפטלער צו האָבן אייגענע חשבונות...

* * *

זעקס טעג, זאָגן די רעליגיעזע מענטשן, האָט גענומען גאָט צו מאַכן די וועלט, און טויזנטער יאָרן אַרבעטן שוין פרומאַקעס — צו מאַכן גאָט פאַר'ן באַלעבאָס...

* * *

די אָפּענע האַנט ביי דעם מענטשן איז פיל וויכטיגער, ווי דער פאַרמאַכטער פויסט זיך צו קלאַפּן „על חטא"...

* * *

האַנדלען מיט פרומקייט, איז ווי פאַרקויפן עסיג פאַר ווייַן...

* * *

פאַראַן גאָט־סטראַפּטשעס, וואָס גיבן צדקה, כלומרשט, אין גאָטס נאָמען, און זוכן באַלוינונג פאַר דעם גראַדע פון מענטשן אויף דער ערד...

* * *

די רייכע טיילן צדקה מיט'ן שפּיץ פינגער און מאָנען אָנערקענונג מיט'ן פולן קולאַק...

* * *

פאַראַן עקספּלואַטאַרס, וואָס זויגן דאָס בלוט ווי פּיאַווקעס אָן רחמנות, דערנאָך בויען זיי שפּיטאָלן אויף זייער נאָמען — אַז אַנדערע זאָלן די קראַנקע געבן בלוט...

* * *

צי גאָט האָט געגעבן די תורה, איז אַ פראַגע, אָבער אַז די תורה האָט געגעבן אַ גאָט איז זיכער...

* * *

תורה איז די בעסטע סחורה, איר מעגט דאָס גלויבן. אַ סימן, אַז גאָט אַליין ווערט אַריינגענומען פאַר אַ שותף אין געשעפט...

* * *

דער אונטערשייד צווישן פרומאַקעס און פריידענקער איז דאָס, וואָס דער רעליגיעזער פאַרלאָזט זיך אויף גאָט, און דער פריידענקער — פאַרלאָזט גאָט...

פרומקייט קאָסט ביליגער ווי גוטסקייט. פרומקייט מיינט זינגען שבחים דעם הימלשן טאַטן, אָבער גוטסקייט מוז מען באַווייזן דורך טאַטן...

* * *

דער מענטש וואָס גלאָצט זיינע אויגן צום הימל, דערזעט ניט זיין מיט־מענטש אַנטקעגן זיך...

* * *

אומוויסנדיגע מענטשן קענען אָפטאָן זאַכן אין נאָמען פון גאָט אוןביידע זאָלן ניט וויסן וואָס דאָס מיינט.

* * *

איר מעגט זיך היטן כשרות,
איר מעגט זיך עסן ראַקעס,
איר מעגט זיין פרייע, פרומע,
נאָר זייט ניט קיין פרוט־מכות...

* * *

די וועלכע גלאָצן זייערע אויגן צום הימל און רעדן נאָר פון גלויבן — זאָלט איר טאַקע ניט גלויבן...

* * *

פאַראַן מענטשן וואָס פירן אַ חשבון פון זייערע מצוות, אָבער פון זייערע עבֵרות האָבן זיי ניט קיין חשבון, ווייל זיי זינדיגן אָן אַ רעכענונג...

* * *

מאַנכע מענטשן ווילן זיך אַזוי אַרויסשטעלן מיט געבן צדקה, אַז זיי וועלן אפילו גנבענען אַבי האָבן וואָס צו געבן...

* * *

פאַראַן מענטשן וואָס טראָגן צו אַ נדבה מיט אַזויפיל טאַראַראַם, אַז אפילו גאָט אַליין זאָל דאָס מוזן זען און הערן...

* * *

די פרייע מענטשן, ווי די רעליגיעזע, האָבן אַ גלויבן: די רעליגיעזע גלויבן, אַז גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן, און די פרייע גלויבן, אַז דער מענטש האָט באַשאַפן גאָט...

* * *

װעגן אידן

לויט דער צוגעשריבענער רייכקייט צו די אידן װאָלט געפּאַסט, אַז אַלע אידן זאָלן לעבן פון רייכע ירושות. צום סוף, אַנשטאָט קריגן ירושה, דאַרף דער איד שטענדיק צאָלן קבורה־געלט...

* * *

רייכע אידן זאָגן, אַז עס פּאַסט ניט פאַר אידן צו זיין פּראָגרעסיוו, און די אידישע אַרבעטער זאָגן, אַז דאָס ביסל אַנגעפּרעסענע רייכע אידן שאַפן ניט נאָר אַ בויך־װייטאָג, נאָר אַ קאָפּ־װייטאָג פאַר אַלע אידן...

* * *

אַ קלוגער איד זאָגט: װאַשן זיך צום עסן איז היגיעניש נויטיק, אָבער װאַרטן, אַז גאָט זאָל געבן עסן איינעם פאַר װאַשן זיך, װאָלט ער געדאַרפט אויסגיין פון הונגער און זיך קיינמאָל ניט װאַשן...

* * *

דער איד האָט אַמאָל געמוזט טראָגן לאַנגע קאַפּאָטעס, װייל מ׳האָט אים אַלע מאָל געריסן פאַר די פּאָלעס...

* * *

דער װאַנדער־שטעקן האָט שטענדיק באַגלייט דעם אידן, אָבער װייט ניט באַשיצט אים...

* * *

לויט די שטיינער װאָס מ׳האָט געװאָרפן אויף די אידן האָט זיך אפשר געשאַפן די לעגענדע, אַז אַלע אידן זיינען שטיין־רייך...

* * *

דער באַגריף, אַז אידן זיינען אַ שלעכט פאָלק, האָט זיך אפשר געשאַפן פון דעם, װאָס אַנטיסעמיטן האָבן אויסגענוצט די רייד פון נאַאיװע אידן, אַז זיי פאָרן מיילן װייט צו אַ „גוטן אידן״ נאָך אַ ברכה...

* * *

אידן זיינען געגליכן צום זאַמד ביים ברעג ים. מעגלעך דערפאַר, װאָס אַלע מאָל װערן זיי באַפאַלן פון אַנטיסעמיטישע כװאַליעס...

* * *

אידן, װי אַלע אַנדערע פעלקער, האָבן האַרעפּאַשניקעס און פּוסט־און־פּאַסטניקעס. שלעכט איז נאָר, װאָס די האַרעפּאַשניקעס זיינען שטענדיק פאַר־שקלאַפט, זעט מען זיי ניט. אָבער די פּוסט־און־פּאַסטניקעס האָבן גענוג צייט, דרייען זיי זיך אַרום און שטעכן די אויגן...

אידן, ווי אַלע אַנדערע פעלקער, האָבן מעלות און חסרונות. זעט דער אַנטיסעמיט שטענדיג די חסרונות, און דער אידישער שאָוויניסט זעט נאָר די מעלות...

* * *

אידן האָבן זיך דערטראַכט צו טראָגן בערד, ווייל אַלע מאָל איז זייער לעבן געהאַנגען אויף אַ האָר...

* * *

דאָס טראָגן ביי אידן לאַנגע קאַפּאָטעס, האָט זיך גענומען פון עטלעכע זאַכן: ערשטנס, כדי די הינט זאָלן האָבן אָן וואָס זיך אָנצוכאַפּן; צווייטנס, צו האָבן אין אַ נויט פון וואָס צו מאַכן לאַטעס אויף די עלענבויגנס, און, די צעריסענע הויזן...

* * *

מ׳זאָגט, אַז אידן רעדן מיט די הענט, ווייל — פרומע אידן טאָרן ניט רעדן קיין דברים־בטלים. ביי די רייכע איז אַ קערבל אַ וואָרט, און אָרעמע לייט האָבן געדאַרפט האַלטן פאַרמאַכט דאָס מויל...

* * *

דער „וואַנדערנדיגער איד" ווערט פאַרגעשטעלט מיט אַ שטעקן אין די הענט. אַ וואַנדערער, האָט ער געמוזט שטענדיג האָבן אַ שטעקן. אין קאַמף מיט הינט און אַנטיסעמיטן האָט ער געמוזט האָבן אַ שטעקן. נאָר די הויפּט־זאַך, צו האָבן אויף וואָס צו טראָגן דעם קלומעק אויפן פּלייצע...

* * *

מיקען ניט!...

פון דער רעאַקציע, אָרעסטן —
זייט ניט פאַרוואונדערט.
מיקען פאַרשיקן איינעם,
צען, צי הונדערט.
דאָך קיין צאַר און קייסער
האָט נאָך ניט באַוויזן
צו קענען פאַרשיקן —
אַ וועלט אין פּריזאָן . . .

דער בייטל — אַ טייטל!...

וואָל־סטריט לערנט די וועלט מאָראַל,
אַז ביקס — דאָס איז איר טייטל —
און ווער עס „לערנט" גוט ביי איר,
פאַר דעם עפנט זי דעם בייטל...

נאָר וואָגט ווער ניט צו שרעקן זיך
פאַר דעם שיסער־מייסטער
איז — פאַר די אויגן עפענען —
פאַרמאַכט מען גלייך דעם טייסטער!...

גערעכטיגקייט

פּאַראַן אַדוואָקאַטן וואָס געהערן צו אַ גאָר ביליגן טיפּ מענטש און — לאָזן זיך באַצאָלן גאָר טייער...

* * *

אַן אַדוואָקאַט מוז אָפּט אָנווענדן אַלערליי דריידלעך אַרויסצודרייען אַ קליענט וואָס איז אַליין אַ דרייער...

* * *

אַ גוטער אַדוואָקאַט איז דער, וואָס דעקט אויף דעם אמת; אַ גוט באַצאָלטער אַדוואָקאַט איז דער, וואָס קאָן פאַרדעקן אַ שווינדל...

* * *

פּאַראַן אַ געוויסער טיפּ אַדוואָקאַט, וואָס אויב נאָר ער קאָן זיך גוט מיט'ן ריכטער, וועלכער זיצט אויפ'ן שטול, וועט שוין זיין קליענט — ניט זיצן . . .

* * *

אַ סגולה צו קאַפּיטאַליסטישער גערעכטיגקייט איז ניט אַזוי אָפּנהאַרציגקייט, ווי — אַן אָפּענער טייסטער...

* * *

פאַר'ן אַדוואָקאַט איז ניט אַזוי וויכטיק צו קענען די געזעצן פון לאַנד, ווי צו קענען גוט די ריכטער, וואָס פירן אָן מיט'ן געזעץ...

לאַכט געזונט!

אפילו קראַנקערהייט קאָן מען אַרויסזאָגן געזונטע געדאַנקען.

* * *

אַ מענטש וואָס „פיבערט" קאָן ניט טראַכטן קיל.

* * *

דער טיק־טאַק פון האַרץ האָט אַ געזונטע טאַק־טיק צו לאָזן וויסן וואו דער זייגער האַלט...

* * *

קראַנק זיין איז אַ שטראָף, אָבער נאָך גרעסער ווערט די שטראָף פון ניט קענען טאָן עפּעס פאַר אַ געזונטער וועלט.

* * *

אַ שטאָך אין קערפּער איז דאָס רויטע ליכט, וואָס זאָגט אָן אַ געפאַר.

* * *

קרעכצן קען ניט היילן קיין קראַנקן, דאָס איז אָבער אַן „עס־אָ־עס"־רוף פאַר הילף...

„באַשײדענע" מענטשן

ער זאָגט: איך זע אויס רײך און עלעגאַנט, — און מײנע נײע שיך האָט ער אפילו ניט באַמערקט...

* * *

איך שעם זיך צו טראָגן מײנע דימענטן, איבערהויפּט דעם רינג מיטן גרויסן שטײן, װײל מענטשן קענען נאָך אויסטײטשן, אַז איך בין אַ באַרימער...

* * *

איך גײ אַלע מאָל אָנגעטאָן אײנפאַך. איך װיל ניט אויפרײסן מענטשן די אויגן מיט מײנע קלײדער...

* * *

שוין צען יאָר, װי איך בין זיך מישב, צי זאָל איך אויסזאָגן, אַז ס'איז מיר געװאָרן אַ פופציגער, װײל איך האָב פײנט אַ קאָפּ־דרײעניש פון באַנקעטן...

* * *

איר זענט שוין נישט דער ערשטער, װאָס מאַכט מיר אַ קאָמפּלימענט, נאָר איך האָב פײנט זיך צו באַרימען...

* * *

איך מעג איך זאָגן, אַז מ'קלײבט זיך מיר מאַכן אַ „סורפּרײז־פּאַרטי", נאָר פאַרגעסט טאַקע ניט צו קומען. עס מעג אויך זײן אָן אַ פּרעזענט...

היט דאָס לעבן!

מלחמה־צינדער גיסן טרערן,
גײען אויף קברים לײגן בלומען —
װען אין הארצן זײ עס טיאַכקעט,
עס זאָל אַ נײער קריג שוין קומען . . .

די „פּעי־טריאָטן", האַלטן דרשות,
שװערן מיר זײנען שטענדיג גרײטע.
נאָר װען זײ צײלן די פּראָפיטן,
צײלט דאָס פאָלק — קינדער טויטע . . .

טאָ זאָל „מעמאָריעל־דעי" דערמאָנען,
עס זאָל זיך מער ניט װידערהאָלן.
זײ װילן נעמען אונזער לעבן,
דערנאָך, מיט בלומען אונז באַצאָלן . . .

שניי־פליטערלעך

דער שניי ווען ער „גייט" איז ער קלאָר און שיין, אָבער ווי נאָר ער פאַלט — ווערט ער בלאָטע...

* * *

יעדעס שנייעלע האָט זיין אייגענעם אויסזען און דאָך — פליען זיי צו־זאַמען . . .

* * *

דער שניי איז קאַלט פאַרן מענטשן, נאָר — פאַר דער מאַמע ערד איז ער ווי אַ וואַרעמע פּערענע...

* * *

דער שניי, וואָס קאָן ציטנווייז זיין פאַרהאַרטעוועט ווי שטיין, ווערט אונטער דער זון סענטימענטאַל, צעקראָכן...

* * *

יעדעס שנייעלע פאַרמאָגט אַ וואונדער־שיינעם „דעזאַין", אָבער — באַ־פוצן אַ הוט מיט שניי קאָן מען ניט...

* * *

ווען דער שניי פלאַטערט, ווערט ער באַוואונדערט, אָבער ווען ער פאַלט — ווערט ער צעטראָטן...

* * *

פאָר ניט מיט קיין שליטן אויפן זאַמד און מיט אַ וואָגן אויף אַ שפּיגל־דיגן אייז — וועסט ווייט ניט פאָרפאָרן...

* * *

פּרוביר ניט זיך באַשיצן מיט אַ שניי־וואַנט געגן דער זון...

* * *

שניי־פליטערלעך זיינען שיין צו זען פאַר די אויגן, אָבער ניט ווען זיי שמייסן אין פּנים...

* * *

דער האָגל איז אַ ברודער פון שניי, אָבער — מיט אַ האַרטן כאַראַקטער...

* * *

שניי און ווינט טרעפן זיך אָפט צוזאַמען, נאָר פון זייער נאָענטקייט לאָזט זיך אויס — אַ טייך...

* * *

דער שניי קומט אַ וויס־פאַרפּוצטער און גייט אַוועק אַ פאַרבלאָטיגטער — און דאָך קומט ער ווידער...

ווי מ׳מאַכט אַ לעבן

אַ שניידער קריגט זיין ברויט דורכן לעכל פון דער נאָדל...

* * *

אַ שוסטער האַלט שטענדיג אַ מויל מיט שטיפטן, נאָר — זאָט פון דעם קען ער ניט ווערן...

* * *

ווען דער סטאָלער האָט צו שניידן אַ ברעט, האָט ער אויך צו שניידן אַ ברויט...

* * *

ווען דער מוליער האָט וואו צו פאַרקנעטן ליים, האָט די ווייב צו פאַר־קנעטן חלה אין דער היים...

* * *

ווען מענטשן נעמען עסן נאָך אַ קרענק, איז שוין דער דאָקטאָר אויך ניט הונגעריג...

* * *

דער חזן וואָס בעט גאָט, פאַרשטייט גוט זיין ענין. ער בעט פאַר קהל, נאָר האַלט ווייב און קינדער אין מנין...

אַמאָל און היינט

אַמאָל פלעגט מען זאָגן, „טויט ווי אויף אַ בית עולם". היינט מעג מען זאָגן: ס׳איז לעבעדיג און טומלדיג ווי אויף אַ בית־עולם...

* * *

אַמאָל פלעגט מען קומען אויף אַ בית־עולם זיך אַביסל אויסוויינען, היינט קומט מען זיך טרעפן מיט באַקאַנטע און לאַנדסלייט, מאַכן אַ „לחיים" און פאַרזוכן אַ היימיש שטיקל מאַרענירטע הערינג מיט בייגל...

* * *

אַמאָל פלעגט מען זאָגן: „אַז מ׳זוכט ירושה, צאָלט מען קבורה געלט". היינט איז דאָס קבורה־געלט אַפּגעצאָלט אין דער סאָסייעטי, און די רעגירונג אריינגעשיקט אַ טשעק פון דער פאַרזיכערונגס־קאָמפּאַניע, אָדער די רעגירונג זוכט אָפּ דעם יורש, ווייל די רעגירונג זוכט אויך ירושה...

* * *

אַמאָל פלעגט אַ מת אויסזען טויט־בלאַס. היינט פוצט מען אויס אַ מת, ווי ער וואָלט זיין אין אַ „ביוטי־פּאַרלאָר" און ניט אין אַ „פיונערעל פּאַרלאָר"...

קאַרגע מענטשן

פאַראַן קאַרגע מענטשן וואָס זשאַלעווען זיך אפילו אַרויסצורייסן אַ צאָן פּוילטן צאָן, און פאַראַן אַזוינע, וואָס שטעלן זיך ניט אַריין קיין ציינער, ווייל זיי ווילן ניט געבן אַ פרעמדן צאָן עפּעס אַ קיי צו טאָן...

* * *

אַ קאַרגן מענטשן קען מען דערקענען פון דעם ווי ער גייט אַרום שעה'ן לאַנג מיט אַ סיגאַרעט אין מויל און פאַררויכערט דאָס ניט.

נאָך קאַרגער איז דער, וואָס כאַפּט אַרויס פון קעשענע אַ סיגאַרעט צו פאַררויכערן, ווייל אַ צווייטער האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע...

* * *

איך קען אַ קאַרגן, וואָס קויפט טונקעלע העמדער ער זאָל ניט דאַרפן וואַשן צו אָפט. און אַ צווייטן קען איך, וואָס האָט עקסטראַ חתונה געהאַט, צו שפּאָרן וואַש־געלט...

* * *

פאַראַן אַזעלכע קאַרגע מענטשן, וואָס נוצן ניט קיין צאָן־שטעכער, ווייל זיי ווילן ניט קיין ברעקל אַרויסוואַרפן...

* * *

אַן אויסגערעכנטער מענטש איז ניט קיין קאַרגער מענטש, אָבער אַ קאַרגער קען זיין אויסגערעכנט — אַריינצוקומען צו זיין באַקאַנטן פּונקט דאַן, ווען מ'גרייט צום טיש עסן...

* * *

דער קאַרגער איז ניט קאַרג אויף אַ תירוץ און אויף אַ קאָמפּלעמענט. ער קאָכט ניט, זאָגט ער, קיין עסן, ווייל קיינער קען ניט קאָכן אַזוי גוט ווי יענע, וועלכע לאַדן אים איין...

* * *

פאַראַן קאַרגע מענטשן, וואָס האָבן ליב צוצוזאָגן און פאַראַן אויך אַזוינע — וואָס זיינען קאַרג אפילו אויפן וואָרט...

* * *

ער איז אַזוי קאַרג, אַז ער שלאָפט מיט די הענט צוקאָפּנס כדי ניט צו נוצן דאָס ציכל...

* * *

אָט דאָס הייסט אַ קאַרגער: ער נעמט אַרויס די פאַלשע ציין פון מויל בּיים עסן, ווייל ער וויל זיי ניט אָפּנוצן צופיל ביים איבערבייסן...

אָרום און אַרום

ניט רייס קיין גרינע פּירות
ביי יענעם פון אַ בוים,
ווען דו האָסט רייפע אויפן טיש
אין דיין אייגענער היים...

* * *

אַ חכם איז ניט אַלע מאָל דער, וואָס „זאָגט אַריין" אַ צווייטן. קלוג איז אָפט איינער, וואָס ווייסט ווען צו פאַרשווייגן...

* * *

די דריי וואונק־פינטעלעך (...) ביים שרייבן, מיינען אָפט זייער פיל, ווייל אין דעם ניט דערזאָגטן קען מען ערשט אַ סך אַריינטייטשן...

* * *

ווען איינער באַגיסט אַ בלום, גיט עסן צו אַ קאַץ און העלפט אַ שוואַכן, איז דאָס זייער פיין, נאָר קיין דאַנק דערפאַר דאַרף ער ניט דערוואַרטן...

* * *

ווי שטאַרק איינער זאָל ניט ליב האָבן בלומען, דאַרף ער האָבן איינזינען ווי איינצוטיילן די ערד, אַז אַחוץ בלומען זאָלן אויך וואַקסן בולבעס און בעבלעך, ווייל ווען דער מאָגן איז הונגעריק — שמעקט פאַר'ן נאָז בלויז שפּייז . . .

* * *

דער געניאַלסטער מענטש און דער גרעסטער טאַלאַנט, מוז צו זיין קאָפּ אויך צולייגן אַ האַנט...

* * *

ווען דו טוסט אַ מענטשן אַ טובה, רעכן ניט גלייך וואָס דו וועסט האָבן פון דעם...

* * *

ווען איינער וויל ניט באָרגן אַ צווייטן קיין געלט, זאָגט מען יענער איז אַ חזיר. באָרגט ער יאָ און מאָנט דעם חוב, זאָגט מען אים: זיי ניט קיין הונט און רייס ניט די פּאָלעס...

* * *

אַ קלוגער מענטש איז ניט פויל, ווען ער האַלט פאַרשלאָסן דאָס מויל. און אַ גוטער איז שטענדיק אַ דרייסטער, ער האַלט אָפן דעם טייסטער...

אַ גוטע באַלעבאָסטע וואַשט דאָס געשיר גלייך נאָכ׳ן עסן — אַ שלעכטע באַלעבאָסטע נעמט זיך וואַשן דאָס געשיר פאַר׳ן עסן...

* * *

די זון מיט אַלע אירע שטראַלן, קאָן ניט באַלויכטן אַ פאַרכמורעט פּנים...

* * *

אַן איינגערעדטע קרענק איז געוויס שלעכט, אָבער נאָך ערגער איז ווען דער „קראַנקער" האַלט אין איין רעדן פון דעם...

* * *

דער מענטש, וואָס קען שלאָגן אַ קינד, אָפּברעכן אַ בליענדיגע צווייג, און אָפּנאַרן אַ בלינדן — אויף דעם מענטשן קאָן מען אַלץ גלויבן, אפילו, אַז ער איז גאָר אינגאַנצן קיין מענטש ניט...

* * *

אַ פערד קען ניט פירן קיין באַן
און אַ פליג קאָן ניט גיין אין געשפּאַן...

* * *

דער מענטש וואָס גיט זיך בלויז אָפּ מיטן ביסן,
איז אים שווער צו געניסן — פון וויסן . . .

* * *

די מערסטע מענטשן זיינען ווי עראָפּלאַנען: זיי פליען ארום אַ וועלט, נאָר זיי דאַרפן שטענדיג עמיצן, וואָס זאָל זיי פירן.

* * *

עס איז גוט צו לעבן רייך, נאָר פונדעסטוועגן ווינטשט זיך יעדע פרוי צו האָבן אַן אָרעם־מאַן, צו קענען גיין געאָרעמ׳ט . . .

* * *

אַ כיטרער געשעפטסמאַן הייסט אַזאַ, וואָס קאָן שטיין אין אַ געשעפט — אויף ל״גן און זיך אַרויסדרייען פון זיצן...

* * *

אפילו אויף אַ ביליגן זייגער קען יעדע מינוט זיין טייער...

* * *

אויף אַ קרומען וועג דאַרף מען ערשט אַכטונג געבן צו פאָרן גלייך...

* * *

אַ פאַרריסענער קאָפּ זעט ניט קיין צעריסענע שיך...

* * *

וויפיל אַ מענטש זאָל ניט אַריינשטאָפּן אין מויל, וועט ניט העלפן — אויב ער האָט אַ פּוסטן קאָפּ...

לאַנגע פּיס קענען אַ מענטשן ניט דערהויבן, אָבער, „לאַנגע הענט" קענען שטאַרק דערנידעריקן...

* * *

אַ מענטש קאָן זיין קורצזיכטיק — און זען זייער ווייט, און איינער קאָן זיין וויטזיכטיק — און זוכן אַ שטיקל ברויט...

* * *

אין אייגענע פיר ווענט, דינען די הענט...

* * *

שאַץ דעם מענטשנס מעלות, ווי דעם פּרוכט־בוים, ניט לויט דער צאָל בלעטלעך, וואָס ער פאַרמאָגט, נאָר — לויט די פרוכטן וואָס ער גיט אַרויס...

* * *

ס'איז גאָרניט אַזוי פיין צו פרייען זיך מיט דעם, וואָס יענער איז אַ גרעסערער קאַליקע פון דיר. ס'איז מענטשלעכער צו ווינטשן יענעם דאָס, וואָס דו ווינטשסט זיך...

* * *

אַ פאַרברעכער הענגט מען, ווי אַ שטראָף פאַר אַ פאַרברעכן; אַ גוט בילד הענגט מען צו באַצירן אַ וואַנט, נאָר אַ מלבוש דאַרף מען אויפהענגען עס זאָל זיך פשוט ניט וואַלגערן אונטער די פיס...

* * *

שיינע טעפּיכער קענען ניט פאַרדעקן קיין שטויב אין הויז, גיכער פאַרדעקט דער שטויב די טעפּיכער...

* * *

עס איז גרינג צו זאָגן „לחיים" אויף יענעמ'ס בראָנפן...

* * *

זיך טיילן מיט אַ ביסן איז אַמאָל אַ סך שווערער ווי מיט אַ גרויסער פאָרציע שפּייז אין טאָפּ...

* * *

אַ מענטש דאַרף זיין בויגזאַם, נאָר ניט האַלטן געבויגן דעם קאָפּ און ניט פאַלן אויף די קני...

* * *

פאַראַן מענטשן וואָס יאָגן זיך און טרייבן די מאַשין, ווי זיי וואָלט גע־גאַנגען אין לעבן צו דעריאָגן דעם טויט...

* * *

פאַראַן פעסימיסטן, וואָס טראָגן שלייקעס און אַ פּאַס, און אַזעלכע אָפּ־טימיסטן, וועלכע גייען אָן קנעפּלעך אין גאַס...

ווען אַ מענטש זאָל שטענדיק טראַכטן אַ מינוט פאַר דעם וואָס ער טוט עפּעס, וואָלט ער פאַרשפּאָרט דערנאָך צו טראַכטן שעה'ן, וואָס ער האָט אַלץ אָפּגעטאָן...

* * *

בעסער דריי מאָל פּרובירן אַ טעות אויפקלערן, איידער איין מאָל זיך אָנ'ברוגז'ן...

* * *

דער מאָן קען בויען אַ הויז — די פרוי אַ היים — אויב נאָר ס'איז פאַ־ראַן מיט וואָס.

* * *

באַרגסטו אַ מענטשן געלט אין אַ נויט וועט ער דיך שטענדיק געדענ־קען; באַרגסטו אים ניט, וועט ער דיר קיינמאָל דאָס ניט פאַרגעסן...

* * *

פאַראַן מענטשן, וואָס לערנען פון אַ טעות, און פאַראַן אַזעלכע, וואָס זאָגן, אַז ס'איז אַ טעות צו לערנען . . .

* * *

שווערע אוצרות איז אָפּט אַ יאָך
פאַר מענטשן אַרומצוטראָגן.
נאָר ווען עס קומט צו אוצרות פריינט,
וויל יעדער דאָס פאַרמאָגן.

* * *

ווען אַ מענטש פרעגט ביי דיר אַן עצה, האַלט אים ניט פריער קיין מוסר־דרשה...

* * *

ווען איינער צעקלאַפּט זיך, פאַרבאַנדאַזשיר פריער זיין וואונד, איידער דו גיסט אים אַ לעקציע...

* * *

מעסט ניט די וועלט לויט'ן שטח, וואָס דיין אויג קען זען און — מעסט ניט די מענטשהייט לויט דער האַנדלונג פון אוממענטשן...

* * *

דער מענטש דאַרף זיך ניט שעמען ווען ער דאַרף עפּעס איבערמאַכן אַן אַרבעט. אויך די נאַטור בייט אָפּט אירע דערשיינונגען...

* * *

אַ סך מענטשן קען מען פאַרגלייכן צו דער זון. פון ווייטן שיינען זיי, פון דער נאָענט ברענען זיי...

אַ מענטש קען אַמאָל וויינען מיט אמת׳ע טרערן אויף פאַלשע טענות...

* * *

אַ סך מענטשן לויפן און יאָגן זיך, נאָר פאַרלירן דערביי מער צייט, ווייל זיי דאַרפן האַלטן אין איין פאַרענטפערן זיך פאַר מענטשן, פאַרוואָס זיי לויפן אַזוי...

* * *

אין דעם טראָפּן פון אַ טרער ליגט אָפט אַ ים מיט סודות...

* * *

געסט קאָנען זיין אַזוי אינטערעסאַנט ווי אַ פולע לבנה ביינאַכט — ווען זיי קומען איין מאָל אין אַ חודש...

* * *

דער מענטש קומט פון ערד און גייט צוריק אין דער ערד, נאָר אינצווישן וויל מען אַריינכאַפּן וואָס מער לאַנד...

מיט׳ן כוח פון וויץ

גיט אַ זאָגעלע מיין ווייבל,
און פאַרשאַרפט עס מיט אַ שפּיץ:
זע ווי נאַריש ס׳איז דיין חכמה,
מיט דיינע ווערטלעך און דיין וויץ.

אָט נעם אַשטייגער דעם פּאָליטישן —
דאַכט זיך, אַז ער רעדט פון היץ,
דאָך אַ פירער ער האָפט צו ווערן
מיט׳ן כוח פון דעם וויץ.

ווען ד ו וואָלסט אָבער האָבן שכל,
ווי צו נוצן דיין פעדער־שפּריץ,
וואָלט א י ך געווען אַ גאַנצע „לעידי",
און ד ו — דער פּרעזידענט פון וויץ.

זי גיט דערביי אַ טיפן שמייכל,
און טרעפט ווידער מיט אַ בליץ:
שוין ניט דאָס ערשטע מאָל פּאַסירט עס —
אַזאַ טרויעריגער וויץ . . .

ביי רעליגיעזע מענטשן איז אַ געוואוינהייט, זיי קוקן אַרויס צום הימל נאָך הילף, אָבער גליקלעך זיינען די הימלישע: זיי קריגן גענוג הילף אויף דער ערד...

* * *

מיט אַ וויאָסלע אין האַנט קען מען זיך באַגעגענען מיט׳ן ווינט...

* * *

דער ווינט איז אין אַ סך הינזיכטן ענלעך צו אַן אַלראַיטניק. ער בלאָזט פון זיך, פייפט אויף דער וועלט, און וואו ער קען — רייסט ער...

* * *

מ׳מעג אַ בער לערנען טאַנצן, נאָר ברענגען אים אויף אַ באַל איז ניט שכל׳דיק.

שוויץ — און שרייב פון היץ . . .

די זון דערלאַנגט די הייסע פּאַרע
און פון פּנים גיסט זיך שווייס.
פון היץ עס רעדן אַלטע, יונגע —
מ׳קילט זיך אָפּ — מיט שרייען: ה י י ס !

די באָסעס שטייען גאָר מעכולע,
פון היץ זיי שפּרינגען פון דער הויט.
אויף דער זון איז מען אש להבה,
דאָס איז זי — וואָס מאַכט אַלץ רויט . . .

און אין פּאָליטיק אַלע צעהיצטע,
עס ווייזט יעדער איינער וואָס ער קען.
איינער גיסט מיט קאַלטע וואַסער,
ווען אַ צווייטער כאַפּט אַ ברען . . .

אויך געווויסע „ציימונגען״ עס ליידן —
פון היץ ווערט געשוואָלן זייער „קאָפּ״ . . .
אָפּט זיי פּלוידערן — ניט זיי שרייבן,
ביז זיי גייען פון זין אַראָפּ . . .

און איך אַליין, זייט מיר מוחל,
ביי דער אַרבעט זיץ און שוויץ.
און טאָמער איז אייך דאָס ניט געפעלן,
פאַרשטייט — געשריבן עס איז פון היץ . . .

װאָלקנס קאָנען פאַרשטעלן די זון, אָבער ניט פאַרלעשן.

* * *

אויך דער הימל, װען ער װיינט זיך אויס, װערט ער לויטערער.

* * *

די באַן פייפט, װען זי נעמט פאָרן, דער באַנקראָטירטער געשעפטסמאַן פייפט־אָן, װען זיין געשעפט שטעלט זיך אָפּ.

* * *

די בין קאָן געבן האָניג, װען זי האָט בלומען־זאַפט.

* * *

פאַרקלענערן אַ מאַפּע הייסט — ניט פאַרקירצערן דעם װעג, און פון אַ פאַרגרעסערטער מאַפּע װערן ניט די גאַסן גרעסער.

* * *

מיט׳ן קאָפּ קאָן מען אַ װאַנט ניט ברעכן — מיט אַ געדאַנק, יאָ.

* * *

לאָז ניט פליען אַ פויגל מיט אַ מאַפּע, און פאָר ניט אויף קיין רעדלסן מיט אַ שקאַפּע...

* * *

אַ געלערנטער קען ניט ציילן זיין פאַרמעגן, װי דער גרעסטער בעל־חשבון קען ניט ציילן טראָפּנס פון רעגן...

* * *

פאַר אַ שכור זיינען קרום אַלע װעגן...

* * *

ביי אַ גנב איז אַ פענצטער אויך אַ טיר...

* * *

טרינקען פון אַ אומריינעם קװאַל און עסן אין אַ שטאַל, מיינט ניט זיין ליבעראַל...

* * *

װען אַ אומגליקלעכער מענטש דערגרייכט עפּעס, פילט ער דעם אמת׳ן טעם פון גליק...

* * *

מיט דעם אַליין, װאָס אַ מענטש װיל װיסן האָט ער שוין װיסן...

* * *

אַ קװעטש מיט דער פלייצע, אַ קוק מיט׳ן אויג, אַ מאַך מיט דער האַנט און אַ שאָקל מיט׳ן קאָפּ — רעדט אַמאָל זייער אַ סך פון האַרצן אַראָפּ...

ווען איר מאַכט אַ קאַטשערע גלייך, איז דאָס קרום געמאַכט.

* * *

יעדעס הויז נויטיגט זיך אין אַ בעזים, נאָר פונדעסטוועגן וועט מען אים ניט שטעלן אויבן־אָן...

* * *

אפילו דער העכסטער לייטער האָט אַ לעצטן שטאַפּל...

* * *

קיינער וויל ניט קריגן קיין קלאַפּ, אפילו פון אַ גאָלדענעם ציגל.

* * *

מעג דאָס זיין אַ זאַק מיט פּערל, פּרוביר ניט נעמען עס אויף זיך, אויב דאָס איז ניט פאַר דיינע כוחות.

* * *

אויף אַן אָרנטלעכן מענטש זאָגט מען, אַז מ'קאָן בויען אויף זיין וואָרט. דאָך, פאַרן פונדאַמענט איז אַלץ נויטיג אַ שטיקל לאַנד.

* * *

עס לאָזט ניט שלאָפן

עס פילן מענטשן אומרואיג,
זיינען די אויגן אָפן;
די אורזאַכן פאַרשידענע,
נאָר אַלץ גייט אוים צום שלאָפן...

איינער קאָן אין בעט ניט גיין,
דער מאָגן שרייט: גיב עסן!
אַ צווייטער מאַכט אַן אויג ניט צו,
קאָן די חובות ניט פאַרגעסן...

אַנדערע עס דרייט דער קאָפּ,
ס'איז שווער צו קריגן דירות.
ביי מאַנכע, ווידער, דרייט די הענט,
און ס'פעלט זיי אוים די שכירות...

אַ מאַמע מאַכט אַן אויג ניט צו,
צוויי זין — פון קאָפּ די אויגן...
אין מונדירן אויסגעפּוצט . . .
און שוין — אַוועקגעפלויגן!...

איינער חלש'ט אַביסל רו,
די נערוון זיינע שטילן.
פעלט אים נאָר דער דאָלער אוים,
צו קויפן זיך די פּילן . . .

נאָר אויך רייכע שלאָפן ניט,
כאָטש פּילן ליגט אין פלעשל —
איינעם לאָזט אַ הוליאַנקע ניט...
אַ צווייטן האַלט דאָס „טעשל"...

קוקן שטאַרע אויגן אוים
אויף צייט, וואָס ווערט צעלאָפן
אין די לאַנגע ווינטער־נעכט,
מיט מענטשן — ניט דער־שלאָפן! . . .

אפילו דער וואָס גנבֿ'עט גאָלד און בריליאַנטן, טייערע ביכער און קונסט־בילדער — איז אַלץ ניט מער ווי אַ פּראָסטער גנבֿ.

* * *

בעסער דעם אייגענעם פּראָסטן ביין, ווי דאָס טייערסטע גאָלד צו האָבן אין די ציין.

* * *

דער וואָס באַרעכנט אַ חשבון און באַרעכנט אַ האַנדלונג — איז אַ באַרעכנטער מענטש...

* * *

אַ מענטש וואָס האָט גאָרניט קיין שונאים, קען אַמאָל אויך ניט האָבן קיין פריינט...

* * *

אַ גוטער פריינט וועט פאַרגעבן אַ שלעכטע טאָט און אַ שונא וועט אַ גוטע טאָט אויך מאַכן שלעכט...

* * *

ניט אַלע מאָל איז שולדיג דער שונא, גאַנץ אָפט איז מען אַליין שולדיג אין באַשאַפן אים...

* * *

אַ צעבראָכענער צווייער איז אַלץ מער ווערט ווי פינף נולן...

* * *

פאַראַן מענטשן וואָס קענען פירן גרויסע חשבונות און דאָך זעען זיי — אַז דער חשבון זאָל ביי זיי ניט שטימען...

* * *

מ'קען אַרבעטן אין אַ באַנק, און ניט פאַרמאָגן קיין באַנק־ביכל...

* * *

פאַראַן גראָבע־יונגען, וואָס קאָנען קיין צוויי ניט ציילן, דאָך האַלטן זיי אין איין סטראַשען, אַז זיי וועלן זיך אָפּרעכענען...

* * *

אַ מענטש, וואָס לעבט שטענדיג מיט אַ חשבון קען אויך אַמאָל אָפּטאָן אַ זאַך ניט באַרעכנטערהייט...

* * *

אַ נול איז גאָרניט — נאָר מיט'ן איינס איז ער אַ גאַנצער מנין...

* * *

ווען מען ציילט צוויי מאָל ווערט זעלטן דערפון מער אָדער ווייניגער, אָבער עס ווערט זיכערער...

בעסער צען שוואַכע פריינט, ווי איין שטאַרקער שונא...

* * *

אפילו דער גרעסטער מאַטעמאַטיקער מעג צונויפרעכענען אַ נול מיט אַ נול, נאָר ס'וועט אַלץ דערפון ניט ווערן מער ווי אַ נול.

* * *

אַ מעשה אָן אַ וויץ איז, ווי אַ המן־טאַש אָן אַ שפּיץ...

* * *

ווי שווער עס זאָל איינעם ניט זיין אויפן הארצן, וועט זיך נאָך אַלץ געפינען עמיצער וואָס וועט אים מקנא זיין...

* * *

נאָך אַ שלעכטן נעכטן איז נאָך מער אָנגעלייגט אַ גוטער היינט.
צווישן שלעכטע מענטשן — זוך ניט קיין גוטע פריינט...

* * *

זיי ניט קיין עניו — האַלט ניט די אויגן אַראָפּ, זיי ניט קיין בעל־גאווה — מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ.

* * *

טוסטו עפעס, פּרוביר מאַכן גוט, ווייל שלעכט מאַכט זיך שוין אַליין...

* * *

מיט אויגן־גלעזער קען מען זען בעסער און גרעסער. עס קען אָבער ניט ווערן פון אַ פערטל — אַ פונט און פון אַ קאַץ — אַ הונט...

* * *

אַ מענטש מעג זיך אַמאָל שלאָגן מיט דער דעה — נאָר קיין בלוט וועט פון דעם זיך ניט גיסן.

* * *

ברויט און זאַלץ איז ניט אַלץ, מ'דאַרף אויך פלייש און פיש — פאַר אַ זאַטן טיש.

* * *

פאַראַן צייטונגען, וואָס האָבן גרויסע קעפּ און גאָרניט קיין פּנים...

* * *

דער לעפל טרעפט צום מויל אָן אַן אַדרעס.

* * *

אַ גוטע זאַך האָט די ווערט צען מאָל איבערצוגעבן און איין מאָל פאַר אַלע מאָל צו געדענקען...

* * *

דערפאַרונג קאָסט טאַקע געלט, דערפאַר אָבער שפּאָרט מען געלט...

געשיכטע איז אַן אַלטע זאַך, פאַר וועלכער מען צאָלט אַלע מאָל נייע פרייזן...

* * *

מ׳קען זיך אויספּוצן אין אַ צילענדער מיט אַ פראַק, נאָר מיט דעם איז מען נאָך ניט קיין חתן...

* * *

עס איז גרינג צו פליען מיט פרעמדע פליגל, נאָר — ס׳איז שווער צו זיין אַ קנאַקער מיט פרעמדע ציין...

* * *

ניט אַלע מאָל קען מען בויען אויף אַ וואָרט, ווייל אָפט טרעפט מען אָן אויף וואַסערדיגע רייד...

* * *

פאַר רויך און פייער — צאָלט ער טייער...

אַ גאַנצן טאָג, האָט זי זיך באַקלאָגט,
ווילסטו מיט ניקאָטין זיך סמיען.
פּיפּקעסט, רויכערסט אָן אַ ברעג
און איך — דאַרף גיין און ראַמען...

האָט זי איין מאָל געוואָרנט אים:
אויב איך בין דיר טייער,
וואַרף אַוועק די סיגאַרעטעס —
און אויס מיט רויך און פייער.

האָט ער בייז געענטפערט איר:
עס וועט ניט העלפן דיר דאָס בעטן.
איז ווי דער רויך איז זי אַוועק —
און ער — קויפן סיגאַרעטן...

* * *

צו זיין אַ פּראָצענטניק איז ניט פון די שיינע זאַכן, אָבער — עס איז אויך שלעכט ווען מ׳דאַרף באָרגן אויף פּראָצענט...

* * *

אַ קרעכץ איז אַן אינטערנאַציאָנאַלער הילפס־רוף, וואָס אַלע פאַרשטייען, נאָר — ניט אַלע רופן זיך אָפּ...

* * *

מעסט ניט קיין מענטשן לויט זייער ברייט און הויך, נאָר — לויט זייער גרויס...

* * *

אין דעם מאָמענט, וואָס מיר באַטראַכטן דעם זון־אונטערגאַנג, דאַרף מען שטענדיג געדענקען, אַז — ערגעץ שיינט־אויף די זון...

מענטשן קענען מאַכן פון אַ טאָג אַ יאָר, — און דערביי קירצן זיך די יאָרן און אַנדערע...

* * *

אַ פּוסטער מאָגן קאָן אַמאָל עפענען אַחוץ דאָס מויל — אויך די אויגן...

* * *

אַ גליקלעכע היים איז ניט אַזוי דאָרט וואו עס שטייט רייכע מעבל — נאָר דאָרט וואו חכמה, ליבע און פריינטשאַפט באַהערשן דאָס הויז...

* * *

פאַראַן מענטשן, וואָס זיינען רייך אין געלט און געזונט, נאָר זיינען קאַרג אויף אַ סענט און אַ שמייכל...

* * *

אפילו אין אַ גאָלדענער פאַן קאָן מען ניט אָפּקאָכן פון פּשוט׳ע וואַסער — אַ גאָלדענע יויך...

* * *

אַ פערלדיגע האַנטשריפט קען מען ניט ביזשען אויף אַ פאָדעם — און זיסע רייד קען מען ניט אויסמישן אין טיי.

* * *

אין דער וואַרעמקייט פון אַ שלום עליכם, דערפילט מען די וואַרעמקייט פונ׳ם האַרצן...

* * *

פון אַ פאַרדאָרבענעם מאָגן פילט בלויז איינער דעם בויך־ווייטאָג, אָבער פון אַ פאַרדאָרבענעם קאָפּ, קאָן אָפּט ליידן אַ גאַנצע וועלט...

* * *

זוכט ווייניגער איינצושטודירן שיינע מאַניערן, עס איז גענוג אַז מ׳איז אַ מענטש...

* * *

לערנען יענעם איז ניט אַזוי שווער, ווי לערנען זיך...

* * *

אַ אָפענע האַנט ביי אַ מענטשן איז ניט אַלע מאָל אַ באַווייז פון אַ גוט־האַרציגן. עס קען אויך זיין אַ אָפענע האַנט ביי איינעם, ווייל זיין האַנט איז אַליידיגע און זיין טייסטער איז פול...

* * *

פאַראַן מענטשן, וואָס כאַפּן זיך אַרום מיט אָפענע אָרעמס, נאָר — מיט געביילטע קולאַקעס פון הינטן...

עס זיינען פאַראַן מענטשן, וואָס גיבן אייך אַ שלום־עליכם מיט אַזוי־פיל חניפה און פאַלשקייט, אַז איר פילט דערנאָך ווי אָפּצוציילן אייערע פינף פינגער צי ער האָט איינעם ניט אַראָפּגע'גנב'עט...

* * *

אין דער באַגריסונג פון אַ מענטשן קען מען דערקענען צי די וואַרעמ־קייט קומט פון האַרצן צי — פון שנאה־פייער...

* * *

ווען אַ מענטש וואַרפט אייך אַ סך גוטע רייד, כאַפּט אַ קוק וואָס עס זאָגן זיינע אויגן...

פאַרגיסט די צרות . . .

„ווען ס'איז ביטער, — מאַכט ער,
— אויפן האַרצן,
געשעפטן טויגן אויף כפרות,
מאַך איך מיר אַ שנעפּסל גלייך
און פאַרגיס זיך מיר די צרות"...

שפּאַסט אַ צווייטער און ער זאָגט:
„ס'איז גוט אַ גלעזעלע ליקער,
דיך זע איך אָבער שטענדיג נאָר,
ווי דו גייסט אַרום לוט־שיכור".

פאַרקרימט ער זיך און ענטפערט גלייך,
זיינע אויגן נעמען ווינקען:
„וואָס ווייסטו, גוטער ברודער,
וויפיל כיהאָב צרות צו פאַר־
טרינקען ?"...

* * *

אַ וואַרעם לויב־געזאַנג גייט אַריין אין האַרצן, אַ שאַרפע קריטיק — אין קאָפּ...

* * *

ערלעכע קריטיק — שלינגט אַראָפּ, פאַלשע מיינונגען — שפּייט אויס.

* * *

ווען איר נעמט עמיצנס אַ וואָרט, באַטראַכט זיך גוט, פונקט ווי איר וואָלט געקויפט לאַנד, ווייל — ניט אַלע מאָל קען מען אויף דעם בויען...

* * *

מענטשן וואָס ווילן בלויז לערנען פון דערפאַרונג, דאַרפן אָנגרייטן אַ שלל מיט רבי־געלט...

* * *

פאַראַן מענטשן, וואָס זיינען פרייגעביג מיט דער פויסט און קאַרג מיט די פינגער...

דער מענטש וואָס פּוצט זיך מיט רייכקייט, איז זייער אָרעם...

* * *

אַן אָפענע האַנט איז אַ פיינער שטריך ביי אַ מענטשן, — אָבער דאָס קאָן מען ניט זאָגן וועגן שיטערע פינגער...

* * *

ווען אַ סנאָב לאָזט זיך פריי מיט אַ גוטמאָרגן, פרעגט אים גלייך וואָס ער דאַרף האָבן...

* * *

מ'קאָן אַמאָל מיט הינער־אויגן גיכער „דערזען" דאָס אָנקומען פון אַ שלעכטן וועטער, ווי מיט די בעסטע אויגן־גלעזער...

* * *

די פּאָר וואָכן — צעקראָכן

מ'קריגט גאַנצע צוויי וואָכן
אויף אַ שטיקל וואַקאַציע,
גייט איין וואָך אַוועק —
איידער מ'מאַכט רעזערוואַציע.

און ווי נעמט ניט אַ וואָך,
זיך צו גרייטן און פאַקן?
אַזוי גייען אוים די פּאָר וואָכן —
און מ'קומט ניט דערבאַקן . . .

* * *

פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן ליב אַזויפיל מאָל צו פרעגן אייך וואָס איר מאַכט, ביז זיי מאַכן אייך מאַכטלאָז...

* * *

באַוואונדערן דעם בראַנז־קאָליר פון געפּאַלענע בלעטער, איז פּאַרט בישט, ווי באַוואונדערן דעם שיינעם אויסזען פון אַ מת...

* * *

פאַלשע ליוב־געזאַנגען מאַכט אָפּט דעם איינדרוק, ווי באַוואַרפן אַ מענטשן מיט שניי אָנשטאָט מיט בלומען — עס צעגייט זיך אונטער די הענט...

* * *

זוך ניט ביי יענעם קיין פינטעלעך, ווען דו האָסט אייגענע בראָדעווקעס...

* * *

קאָלירטע אויגן־גלעזער קענען ניט פאַרשטעלן קיין פאַרשטאָכענע אויגן...

* * *

דער פאַרלאַנג אָפּצורייסן אַ בלום פון שטאָם איז אַמאָל אַזוי גרויס, אַז מען דערפילט ניט די שטעכעלקעס אין די פינגער...

האָניק קלעפּט זיך צו טייגלעך.
פּעפער גראַמט זיך מיט פיש.
אַ פאַמיליע צוזאַמען —
גוט יום־טוב צום טיש . . .

* * *

איך האָב פיינט די מענטשן, וואָס יאַדען זיך פון יעדער קלייניגקייט, — זאָגט מיין פעטער. — איך וועל זיך בעסער אויפעסן אַ לעבעדיגער איידער זיך יאַדען...

* * *

מיט אַ לעבעדיגער שלאַנג זיך אַרומגאַרטלען איז אַ געפאַר, אָבער מיט אַ פאַס פון שלאַנגען־פעל — איז גאַנץ שיין...

* * *

אַנטיסעמיטישע רייד זיינען אָפט ווי דאָס פירסקען פון אַ שלאַנג; וואָס זי מאַכט מיט׳ן צונג ווייסן מיר ניט, אָבער, אַז דאָס איז גיפט פילן מיר.

* * *

אַ מענטש קען זיצן אַליין און דאָך ניט זיין איינזאַם, און מ׳קען אויך זיצן מיט מענטשן און זיך פילן פאַרלאָרן...

* * *

אַ שלאַנג שפּילט די ראָלע פון אומפּאַרטייאישקייט: זי גייט אַלע מאָל זיג־זאַג, אַהער און אַהין, אָבער איר גיפט האָט איין ציל...

* * *

געוויסע שלאַנגען זיינען געגליכן צו דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. צעהאַקט זי אויף שטיקלעך, וועלן די שטיקלעך נאָך שפּרינגען אין די אויגן צו ווייזן, אַז זי לעבט נאָך...

* * *

די פאַרקויפטע פּרעסע איז אַזוי סמ׳יג ווי אַ שלאַנג; קריכט אויפ׳ן בויך און — שפּייט אייך אין פּנים...

* * *

ווען אַ מענטש גייט צוגאַסט דאַרף ער זיך ניט נאָר אָנטאָן ריין, נאָר — אויך קומען אין גייסטיג יום־טוב׳דיגע קליידער...

* * *

גייסטלעכע באַקלאָגן זיך:
די מאָראַל דאָ איז ווי באַטרונקען,
פּיס־קולטור פאַרשלעפּט דעם קאָפּ,
און מענטשלעכקייט — פאַרזונקען...

בלויז איין זאַך פאַרזעען זיי,
וואָס שטייגט העכער איבער אַלעס:
ווען דער לעבנס־סטאַנדאַרד גייט אַראָפּ,
שטייגט העכער אַלץ דער דאַלעס...

פּאַראַן מענטשן וואָס האָבן ליב זיך איינשאַפן שונאים און — עס קומט זיי ניט אָן שווער.

* * *

צו געווינען פריינט, נעמט צייט, צו קריגן שונאים איז גענוג אַ וואָרט.

* * *

אַ סך מענטשן פליען אין דער לופטן, ווייל זיי האָבן ניט קיין באָדן אונטער זיך.

* * *

מיט אַ פאַרריסענעם נאָז איז שווער צו זען דעם וועג פאַר זיך.

* * *

אפילו דער ווייט־זעענדיגער מענטש האַלט אויך פאַרמאַכט זיינע אויגן אין שלאָף.

* * *

אַ מענטש קען מיט זיינע פינף פינגער זייער אַ סך אויפטאָן. ער קען ווייזן אַ וועג־צייכן, מאַכן אַ פייג, אַ פויסט און — געבן אַ שלום עליכם...

* * *

דער טיש מעג זיין אַ פיר־פיסיגער, אָבער די וועלכע זיצן אַרום אים דאַרפן שטענדיג געדענקען, אַז זיי זיינען צוויי־פיסיגע מענטשן...

* * *

אַ מענטש, וואָס פרעסט — וועט זיך ניט טיילן מיט געסט...

* * *

שטופּ נישט צום טאָפּ דיין וועלער, ווען אויפן טיש שטייען טעלער...

* * *

עסן די בעסטע מאכלים אויף אַ טיש אָן אַ טישטוך, איז ווי טראָגן אַ פראַק און גיין מיט שטעק־שיך...

* * *

צווינגען צו עסן, איז פונקט אַזוי שלעכט, ווי צוציילן דעם ביסן...

* * *

די באַלעבאָסטע, וואָס גרייט צום טיש און האַלט זיך אין איין פאַרענטפערן, ווייל מיט געוואַלט אַרויסרייסן אַ קאָמפּלימענט פאַר זיך פון די געסט...

* * *

די מאַשין, וואָס האָט הונדערט פערד־קראַפט, האָט אָבער ניט קיין שכל אפילו פון איין פערד, נאָר דער מענטש מיט זיין קראַפט פון קאָפּ און האַנט קען קאָנטראָלירן די הונדערט פערד־קראַפט פון דער מאַשין...

* * *

אויף אַ קרומען וועג דאַרף מען ערשט וויסן ווי גלייך צו פאָרן...

* * *

מ׳קען זען אַ פינטל אויפן פנים ביי יענעם, אָבער מ׳קען ניט זען אַ שטיין אויפן הארצן...

* * *

אַ פאַרקרימט פנים, פאַרקרימט אַלע טואונגען.

* * *

ווען בלויע ליפן פאַרשמירן זיך רויט, סטאַרטשעט אַרויס די ביטער־קייט דורך די קין־באַקן...

ווען מ׳קאָן . . .

אַ פרוי אויסהאַלטן קאָסט טויזנטער.
גיט אַ מאַן זיין פריינט אַ לעסאָן:
דו בעסער קויף אַ קאָך־בוך איין,
וועסטו שוין האָבן וואָס צו עסן . . .

לאַכט דער פריינט זיך אויס פון אים,
עס בלייבט אַ פראַגע צווישן ביידן:
אַ קאָך־בוך וואָלט זיין זייער גוט,
ווען מ׳קען אַ וואָרט מיט אים אויך ריידן . . .

דער גוטער טרייבער פון אַ אָטאָמאָביל דאַרף שטענדיק געדענקען, אַז עס זיינען פאַראַן אויך שלעכטע טרייבער, וואָס ער דאַרף אַנטקעגן קומען...

* * *

עס איז גוט, ווען דער מענטש האָט בטחון, אָבער בטחון קען נאָר העלפן דעם מענטשן, וואָס וויל העלפן זיך אַליין...

* * *

גוטע וואונטשן איז פיין, נאָר פון גוטע טאָטן פילט מען זיך זיכערער...

* * *

ווען איר גיט אַ שלום־עליכם מיט אַ פולער האַנט, קריגט איר באַלד אָפּגעצאָלט דעם חוב — עליכם שלום...

* * *

פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן אַן אָפענע האַנט, צו אויספלעכטן אַ פייג פון זייערע פינגער...

פון זאַמד און שניי בוי ניט קיין פונדאַמענט, און פון פּוטער מאַך ניט קיין ווענט . . .

* * *

פּרוביר ניט צווישן מענטשן זיך אַרויסצוהייבן צו זיין העכער, ווייל דאָס מיינט געקראָכן יענעם אויפן קאָפּ...

* * *

פאַראַן אַזוינע קאַרגע מענטשן, וואָס לייגן צונויף דאָס געלט אין צווייען און ציילןביידע ברעגן פונ׳ם געלט...

* * *

ווען אַ מענטש ווערט אין כעס, זאָל ער כאַפּן אַ קוק אין שפּיגל און — אויב ער וועט ניט צעברעכן דעם שפּיגל וועט ער איבערברעכן זיין כעס...

* * *

גראָד די, וואָס וואוינען אין די קעלערן, ווייסן ווי אָפּצושאַצן דאָס ליכט פון דער זון און אירע שטראַלן...

* * *

אין אַ סך פאַלן קומט אויס צו גיין אונטערערדיש כדי צו דערגרייכן אַ באַרג...

* * *

אין חלום קען אפילו אַ קבצן עסן די בעסטע פּאַטראַוועס, נאָר דער פוסטער מאָגן לאָזט צו לאַנג ניט חלומ׳ען...

* * *

וואַרפט ניט קיין אומ׳חן אויף אַ מענטשן, ווען ער גייט אַרום פאַר־כמורעט, כאַפּט אַ קוק אויף די וואָלקנס אַרום אים...

* * *

אָפענע אויגן איז גוט פאַר אַלעמען, נאָר — אָפענע מיילער? איך וויל בעסער ניט ריידן...

* * *

פּראָגרעס ווייסט ניט פון אַ הין און צוריק, עס גייט שטענדיג פאָראויס...

* * *

דער וואָס שטעלט זיך אין וועג פון פּראָגרעס, איז ווי די שפּין, וואָס קריכט אַריין אין מעכאַניזם פון זייגער. די שפּין קען אָפּשטעלן דעם זייגער, אָבער ניט די צייט...

* * *

אַלטע הולטאַיעס, וואָס האָבן שוין ניט קיין ציין צום עסן — עסן מיט די אויגן...

דער זאַטער גלויבט ניט דעם הונגעריקן, און דער הונגעריקער האָט אַלע אורזאַכן ניט צו גלויבן דעם זאַטן...

* * *

אַ סך „פֿילאַנטראָפּן" גיבן זייערע נדבות, ווי דער חזיר, ווען ער רוקט אַריין זיין שנוק אין קאָרעטע און דערווייל פֿאַלן אַרויס ברעקלעך פֿאַר די פֿויגל און טויבן...

* * *

אַמאָל פֿלעגט מען זאָגן: זי האָט זיך אויסגעפּוצט ווי צו אַ חתונה, היינט זאָגט מען, זי האָט זיך אויסגעטאָן ווי זי וואָלט געגאַנגען אין אַן אַפּערע...

* * *

אונטערצינדער האָפֿן צו קענען זיך אויסבאַהאַלטן אונטער דעם רויך...

* * *

פֿראַזן־שיסער שטופּן זיך צום פֿראָנט און — מלחמה־מאַכער שטופּן צום פֿראָנט אַנדערע...

* * *

דער שאָלעכץ איז אַלע מאָל גרעסער, ווי די יאָדרע...

* * *

אויב איר ווילט די יאָדרע, מוזט איר זיך באַמיען צו צעקנאַקן די נוס...

* * *

אַן אַפּגענאַרטער קען אויך זיין דער, וואָס צעקנאַקט אַ נוס און געפֿינט אינעווייניק אַ צעפֿוילטע יאָדרע...

* * *

פֿאַראַן מאַנכע מענטשן, וואָס זיינען געראָטן אין מאַנכע ניס, עס איז שווער זיי איינצוברעכן און צום סוף זיינען זיי פּוסט...

* * *

דער אידעאַלער דענקער טראַכט שטענדיק, ווי אַזוי עפּעס צו מאַכן און ניט — וויפֿיל פּראָפֿיט ער וועט פֿון דעם מאַכן...

* * *

דער מענטש, וואָס באַרעכנט זיך, האָט אַ גוטן סך־הכל אין חשבון...

* * *

דער פּראַקטישער מענטש קוקט אַלע מאָל אויף ביידע זייטן וועג, און ער געפֿינט שטענדיק אַ מיטל־פּונקט...

* * *

ווען דו דאַרפֿסט עפּעס מאַכן אין צייט, פֿאַנג אָן אין צייט, ווייל דער וואָס פּרובירט שטענדיק אָניאָגן די צייט — מאַכט קאַליע און — דער׳הרג׳עט אומזיסט צייט...

ווען עס וואָלט אין לעבן געווען גרינג צו קריגן יעדן פאַרגעניגן, וואָלט דער פאַרגעניגן פאַרלאָרן זיין גאָמען...

* * *

מיט נידערטרעכטיגקייטן קען מען זיך ניט דערשלאָגן צו גערעכטיגקייט...

* * *

דער גוטער מענטש האָט זיין מיטמענטש אין האַרצן און דער אוממענטש האָט אַלץ און אַלעמען אין דר׳ערד...

* * *

גוטע געדאַנקען מעג מען באַרגן ביי איינעם און זיך טיילן מיט אַ צווייטן . . .

* * *

דער אומגליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט איז דער, וואָס יאָגט זיך זיין גאַנץ לעבן נאָך גליק...

* * *

דער אמת גליקלעכער מענטש איז דער, וואָס קען העלפן אַנדערע אין אַן אומגליק...

* * *

די מאָס צווישן אַ ריכטיגן וועג און אַ פאַלשן, איז דער וועג — וואָס פירט ניט אַרונטער פון וועג...

* * *

טראַכט גוט איידער דו טוסט עפּעס, און ווען דו האָסט שוין געטאָן — טראַכט ווידער...

* * *

מיט שיינע רייד קען מען האַנדלען גראָב־יונגעריש, און מיט פּראָסטע ווערטער קען מען אויך אָנרירן די צאַרטסטע געפילן...

* * *

לייג צו דיין קאָפּ צום טראָט פון דיינע פיס, וועלן זיי גיין פאַר דיר, אָבער ניט פירן דיך...

* * *

די צייט אַליין קאָן גאָרניט אויפטאָן פאַרן מענטשן אָן קאַמף, אפילו דעם זייגער מוז מען אָנשטעלן צו וויסן די צייט...

* * *

אַ הויז אָן אַ דאַך איז ניט גאַנץ, מיט צעריסענע שיך איז שווער צו גיין אַ טאַנץ...

דער מענטש, וואָס פאַרנעמט זיך מיט אַ נאָדל, אַ טשוועקל, דאַרף אין אַ נויט ניט זוכן ערגעץ אַ ברעקל...

* * *

אויך אין קאַמף פאַר גערעכטיגקייט מוז מען זיין גערעכט...

* * *

דער וואָס רייסט שטיקער פון אַ ברויט, עסט אָן אַ מאָס. און — דער איז אַ שכור, וואָס ציילט ניט דעם כוס...

* * *

דער זשום פון דער בין דערמאָנט אָן האָניג־צייטן...

* * *

נוצט דעם קאָפ

איז דער קאָפ ביי אייך פאַרדרייט,
ווייס איז שוואַרץ און רויט איז גרין.
עפנט איר דאָס פלעשעלע —
און נעמט אָן אַספּירין.

פאַר די אויגן שווינדלט אייך,
אין מוח שטעכט ווי אַ זלידנע בין.
עפנט איר אַ פּעקעלע —
און כאַפּט אָן אַספּירין.

איז ביי אייך די קעשענע
פוסט, ווי לעבן אָן אַ זין.
עפנט איר דאָס קעסטעלע —
און שלינגט אָן אַספּירין.

נאָר דאַרפט איר ווילן וואו אַ וועג,
עס פירט: אַהער — אַהין?
עפנט אייער מוח אויף —
און פאַרגעסט פון אַספּירין...

* * *

הויך מיינט ניט גרויס, און שיין מיינט ניט פיין. עס איז אַ ווייטער מהלך, ווי פון אַרויס — ביז אַריין...

* * *

מענטשן בייטן אָפט זייערע פאַמיליע־נעמען, אָבער די נעמען טאַטע, מאַמע, קינד בלייבט אין דער פאַמיליע...

* * *

עס איז ניטאָ קיין ווידערשפּרוך אין דעם: ווען אַ ערלעכער פירער בייט ערלעך זיין מיינונג, ווי עס איז נאַטירלעך, אַז איינער זאָל בייטן זיין ווינטער־מאַנטל ווען עס קומט אָן פרילינג...

* * *

בייג ניט אַראָפּ דיין קאָפּ פאַר אַ דערהויבענעם, און — פאַררייס ניט דיין קאָפּ איבער אַ געפאַלענעם...

* * *

פאַר הענט וואָס האָבן ליב צו פּאַטשן, איז שווער צום צערטלען...

* * *

פאַראַן אַ צייט, ווען יעדע סעקונדע רעכנט זיך. ווען איר ציילט אַ מינוט, מוז דאָס האָבן זעכציק סעקונדן...

* * *

רייכע מעבל מאַכט ניט רייך קיין היים, פּונקט ווי טייערע קנעפּ אויף אַ בגד גיבן ניט צו קיין וואַרעמקייט...

* * *

דאָרט וואו אַ גנב דאַרף אויפברעכן שלעסער, קען די זון זיך אַריינגנב'ענען דורך אַ שפּאַלט...

* * *

געלט קען רעדן און געלט קען מאַכן צו הערן רעדן...

* * *

פאַר זינדיגע מענטשן איז שווער אַ צווייטן צו שטראָפן.
פאַר איבערגעפרעסענע — שווער צו שלאָפן...

* * *

אַקערט מען ערד דערמאָנט דאָס אָן ברויט, גראָבט מען אַ גרוב דערמאָנט דאָס אָן טויט...

* * *

אפילו דער טרוקענער דאָרן, האָט געבליט אין די יונגע יאָרן...

* * *

פאַר דעם שטיין איז ניט קיין אונטערשייד צי מ'מאַכט פון אים אַ פונדאַמענט, צי אַ מאָנומענט...

* * *

מעג אַ הויז זיין פול מיט צוקער, וועט דאָס נאָך אַלץ ניט מאַכן קיין זיסע היים...

* * *

אַ רויע פרי דאַרף מען ניט רייסן, און אַ קינד, וואָס מ'לערנט — דאַרף מען ניט שמייסן...

* * *

וואוינען אויף אַ הויכן שטאָק מיינט נאָך ניט דערהויבן, גלאָצן די אויגן צום הימל מיינט נאָך ניט קיין גלויבן...

* * *

אַ זיסע היים בויט מען ניט פון צוקער־ציגל...

דער קוימען פון הויז איז אַזוי שטאַרק, ווי דער פונדאַמענט האַלט אים אונטער...

* * *

וויפיל דער קוימען זאָל ניט אַרויסטאַרטשן איבערן דאַך, וועט ער אַלץ האָבן אַ פאַר'חושכ'טן פנים...

* * *

אַ הויז מיט אַ סך פענצטער איז נאָך ניט קיין גאַראַנטיע פאַר אַ ליכ־טיגן לעבן אינעווייניג...

* * *

מעג אַ שיינער מענטש אַריינקומען דורך אַ הינטער־טיר — וועט ער אַלץ זיין אויבן־אָן...

* * *

אַ סך טרעפּ אין אַ הויז ברענגט נאָך נישט קיין דערהויבענע מיינונג וועגן דער דירה...

* * *

ביי אַ גוטער באַלעבאָסטע שפּיגלט אַלץ אין קיך, און אַן אָפּגעלאָזענע קיך שפּיגלט אָפּ די באַלעבאָסטע...

* * *

רייכע כלים און פעטע עסנס גיבן נאָך ניט קיין באַגריף פון אַ זאַטער היים, וואָס איז רייך מיט לעבנס־פרייד...

* * *

יעדער מענטש, וואָס נוצט טעלער און לעפל, מעג זיי אויך וואַשן...

* * *

דער פאַרטוך פאַר קיך־אַרבעט, איז ניט קיין פרויען־מאָדע, עס פּאַסט אויך פאַרן מאַן...

* * *

דער מענטש, וואָס טוט אַריין אין שיסל ניט בלויז דעם לעפל, נאָר — אויך זיין נשמה, ביי דעם ווערט דער מאַרך אַ מאָגן...

* * *

אַ צו גרויסן ביסן איז שווער צו צעקייען, צופיל „טרינקען" איז שווער צו פאַרדייען...

* * *

ווען דו זיצסט מיט אַ סך מענטשן ביים טיש, לאָז ניט דיינע הענט שווימען ווי פיש...

מאַנכע מענטשן עסן לויטן אַפּעטיט, אַנדערע עסן לויט דער קעשענע, און — פאַראַן אויך אַזוינע וואָס עסן, ווייל זיי האָבן ניט וואָס צו טאָן...

* * *

גוטע שפּייז אויף אַ שמוציגן טיש, איז ווי טייערע פּערל אויף אַ ניט־געוואַשענעם האַלדז...

* * *

צווישן עסן און פרעסן איז אַ קלייניגקייט, ס'איז ווי צו ציילן פּאַר זיך פּופּצן אין אַ טוץ...

* * *

פאַראַן מענטשן, וואָס זיינען קאַליקע־בהמות — עס פעלט זיי נאָך צוויי פיס צו זיין אַ רעגעלע בהמה...

* * *

אַ סך מענטשן לעבן זיך אויס ווי די טייבעלעך, אָבער ניט צוליב דער כונה פון שלום, גיכער — צוליב פּירן פּאָטשטן...

* * *

פאַראַן געשעפטסלייט, וואָס זיינען ענלעך צו שנייעלעך אין אַ זאַווערוכע: ווען עס דרייט זיך — דרייט זיך, נאָר ווען זיי פאַלן — ווערן זיי בלאָטע צו־גלייך . . .

* * *

מלחמה־מאַכער זיינען גרייט אפילו צוליבן פאַררויכערן אַ ציגאַר — אָנצינדן אַ וועלט־פייער...

* * *

דאַכט זיך, אַ נול איז גאָרניט, אָבער אַז ער קריגט נאָך איינעם פּאַר אַ שותף, מוז מען זיך שוין מיט אים רעכענען...

* * *

אַ איינס, דאַכט זיך, איז איינס, אָדער ווי מ'זאָגט: „איינער איז קיי־נער". אָבער, אַז דער איינס האָט נעבן זיך אפילו בלויז נולן און ווערט זייער פירער — איז ער שוין אַ גאַנצער מיליאָנער...

* * *

וויפיל איר זאָלט ניט רעכענען אַ נול מיט אַ נול, וועט אַלץ גאָרניט אַרויסקומען...

* * *

ווען מ'דאַרף בויען אויף אַ שטיק לאַנד אַ היים, מוז מען אַמאָל פאַרניכטן אַ בוים, און אַז מ'דאַרף זעגן דעם בוים — פאַרזעט מען דעם נעסט אויף אים פון שטרוי און ליים...

אַ מענטש מיט זעלבסט־רעספּעקט וועט ניט וועלן אַלץ אַרונטערשלינ־גען, אפילו ווען ער איז הונגעריג...

* * *

צו געפינען וואַסער מוז מען זיך אַראָפּלאָזן צום אָפּגרונט...

* * *

אין קאַמף מיט צאָן־ווייטאָג מוז מען אַמאָל רייסן אַ צאָן, אָבער ניט אַלע מאָל דאַרף מען אים „באַשטראָפן" מיט אויסוואָרצלען אים פאַר שאַפן ווייטאָג...

* * *

קרעכצן איז ניט קיין מעדיצין פאַרן קראַנקן. עס איז אָבער אַ סיגנאַל־רוף צום געזונטן...

* * *

דער וואָס קען רייטן — קען אויך שמייסן...

* * *

אַ מענטש קען שלאָפן אויף צוויי ווייכע קישנס, דאָך ניט פילן אַזוי געשמאַק, ווי שלאָפן אויף דער אייגענער האַנט...

* * *

מיט געלט אין טייסטער ווערט יעדער גאָרניט אַ מייסטער...

* * *

דער וואָלקן פאַרציט זיך אַמאָל ווי אַ גרויער צודעק צווישן הימל און ערד, אָבער אַלע מאָל יאָוועט זיך אַ פריש ווינטעלע וואָס ווייזט — אַז דער הימל ליגט ניט אויף דער ערד...

* * *

פאַראַן מענטשן וואָס האַלטן אין איין זאָרגן פאַר'ן מאָרגן, און באַמערקן גאָרניט ווי דער הייגט ווערט אַ נעכטן...

* * *

ווען אַ מענטש פּרובירט עפּעס טאָן, דאַן וועט שוין עפּעס זיין...

* * *

גאָרניט טאָן איז אַ גרינגע אַרבעט, נאָר — עס קומט גאָרניט אַרויס דערפון...

* * *

אַ קנייטש אויף די הויזן איז נאָך ניט קיין צייכן פון עלעגאַנטקייט, ווי אַ קנייטש אויפ'ן שטערן — אַ צייכן פון טראַכטן...

* * *

אויך מענטשן מיט קליינע מיילעכלעך — קענען האָבן אַ גרויסן פּיסק...

מיט דעם וואָס עס ווערט כמורנע, מיינט ניט, אַז די זון האָט זיך אויס־געלאָשן...

* * *

יעדער מענטש מעג שטאָלצירן מיט זיין לשון, אָבער ניט מיט'ן מענה־לשון . . .

* * *

דער מענטש וואָס איז קלוג גענוג צו געבן זיך אַליין אַן עצה, איז ניט עלנט . . .

* * *

פאַראַן מענטשן וואָס שרעקן זיך אַזוי צו האָבן אַ פאַמיליע, אַז זיי ווערן אַ יאָך אויף אַ צווייטנס פאַמיליע...

* * *

די מענטשן וואָס זעען נאָר ביי יענעם גליק, זיינען אַליין שטענדיג אומ־גליקלעך . . .

* * *

ווען מענטשן וואָלטן אַזוי גערעכנט דאָס, וואָס עס פעלט זיי, ווי זיי רעכענען דאָס, וואָס יענער האָט, וואָלטן זיי געהאַט מער אייגנס און אַנדערע וואָלטן זיך מיט זיי גערעכנט...

* * *

פאַראַן מענטשן, וואָס אויסערלעך זיינען זיי שיין ווי בלומען, נאָר קומט איר מיט זיי אין באַרירונג דערפילט איר בלויז די שטעכעלקעס...

* * *

ווען איר גייט אויף טרעפּ, האַלט ניט די הענט אין קעשענעס — ס'איז ניט קיין שפּאַציר...

* * *

פּרוביר זיך ניט פאַרמעסטן מיט'ן טייוול אין ווייט פאָרן, וויל בלויז די לעבן־פאַרבליבענע וועלן וויסן ווי ווייט דו ביזט פאַרפאָרן...

* * *

פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן הנאה פון לעבן.
ווען זיי קאָנען פון זייער ביסל אויך אַנדערע געבן.
און — פאַראַן מענטשן וואָס ווייסן ניט פון זיך שעמען,
און וועלן ס'גאַנצע לעבן נאָר — לעבן פון נעמען...

* * *

די פרוי האָט זיך אַ סך באַפרייט פון אירע שקלאַפן־קייטן, אָבער אַ סך פון זיי האַלטן זיך נאָך אַלץ ביי די רינגען...

דער מאַן דאַרף זיין אַזאַ שותף צום געשיר־וואַשן, ווי צום עסן ביים טיש.

* * *

גליק איז אַ זאַך, וואָס אַלע ווינטשן זיך און קיינער ווייסט ניט, וואָס דאָס איז . . .

* * *

דאָרט וואו מאַן און פרוי קעמפן פאַר גלייכהייט אין לעבן, ווערן די קינדער דערצויגן אויף אַ גלייכן וועג...

* * *

מ׳זאָגט, אַז צווזאַגן און ליב האָבן קאָסט קיין געלט ניט, נאָר — פאַר אַן אָרעמאַן איז אפילו שווער דאָס באַווייזן...

* * *

ווען איינער גראָבט אַ גרוב פאַר יענעם, קריכט ער שוין מיט דעם אַליין אַריין אין גרוב דער ערשטער...

* * *

ווען איינער פּרובירט פאַרשיטן אַ צווייטן, איז ער אָבער גאָרניט זיכער, אַז אַ קליין זעמדעלע זאָל אים אַליין ניט געבן קיין פאַרשטאָכענע אויגן...

* * *

ווען איינער פּרובירט וואַרפן בלאָטע אויף אַ צווייטן, זעט מען שוין דערווײלע זיינע אומריינע הענט...

* * *

עס איז גרינג צו באַשמוצן אַן אומשולדיגן מענטשן, אָבער עס איז גאָרניט גרינג פאַר דעם באַשמוצער צו בלייבן ריין אין די אויגן פון מענטשן...

* * *

אַ שפּיאָן, גראַמט זיך מיט שפּיי אים אָן...

* * *

פאַראַן אַזעלכע פינצטערע מענטשן, וואָס באַנוצן מיטלען זיך צו באַלייכטן דורך אונטערצינדן אַ צווייטן...

* * *

ביים גריבלען זיך אין פאַרגאַנגענהייט, טאָר מען ניט פאַרגעסן די געגנוואַרט, וואָס ווערט מאָרגן ווידער אַ פאַרגאַנגענהייט...

* * *

אַ מענטש מוז האָבן צו אַלץ געדולד, אפילו — צו אומגעדולדיגקייט...

* * *

וויפיל אַ מענטש זאָל זיך ניט פוצן, וועט ער ניט זיין אַזוי שיין, ווי — ווען ער איז אַ מענטש...

אַ סך מאַנספאַרשוינען פּרובירן זיין פיינע לייט און גיבן זייער זיך־פלאַץ צו אַ פרוי, מיטן אויסרעכענונג, אַז — די פרוי זאָל ניט שטיין אויף אירע אייגענע פיס...

* * *

דער וואָס באַטראַכט זיך פאַר אַ חכם, ווייל ער איז דורך אַ צופאַל געוואָרן רייך, וועט אָן אַ צופאַל ווידער בלייבן אַ נאַר...

* * *

ווילסטו אַ מענטשן ניט באַרגן קיין געלט, וויל ער דיך ניט קענען; באַרגסטו אים און דו ווילסט דאָס אָפּקריגן — מאַכט ער זיך שויך, אַז ער קען דיך גאָרניט...

* * *

איך וואָלט ניט וועלן זיין קיין רייכער מאַן, זאָגט איינער, צוליב איין זאַך: ווייל אַ רייכער מאַן האַנדלט אָפט ווי אַ חזיר און מיט אַ חזיר איז שווער דורכצוקומען...

* * *

דאַכט זיך, אַז מענטשן דאַרפן זיין צופרידן מיט'ן נאָמען מענטש, און דאָך זיינען פאַראַן אַזעלכע, וואָס וועלן אָפטאָן דאָס ערגסטע צו זיין גראַדע אוממענטשן...

* * *

אַ מענטש, וואָס קויפט זיך אַ נאָמען דורך געלט, איז ווי איינער, וואָס פאַרקויפט זיך פאַר געלט...

* * *

אַ פיין צוגעגרייטער טיש צום עסן, איז ווי דער אַריינפיר פון גוטער מוזיק צו אַ פיינער פאָרשטעלונג...

* * *

דער וואָס כאַפּט ביי אַ טיש אַלץ וואָס עס זעט אויס גרעסער, ווערט מיט דעם אַליין זיצנדיג ביים טיש אַלץ קלענער...

* * *

בלאָז ניט אין די הייסע יויך, ווייל עס וועט זיך אַליין אויך אָפּקילן...

* * *

עסנדיג די סאַמע וואַרעמסטע מאכלים קאָן מען מיט שלעכטן טאַקט ביים טיש שאַפן אַ גאַנץ קאַלטע אַטמאָספערע...

* * *

פּרובירט ניט שטופּן דאָס עסן צו די געסט מיט געוואַלד, פאַרלאָזט זיך אויף זייער אַפּעטיט און געשמאַק...

פּרובירט ניט רימען אייערע געפילטע פיש פאַר די געסט, דער שטו־מער פיש, אַ געקאָכטער, וועט שוין רעדן פאַר זיך אַליין..

* * *

אַ קליינער גנב זיצט אונטער פאַרגראַטעוועטע פענצטער, גרויסע גנבים — זיצן אין די הויכע פענצטער...

* * *

ווען אַ קצב פון אַ כשר'ן פלייש־געשעפט גיט אַ פאַלשע וואָג, איז ער אַ אַ כשר'ער גנב...

* * *

ווער ס'איז אַ משומד אין האַרצן, דאַרף אים שוין קיינער ניט טרייבן צו שמד...

* * *

ווען אַ גנב נאַרט אָפּ זיין אייגענעם שותף, איז ער גלאַט אַ גנב. דער, ווידער, וואָס ברעכט אויף אַ קאַסע און געפינט אין איר גאַרנישט איז — אַן אָפּגענאַרטער, אַ גנב...

* * *

אַ קלוגער גנב איז ניט דער, וואָס קריכט צו יענעם אין קעשענע, אָדער דורך יענעמס פענצטער. אַ קלוגער איז אָבער דער, וואָס פאַרקויפט אייך אַ פלאַץ אויף יענער וועלט און מאָנט אויף דעם חוב מיט פּראָצענט אויף דער וועלט...

* * *

אין דער גרויסער וועלט פון ציוויליזאַציע דערזעט מען ערשט, ווי וויט מיר זיינען נאָך ניט ציוויליזירט...

* * *

כירורגיע איז ציוויליזאַציע, און דערשיסן אַ צווייטן מיט אַ ביקס — איז אויך „ציוויליזאַציע"...

* * *

די מענטשלעכע האַנט איז אַ גרויסער צייכן פון ציוויליזאַציע, פונדעסט־וועגן נוצט גאָפל און מעסער ביים עסן...

* * *

פונקט ווי דער מענטש קען אין ליכט פון דער זון פאַרגרעסערן זיין שאָטן, אַזוי קען ער אין ליכט פון שיינע טאַטן פאַרגרעסערן זיין איך אַלס מענטש . . .

* * *

אַ סך מענטשן לעבן ווי ווערים. זיי קאָנען אַלץ געניסן, נאָר פונדעסט־וועגן האָבן זיי ליב צו ליגן אין כריין און ווילן ניט וויסן פון בעסערס...

געוויסע דימפּלאָמאַטן קאָנען אָפּטאָן די מיאוסטע זאַך, און פאַרדעקן מיט זייער ראַפינירטער שפּראַך...

* * *

פאַר אַ שכור איז דער ביטערער טראָפּן זיס. און פאַר אַ מיאוס'ן מענטשן, איז קיין זאַך ניט מיאוס...

* * *

פאַראַן מענטשן וואָס צייכענען זיך ניט אויס מיט מאַטעמאַטיק — דאָך לעבן זיי מיט חשבון און רעכענען זיך מיט אַ צווייטן.

* * *

ווען איינער כאַפּט ביי אַ צווייטן דאָס היטל, איז עס נאָך ניט קיין באַ־וויז, אַז דער כאַפּער האָט אַ קאָפּ אויף זיך...

* * *

ברידער און שוועסטער זיינען ניט נאָר די וועלכע קומען פון איין טאַטע־מאַמע, נאָר — אויך די, וועלכע האָבן איין אידעאַל...

* * *

דער מענטש וואָס קען פאַרקויפן אויף פאַלשער וואָג, קען אויך זאָגן אויף נאַכט — עס איז טאָג...

* * *

די מאַמע ערד איז אַ לייכטע געווינערין, דערפאַר זיינען אָבער פאַראַן אַ סך וויינען פאַר'ן אָרימאַן, ווען ער דאַרף אָנקומען צו איר אויף קעסט...

* * *

ווען ס'איז ליכטיג, עס שיינט די זון, האָט דער מענטש אַ סך פריינט, אפילו ווען דער שאָטן שלעפּט זיך אים נאָך...

* * *

ווען אַ מענטש פאַררייסט זיין קאָפּ צו באַוואונדערן אַ שיינע הויכע גע־ביידע, דאַרף ער שטענדיג געדענקען, אַז יעדער ציגל איז דורכגעגאַנגען דעם אַרבעטער'ס האַנט, און יעדער פּלאַן דעם אַרבעטער'ס קאָפּ...

* * *

אין יעדער געביידע איז פאַראַן חוץ אייזן, ציגל, ליים און וואַסער — אויך דעם אַרבעטער'ס בלוט און שוויס...

* * *

דער ווינט קאָן אַראָפּרייסן דאָס היטל פון קאָפּ, ער קען דאָס אָבער קיינמאָל ניט אָנטאָן.

ווען מ׳קאָן קאָמבינירן פון דער יוגנט דעם כוח און פון דעם אַלטן דאָס וויסן, וואָלטן ביידע געקאָנט מער געניסן.

* * *

אַ פירער, וואָס פאַרדעקט קאָרופּציע, איז ווי אַ באַלעבאָסטע וואָס פאַרשאַרט דעם שמוץ אונטערן בעט.

* * *

ווען אַ היטל איז צו קליין איז נאָך ניט קיין באַוויז, אַז דער קאָפּ איז צו גרויס.

* * *

מענטשן וואָס אַרבעטן ביי זייף, דאַרפן אויך וואַשן זייערע הענט.

* * *

אַ פילאַנטראָפּ איז דער, וואָס העלפט באַשיצן דאָס לעבן פון טאַטע־מאַמע, אַז עס זאָל זיין וואָס ווייניגער יונגע יתומים..

* * *

אין קאַמף פאַר דיין מי
ניט ליג אויף די קני,
נאָר שטענדיג באַשטיי צו גיין —
און קיינמאָל — ניט אַליין . . .

* * *

צו געווינען פריינט, מוזטו איבוועסטירן פריינטשאַפט...

* * *

אויב דו האָסט ליב צו זיין אַ גאַסט ביי יענעם, זאָלסטו אויך ליב האָבן געסט ביי זיך אין דער היים . . .

* * *

פון טיילן זיך מיט פריינט דעם ביסן, האָט מען אין צווייען צו געניסן...

* * *

באַזוך ניט אַ פריינט בלויז צוליב זיין כיבוד (קיבעד), נאָר אויך, ווען עס איז אפילו לאיבוד...

* * *

צו פאַרטרייבן פריינט דאַרף מען קיין סך זיך ניט אָנשטרענגען...

* * *

דער וואָס נוצט אויס פריינטשאַפט פאַר פערזענלעכע צוועקן, שניידט זיך אָפּ דעם קאַלנער — אַ לעכל צו פאַרדעקן...

* * *

אַ פריינט אין אַ נויט איז ווי אין הונגער אַ ברויט...

גוט איז דעם קלוגן, וואָס ווייסט דעם אונטערשייד פון אַ חכמה ביז אַ נאַרישקייט; ווען דער נאַר וואָלט עס וויסן, וואָלט ער אויך געקאָנט זיין אַ חכם . . .

* * *

די וועלכע פראַוועז אין הויז יום־טוב איין מאָל אין אַ יובל, האָבן גע־וויס אַ לעבן ווי דער רוח מיטן טיוול...

* * *

אַ קלאָרער מענטש וועט זיך ניט אָפּהאַקן די פינגער צוליב שמוציגע נעגל...

* * *

דער מענטש וואָס טרינקט אַביסל יש (יאַש) צוליב אַ יש (יעש), מיינט דאָס טאַקע לחיים...

* * *

וואָסערדיגע ביכער האָבן אָפט דאָס מזל ווי מצה־וואַסער — מ׳כאַפּט דאָס . . .

* * *

אַ יונגע פרוי מיט אַן אַלטן מאַן, איז — ווי אַ זוניקער פרימאָרגן מיט אַ בין־השמשות...

* * *

מאַן און פרוי וואָס זיינען ניט פאַרבונדן מיט איין אידעאַל, איז ווי צו־נויפמישן עלעקטרישן שטראָם מיט וואַסער...

* * *

ניט די זעלביגע הויך פון מאַן און פרוי מאַכט זיי פאַר אַ גלייכע פּאָר, נאָר — דאָס קענען זיך פאַרגלייכן אין די פאַמיליע־פּראָבלעמען...

* * *

ווען טאַטע־מאַמע פאַרשטייען זיך מיט די קינדער איז אַ גוטער באַ־וויז, אַז זיי פאַרשטייען זיך אויך צווישן זיך...

* * *

ניט מעסט די ליבשאַפט פון מאַן און פרוי לויט זייער צעווערטלען זיך, נאָר — לויט זייער צערטלען זיך...

* * *

אין אַ שפּיגל קען אַ מענטש זיך אָפּשפּיגלען זיין פּנים — דאָס האַרץ קאָן זיך נאָר שפּיגלען פון מענטש צו מענטש...

* * *

פאַר דער חיה צו זיין אַ חיה קומט איר אָן זייער גרינג, אָבער ס׳איז היפּש שווערלעך פאַר׳ן מענטש צו זיין אַ מענטש...

אומצופרידנקייט איז די טרייב־קראַפט, וואָס דרייט די רעדער פון פּראָגרעס . . .

* * *

צו פאַרשווייגן אומגערעכטיגקייט, איז ווי פאַרבייגיין אַ הויז וואָס ברענט און ניט וועקן די שכנים זיך צו ראַטעווען...

* * *

יעדער מענטש דאַרף זיין ריין אָנגעטאָן, נאָר דער פּוץ אין די קליידער דאַרף זיין דער מענטש...

* * *

העלפן אַ פריינט אין ווייטעך, מיינט ניט קיין טובות. ניט וועלן באַצאָלן מעקט נאָך ניט אָפּ קיין חובות...

* * *

אַ מענטש וואָס לערנט בלויז פאַר זיך און גיט גאָרניט צו אַ צווייטן, איז ווי אַ גוטע קעכין וואָס קאָכט געשמאַקע זאַכן, און עסט דאָס אַלץ אַליין אויף...

* * *

דער לעבעדיגער וואָרים האָט מער ההנאה פון דעם ביטערן כריין, ווי דער געפילטער פיש...

* * *

אַלע אין דער פאַמיליע האָבן ליב קינדער, נאָר די געבורטס־ווייען מוז שטענדיג האָבן די מאַמע...

* * *

ווי איר זאָלט ניט בייטן דעם נאָמען פון קראָפּיווע, קיין בלום וועט דאָס אַלץ ניט ווערן...

* * *

פאַראַן גראָבע־יונגען, וואָס קאָנען קיין צוויי ניט ציילן און — זיי פּלאַפּלען טאַקע אָן אַ חשבון...

* * *

פּרוביר ניט נאָכלויפן א ווינט, ווייל דער ווינט אַליין ווייס ניט וואו עס וועט אים טראָגן...

* * *

ווען איר מוסר׳ט אַ צווייטן אין גוטן מוט — קאָן מען נאָך אַלץ בלייבן גוט . . .

* * *

צי ניט קיין יניקה פון פרעמדע קוואַלן, און הענג ניט קיין שלעסער אויף פרעמדע שטאַלן...

באַנוץ ניט קיין קללות, ווען עס פעלט דיר אַ וואָרט, און פאַרלאָטע ניט מיט שפּינוועב אַ לעבעדיקן אַרט...

* * *

פּרוביר ניט פאַרווישן דעם טעם פון צופיל זאַלץ, דורך אַריינטאָן אַ סך פעפער אָדער שמאַלץ...

* * *

אַ סך מענטשן גרייטן זיך אַזויפיל צום פאָרן אויף אָפּרו, אַז זיי קענען דערנאָך ניט קומען צו די כוחות...

* * *

טעלעוויזיע וואָלט געווען אַ גאַנץ פיינע זאַך, ווען דאָס זאָל ניט מאַכן אַ תל פון דער וויזיע...

* * *

דער וואָס האָט שלעסער צו היטן די טירן, דאַרף היטן — די שליסל ניט צו פאַרלירן...

* * *

צו דערגרייכן אַ שפּיץ באַרג דאַרף מען אַ סך כוח, נאָר ווען מ׳דער־גרייכט אים שוין בלייבט מען ערשט אָן כוחות...

* * *

ניט שלאָג זיך מיט אַ שוואַכערן, ווייל ס׳איז ניט שיין; און ניט שלאָג זיך מיט אַ שטאַרקערן, ווייל דו וועסט קריגן אין די ציין...

* * *

אָן איינפּאַכע ברעט האָט מער זיכערקייט אין אַ ים־שטורעם, ווי די בעסטע שווימענדיגע שיף...

* * *

פאַראַן רעדנער וואָס פירן זיך אויף ווי די זינגער. ווי נאָר זיי פאַר־ענדיגן רעדן און קריגן אַן אַפּלאָדז — דערלאַנגען זיי נאָך אַ רעדע פאַר אַן אַנקאָר...

* * *

אַ סך שרייבער זיינען געוואָרן קריטיקער, ווייל זיי האָבן אויסגעפונען, אַז עס איז פיל גרינגער אָנצושרייבן אַ שלעכטע קריטיק ווי אַ גוטע דער־ציילונג . . .

* * *

דער מענטש איז, אַפּנים, אַ געבוירענער פּלאַגיאַטאָר, ווייל שוין פון קינד־ווייז אָן איז דאָס אַ פּלאַג־יאַטל, וואָס פּרובירט נאָכטאָן דאָס וואָס די גרויסע טוען...

דער גוטער לייענער פון אַ קונסט־ווערק מוז אויך זיין אַ קינסטלער אַ לייענער...

* * *

ווען דו באַוואונדערסט אַ שיינעם הימל, גיב אויך אַכטונג ניט אַריינ־צוקריכן אין אַ בלאָטע אויף דער ערד.

* * *

דער שיין־געמאַכטער שוך, כאָטש ער ווערט געטראָטן מיט די פיס, איז אָבער געמאַכט געוואָרן פון גאָלדענע הענט.

* * *

אין אַ וואָרעמען שלום־עליכם פילט מען ניט נאָר די האַנט, נאָר אויך די וואָרעמקייט פון האַרץ...

* * *

מ׳קען טראָגן אַ בלום אין לאַץ — און דאָך זיין אַ פשוטער פּאַיאַץ...

* * *

די בהמה איז גאָרנישט אַזוי נאַריש, ווי מענטשן מיינען. אַ ליאַדע נאָר קען אָפּזאָגן מער נאַרישקייט אין איין טאָג, ווי די בהמה אין איר גאַנצן לעבן...

* * *

זיי צוגעבונדן צו פּריינט, אָבער לאָז זיך ניט בינדן פון פּיינט.

* * *

ווען אַ מענטש לעבט שטאַרק אויסגערעכנט, איז דאָס אָפּט דערפאַר, וואָס אים פעלט וואָס צו רעכענען.

* * *

זיי ניט מקנא אַ צווייטנס פאַרמעגן. ס׳איז זייער מעגלעך, אַז זיינע חובות זאָלן אַלץ איבערוועגן.

* * *

וואָס מער דער מענטש קוקט אַריין אין אַ גוטן בוך, אַלץ מער זעט ער די וועלט ווי זי איז.

* * *

מיט זיסע חלומות קען מען זיך ניט דערנערן און פון עסן מיט די אויגן — קען מען זאַט ניט ווערן.

* * *

פאַראַן מענטשן, וועלכע היטן זיך פון נעמען אַ בוך אין האַנט. זיי האָבן מורא, טאָמער וועט דער בוך זיי פאַראינטריגירן און זיי וועלן אים טאַקע דאַרפן איבערלייענען.

אַ רויער מענטש קען זיך אין אויוון ניט דערבאַקן, און פאַלשע ציין קענען קיין ניס ניט קנאַקן.

* * *

דער שטאַרקסטער קאָניאַק קאָן ניט העלפן אַ שוואַכן כאַראַקטער.

* * *

שלעכט איז מיט יענע פריינט, וואָס מ׳דאַרף זיי אויפהאַלטן ווי בלומען — מ׳מוז זיי שטענדיק „באַגיסן״.

* * *

אויב דער רינגל איז פון פאַלשן גאָלד, איז דער שטיינדל זיכער אַ פאַלשער דימענט...

* * *

ווען דו צעשניידסט אַ שטעקן מיט צוויי עקן אין דרייען — בלייבן אַלץ צוויי עקן ביים שטעקן...

* * *

אַ פערד ווערט ניט קליגער פון דעם, וואָס עס פירט וויסנשאַפטלעכע ביכער...

* * *

פאַר הינער־אויגן קען ניט העלפן קיין אויגן־גלעזער...

* * *

פאַראַן מענטשן, וואָס דרייען זיך אַרום איבער דער וועלט זוכנדיק אַ וועג, ווי אַזוי די וועלט זאָל זיך דרייען אַרום זיי...

* * *

צום באַדויערן קוקט מען אויף מענטשן, וועלכע שטעלן זיך אײן פאַר אַלעמען, ווי זיי וואָלטן זיין — „ניט מיט אַלעמען״...

* * *

די יורשים פון קאַרל מאַרקס קריגן אַ גוטן פּראָצענט פון זיין „קאַפּיטאַל״...

* * *

פאַראַן מענטשן וועלכע לערנען זיך צו דערגרייכן אַ העכערן שטאַפּל אין לעבן, ווען אַנדערע זוכן זיך דערהויבן דורכדעם, וואָס זיי ווילן אַ צווייטן אַראָפּוואַרפן אַ שטאַפּל נידעריגער...

* * *

מיט אַ שאַרפן ציגל קאָן מען נאָך ניט שניידן קיין ברויט...

* * *

פאַר אַ קינד איז ניט גוט זיך צו שפּילן מיט פייער, פאַר אַ נאַר — מיט ווערטער און פאַר שיטערע פינגער — מיט געלט...

אַ צונג פון אַ גלאָק קאָן ניט לעקן, און אַ געמאָלענע בלום קען מען ניט שמעקן...

* * *

דער ערלעכער פירער דינט דעם אַרבעטער, ווי די האַנט פון אַ די־ריגענט פירט אַן אָרקעסטער — ווייל אַ פאַלשער טאָן קאָן פירן שלעכטס צו טאָן...

* * *

ניט אויף ברויט אַליין קען מען לעבן. פאָדערט אויך מ׳זאָל אייך פו־טער געבן...

* * *

ניט בלויז מיט די הענט גיט דער מוזיקער לעבן דעם אינסטרומענט...

* * *

אידעאַליסטן פאַרשפּרייטן אָפט אַ גוטן געדאַנק, טראָץ דעם, וואָס זיי קריגן פאַר דעם גאָרניט קיין שיינעם דאַנק...

* * *

אַ רעגן־שירעם קען באַשיצן אין צוויי וועגן: דער שירעם — געגן רעגן, און דאָס הענטל — געגן בייזע הינט אויף די וועגן...

* * *

דער אָפּטימיסט ווייסט, אַז נאָכן רעגן וועט זיין זון־שיין, און דער פּעסימיסט ווייסט — אַז נאָכ׳ן זון־שיין דאַרף מען גיין שלאָפן...

* * *

אַ פערד בריקעט זיך מיט די פיס, אַ מענטש קען זיך אויך בריקן — מיט זיינע רייד...

* * *

דער דערהויבנסטער מענטש דאַרף אַמאָל צולייגן אַן אויער צו דער ערד...

* * *

ווי רייך אַ מענטש זאָל ניט זיין אין מיליאָנען, וועט ער נאָכ׳ן טויט אַלץ איינס עסן ניט קאָנען...

* * *

מענטשן גיבן אָן אין יחוס, אַז זיי האָבן שוין זייערע ציין אויפגעגעסן ביי דער אָדער יענער אַרבעט, נאָר — זיי פאַרגעסן צו זאָגן, צי זיי האָבן אויך די ציין פאַרדייעט?

* * *

מיט פרעמדע הענט איז גוט צו שאַרן הייסע קוילן, אָבער פּרובירט ניט זיין קיין קנאַקער מיט פרעמדע ציין...

קריכן אויף שיינע בערג וועט נישט העלפן „דערהויבן" אַ נידעריגן מענטשן . . .

* * *

בייטן די בלעטלעך פון דעם קאַלענדאַר, וועט ניט בייטן דעם וועטער...

* * *

אָפּט זיינען מענטשן אַזוי פאַרנומען מיט פאַרשפּרייטן אַ גוטן געדאַנק, אַז זיי אַליין האָבן אפילו קיין צייט ניט דאָס גוט אַריינגעמען אין געדאַנק...

* * *

ליב איז דער דרוק פון אַ פריינטלעכער האַנט, און ווי איז צו דעם, וואָס ווערט געדריקט פון אַ פיינט...

* * *

פלוידערן איז ניט פון די שיינע זאַכן; בלויז אַ פּאַפּוגאַי מאַכט דערפון אַ לעבן...

* * *

מ'קען פאַרציען דעם פּאַס אויף די הויזן, אָבער — דאָס קען דעם הונגער ניט לייזן...

* * *

וויפיל אַ שטורעם זאָל זיך ניט דרייען, וועט ער אַלץ צו קיין תכלית ניט קומען...

* * *

פראָסטע שטיקלעך גלאָז טראָגט מען ניט צום שאַצן...

* * *

אַ פרעמדער צאָן ווערט ניט איילעך און ניט פויל, אָבער שטענדיג פילט איר, אַז ער איז אַ פרעמדער אין מויל...

* * *

אַ באַלעבאַטישקייט אָן אַ באַלעבאָס — זעט אויס, ווי אַ פּנים אָן אַ נאָז...

* * *

ווען דער מענטש זאָל וויסן וויפיל עס איז ווערט דאָס ביסל געזונט וואָס ער האָט, וואָלט ער דאָס געהיט ווי אַ גוטן געבאָט...

* * *

ביי מאַנכע מענטשן איז דאָס היטל דער איינציגער סימן, אַז זיי האָבן אַ קאָפּ אויף זיך...

* * *

דער וואָס לאָזט אַראָפּ די הענט, האָט אויך ניט קיין קוראַזש צו שטיין אויף די אייגענע פיס...

אַן עקשן דאָמינירט, אַ וועגווייזער — פירט . . .

* * *

אַזוי קריכנדיג דערגרייכט אַ טשערעפּאַכע אַ הויכע עלטער...

* * *

דער בעסטער רייטער קאָן ניט צוריקכאַפּן דעם נעכטן...

* * *

אַ פריינט אין נויט איז ווי פאַר דעם הונגעריגן אַ ברויט...

* * *

מ׳קאָן זיך אויספּוצן אין אַ ווייסן קלייד, אָבער דערמיט איז מען נאָך ניט קיין כלה...

* * *

אידעאַליסטן קעמפן פאַר אַ גוטן געדאַנק, כאָטש אָפט קריגן זיי פאַר דעם גאָרנישט קיין שיינעם דאַנק...

* * *

בייטן די בלעטלעך אויפ׳ן קאַלענדאַר וועט ניט לייזן די פּראָבלעם פון צאָלן דירה־געלט...

* * *

פאַראַן אַזעלכע פינצטערע מענטשן, וואָס ווען אַלץ טאָן זיך אָנצווזען, אפילו דורך אונטערצינדן אַ צווייטן...

* * *

עס קומען מענטשן אויף רו אין אַ רעזאָרט־פּלאַץ און ווייסן ניט פון חשבון־הנפש. איבערהויפּט די נפשות, וואָס קאָנען באַווייזן צו לעבן אָן אַ חשבון...

* * *

מענטשן, וואָס מאַכן אַ לעבן, ניט אַריינטועענדיג אַ פינגער אין קאַלטן וואַסער, באָדן זיך אָפט אין שאַמפּאַניער...

* * *

ווילסטו רואיק שלאָפן, — פאַרגעס אַלץ וואָס האָט געטראָפן...

* * *

דער מענטש, וואָס זוכט אין אַ זומער־רעזאָרט זיין רו־פּלאַץ ביים קאָרטן־טיש, וועט קיין געזונט ניט „געווינען“...

* * *

ווען איר פאָרט אויף רו, קאָן אויך ניט שאַדן צו האָבן אַ ספּאָרט־פאַר־מעסט, אָבער ניט קיין פאַרמעסט — מיט דעם וואָס פרעסט...

* * *

פּרוביר ניט שווימען צו־וויט, אויב דו טראַכסט פון קומען צוריק...

דער, וואָס זוכט־אָפּ אַ שאָטן־פּלאַץ זיך אויסצובאַהאַלטן פון דער זון ביי אַ קאָרטן־טיש, ווערט מיט דער צייט אַליין ניט מער ווי אַ שאָטן...

* * *

דער, וואָס גייט שלאָפן אין צייט, איז ניט קיין פאַרשלאָפענער.

* * *

דער מענטש, וואָס שפּרינגט פון דער הויט — רייסט ניט די שיך — נאָר זיך...

* * *

מיטן גרעסטן טאָפּ קרעפּלעך, אין חלום, קאָן מען זיך ניט איבערעסן...

* * *

זיינס אַ קוקעלע — איז אַ געפאַר אָנצוקוקן...

* * *

ער איז אַזוי פּראָסט, ווי אַ ניט־געהובלטער ברעט מיט קרומע סענקעס...

* * *

ער האָט אַ שאַרף אויג, ווי אַ משגיח איבער ראַזיר־מעסערלעך...

* * *

ער האָט ליב צו עסן פאַר דריי, נאָר האָט פיינט צו בענטשן מזומן...

* * *

ער קוקט אין טעלער אַזוי פאַרטיפט, ווי אַ שטערן־זעער אין די הימלען...

* * *

ער האָט אים אויסגעריסן די אַרבל, אָבער ער איז אַלץ פאַרבליבן מיט אַ וועסט...

* * *

שיינע פאַנטאַזיעס קאָן מען גוט זען מיט פאַרמאַכטע אויגן...

* * *

אפילו דער פרילינג קאָן ניט אויפלעבן קיין פאַרפוילטע פלאַנצן...

* * *

אַ פלאַנץ, וואָס האָט לעבן אין זיך, ציט זיך שטענדיג צו דער זון...

* * *

דער רעגן קילט־אָפּ די היץ, און די היץ קאָכט־אָפּ דעם רעגן...

* * *

פאַר דעם מענטשן, וואָס טרינקט אָן אַ חשבון, חשבונ׳ט שוין דער שענקער . . .

* * *

די שענסטע קרעלן קאָנען אַ צעבראָכן האַרץ ניט פאַרשטעלן...

מיט אַ שטיקל אָרימען בלייפעדער קאָן מען אָנשרייבן אַ גאַנץ רייכע ציפער...

* * *

איין שטראָל דורכן פענצטער זאָגט־אָן, אַז ערגעץ שיינט שוין די פולע זון...

* * *

פרוביר ניט זיין קיין עלפאַנט און הער אויף דרייען מיט דער נאָז...

* * *

פישטשעט ווי אַ פויגל און פיקט ווי אַ וואָראָנע...

* * *

ער האָט אַ אָפענע האַנט — אויף צו פּאַטשן...

* * *

ער פליט אַריין מיט זיינע עלנבויגנס דאָרט וואו אַן אַנדערער וואָלט ניט אַריינגעפלויגן מיט פליגל...

* * *

ער מאַכט אַ פרום פּנים, ווי ער וואָלט זיין אַ מזוזה, כאַטש נעם און שלאָג אים אָן ביי דער טיר...

* * *

וואו צוויי — איז ער דער ערשטער...

* * *

אַ סאָרוועד קאָן האָבן אַ פינגער אין אַלעמענס „פּאַי“, אָבער ניט אַלע מאָל קאָן ער אים אָפּלעקן...

* * *

פאַר צייטיגע פרוכט, דאַרף מען צופיל ניט טרייסלען דעם בוים...

* * *

פאַראַן מענטשן וואָס האָבן קיינמאָל ניט קיין צייט, ווייל זיי קוקן קיינמאָל ניט אויפ׳ן זייגער...

כאַפּערס...

מיר לעבן אין אַ צייט פון כאַפּן:
איינער כאַפּט און אַ צווייטער נעמט.
ווער עס כאַפּט וואָס מער ניט אָפּן,
און ווער עס נעמט זיך אומפאַרשעמט.

איינער כאַפּט דעם ברעג פון ימיען,
אַ צווייטער כאַפּט־אַראָפּ פון שטייער.
ווער עס כאַפּט־אַריין זיך אַקציעס,
און ווער עס כאַפּט זיך פון אַ פייער.

פאַראַן אַזוינע, וואָס כאַפּן באַזעס
און ברענגען וועלט צו אַ בהלה...
ביז צום סוף פון זייער כאַפּן,
זיי וועלן כאַפּן — אַ מפּלה.

אַ פערד קאָן שלעפּן אַ גרויסן וואָגן, אָבער עפּעס אַרויפלייגן אויפן וואָגן — אפילו ניט אַ שטרוי...

* * *

דער שוסטער לייגט־צו גענוג קאָפּ צו זיין פּאַך, ניט־געקוקט דערויף, וואָס יעדער טרעט אויף זיין אַרבעט.

* * *

פון קויפן פּריינט ביז קריגן פּריינט איז דער אונטערשייד, וואָס געקויפטע — פאַרקויפן זיך...

* * *

די קרענק איז אַן אַנדערע, אָבער דער „אוי" איז דער זעלביגער...

* * *

אַ נאַר באַגרייפט אַמאָל אַליין ניט די חכמה, וואָס ער „שיסט" אַרויס, ווי אַ קינד, וואָס שפּילט זיך מיט אַ געלאָדענעם ביקס און ווייסט ניט, ווי אַזוי די ביקס האָט אויסגעשאָסן...

* * *

אַ שאַרף וואָרט, ווי אַ שאַרפער מעסער, קאָן אַמאָל געשאָפן ווערן פון איינעם, וואָס איז אַליין גאָרניט שאַרפזיניג.

* * *

אַ סך מענטשן פאָרן אַזוי ווילד מיט די אַטאָמאָבילן, ווי עס וואָלט זיי געגאַנגען אין לעבן צו געפינען דעם טויט...

* * *

דער קוימען, וואָס רויכערט אין דער לופטן, זאָגט אָן, אַז ערגעץ וואַרעמט מען אַ הויז...

* * *

קוק אויף ביידע זייטן, וועסטו גרינג געפינען דעם מיטן־וועג...

* * *

אויף די וועגן פון טראַנספּאָרטאַציע פאָרט מען אויף דער רעכטער זייט; אויפן וועג צום קאַמף — דאַרף מען גיין לינקס.

* * *

פֿאַרשפּילט אַ וואַקאַציע

(רעציטאַציע)

אַ גאַנצן „סיזן" אָפּגעפּינצטערט.
זיך קוים דערוואַרט אויף דער וואַקאַציע.
איינגעפּאַקט זיך אַלע „וויעסטשעס",
גרייט צו פֿאָרן פֿאַר קוראַציע . . .

פֿול די הענט מיט פּעקלעך גרויסע.
ביי דער זייט צוויי טשעמאָדאַנעס,
נאָר אין מויל ער פֿילט אַ טעם שוין
פֿון פֿויגל-מילך און מאַרצעפּאַנעס.

ענדלעך פֿאָרט ער שוין אויף אָפּרו,
און כאַטש עס טרייסלט די נשמה,
עס פּלאַצט געדולד, עס פּלאַצט אַ „טאַיער" —
דאָך דערוואַרט ער אַ נחמה.

נאָר אַז מ'לעבט, קאָן מען דערלעבן.
ער איז פֿאַרפֿאָרן אין האָטעלכל.
מ'נעמט אים אויף פֿון אַלע זייטן,
אויפ'ן „מאַיק" רופֿט אוים אַ קול'כל:

לאָזט די פּעקלעך אַלע שטיין דאָ,
קומט אַריין וואָס גיכער עסן!
נאָר אינמיטן — אַ בראָך: ער כאַפּט זיך,
אַ טשעמאָדאַן אין באָס פֿאַרגעסן.

לויפֿט מען נאָך דעם באָס צו כאַפּן,
באַלד עס ווערט דאָרט אַ טרעוואָגע,
דערווײַלע איז דאָס גאַנצע עסן
קאַלט געוואָרן ווי פּים-נאָגע.

אָפּגעגעסן, אָפּגעטרונקען,
קוועלט ער אָן פֿון דער וואַקאַציע.
שטעלט ער זיך אין „לאַין" צו וואַרטן
פֿאַר זיין צימער רעזערוואַציע.

ענדלעך קריגט ער שוין זיין צימער,
ווי פאַרזיכערט, ס'איז דער שענסטער,
נאָר אַ קלייגענקער חסרון —
ס'איז שווער צו עפענען די פענצטער.

נאָר ווי ניט איז, מ'האָט געעפנט.
האָט גענומען שלאָגן פון קיך אַ ריח . . . .
און אַ האַקמעסער מיט אַ מילכל
האָט גענומען קלאַפּן אים אין מוח :

היינט וועט זיין געהאַקטע לעבער,
געהאַקטע פיש און הייסע פּראַנקעס.
נאָר דערוויילע האַקט אין קאָפּ אים,
ווי מ'וואָלט אים האַקן באַנקעס.

טראַכט ער : זאָל די נאַכט נאָר קומען
וועט ניט זיין מער קיין גערודער,
פרי וועט ער זיך לייגן שלאָפן,
אויסצורוען די מידע גלידער.

און ווי געטראַכט, אַזוי אויך טוט ער :
צען אַזייגער ער ליגט אין בעטל.
נאָר אינמיטן טורקעט אים דער שכן :
קום אַראָפּ, עס וואַרט אַ „חטא'ל".

עס פעלט אַ האַנט צו אַ „מזומן",
ווינקט דער שכן מיט אַ מינע.
מ'שפּילט דאָרט פינאַקל און פּויקער,
אויך קאַנאַסטאַ און קאַסינאָ.

איז אַרויס פון בעטל, גלייך צום טישל.
מ'טיילט אויס קאָרטן יעדן איינעם.
נאָר געשפּילט זאָל זיין מיט חשבון,
ניט פאַרלירן די תחתונים.

איז ער ביים שפּיל אַזוי געזעסן,
ווי מיט שטריק שוין צוגעבונדן.
נאָר ביז ער האָט אַרומגעקוקט זיך,
איז ער אַרויס ווי אָפּגעשונדן.

אַוועק פאַרביטערט און פאַרשלאָפן,
מיט אַ פּנים פון אַ פּגר . . .
ווען ער איז אין בעט געפאַלן
האָט אויסגעקלונגען פינף דער זייגער.

זעקס אַזייגער קרייט דער האָן שוין
און זאָגט אָן, אַז עס איז מאָרגן.
פונקט זיבן האָט דער גלאָק געקלונגען
שטייט אויף מענטשן — אַ גוט־מאָרגן!

שלאָפט ער אָבער ווי גע'הרג'עט
(נו, יאָ, אַוודאי האָט איר געטראָפן),
ס'האָבן אַלע פרישטיק אָפּגעגעסן —
נאָר די „שפּילער״ אַלץ נאָך שלאָפן . . .

— — — — — — — — — — — — — —

אַזוי פערצן טעג זיינען פאַרפלויגן,
צע'פּטר'ט גאָלדענע צוויי וואָכן,
ביינאַכט געשפּילט, בייטאָג געשלאָפן.
און צום סוף — אַרויס געבראָכן . . .

אַהיים געפאָרן איז ער מיט שאַנדע,
שטאַרק פאַראומערט און מיט מורא.
ניט דערעסן, ניט דערבאַקן,
איינגעזונקען אין מרה שחורה.

געבראַכט אין הויז צוריק די פעקלעך,
נאָר ס'פעלט אים לופט, ער דאַרף קוראַציע.
פאַרלאָרן וואָג און — יעדע פעני
און האָט פאַרשפּילט אויך די וואַקאַציע . . .

אַ דאַנק

ביי דער געלעגנהייט וויל איך אויסדריקן אַ דאַנק צו דעם בוך־קאָמיטעט און צו די לייענער און פריינט אין ניו־יאָרק, ווי איבערן לאַנד, וועלכע האָבן מעגלעך געמאַכט די דערשיינונג פון אַט־דאָס בוך „אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט״, ווי אַ מתנה צו מיינע 40 יאָר שאַפן.

ניו יאָרק

אברהם קאלב (פאַרזיצער)
מאריס שניידערמאַן (סעק.)
טעסי בעלקין
שמואל און דבורה בעקער
ראובן בודאה
פיליפ גאָלדבערג
משה גארפין
משה גראָס
משה דוואָרקין
גאָלדע דוביצקי
לזכרון אברהם דוביצקי
לייבל האָפמאַן
סעם הייבער
אברהם ווייס
וואולף ווייס
ס. וויינער
אהרן זאלעטשין
יוסף אוןביילע טשאַרנאָווער
היימאַן טעמס
סאניא טשייקין
אָסקאַר לאַנדיס
מאַקס מאַנדעל
עליאַס מאַרקס
טש. נעמעראוו
ראַכיל סאלאמאַן
דר. מאַקס סילווער
סאל פאסיקאוו

איזי קאָרן
הערשל קעסלער
סערע קאָהן
ווm. קויפמאַן
מאַלי און דוד קאַפלאוו
דוד קעס
דזש. קאַבלענץ
ליליען און ה. רייבינס

איבערן לאַנד

חיה און משה אַקראַנט
שמואל און בלומע אמפער
נייטען אַפעל
אַדאָלף און מאַרטאַ ברענער
סעם און פרידא ברענער
ראוז באַראַן
סעם בליוואס
אסתר און איזי בעקער
מענדל בערנשטיין
מאַריס און חנה בין
נעדי און נייטען גאלוב
באריס און יעטאַ גורשטיין
לואיס גערשנזאָן
מאַניא און הערי דראַזין
שאול האָפמאַן
אַנאַ וויסמאַן (די מאַמע)
זלאַטע ווינשטיין
מ. זעלצמאַן
מר. און מרס. זאַלצמאַן

עליס און דזשעק טאָמאַס
דזשעני יאָפע
ג. לעדערמאַן
ראוז לעווין
סעם לעווין
עלי ליכטנשטיין
דר. ל. און ט. מייזאוו
יעקב און יהודית מייסטער
הערי מארגאליס
סאָפי נוגער
ראוז און אַלעקס נעמטזאוו
דוד סיימאָן
מאָריס סיטרין
פישל סטאַרקאָף
לואיס סילווערמאַן
חיים און בערטא עפשטיין
אסתר און יעקב ר. פעלדמאַן
טשאַרלז און חנה פרידמאַן
י. און ראוז פושקין
מ. פאַרבער
וועלוול און איידע קאַפלאַן
איידא קאנטער
פרידא קינג
סילוויע קאהן
באַרנעט קופער
אהרן און בעסי ראַטבלאַט
מערי און אייב ראָזען
איוואַ און שמואל שוואַרץ
ליבי שאַפּיראָ

קורצע אויסצוגן פון אַרטיקלען, וואָס קריטיקער און שרייבער זאָגן וועגן סעם ליפּצינ׳ס ביכער:

פּ. נאָוויק (פון זיין רעדע, 22טן מאַי, 1954):

. . . „דער וויכטיגסטער שטריך אין ליפּצינ׳ען איז, דאַכט זיך, דאָס וואָס ער איז אַ מענטש, וואָס קאָן ניט פאַרטראָגן קיין עוולות; וואָס נעמט זיך צום האַרצן, וואָס רעדט וועגן די עוולות — און שרייבט וועגן זיי אויף זיין שטייגער. אימיצער האָט געזאָגט, אַז ליפּצין איז „זעכציג אָבער ניט קרעכציג״, — בין איך ניט מסכים. אוי, קאָן ער קרעכצן! ניט וועגן זיך, — דאָס, האַלט ער, איז ניט קיינעמס עסק. אָבער ווען עס האַנדלט זיך וועגן עפּעס אַ זאַך, וואָס ער באַטראַכט ווי אַן עוולה, אָדער ווי אַ טעות, אָדער סתם עפּעס ניט אין אָרדענונג, וועט איר הערן פון אים. ליפּצין איז ניט קיין לייכטער לונג און לעבער. אים אַרן זאַכן; עס הערט אים ניט אויף צו אַרן: און ווען ער ווערט אָנגעלאָדן מיט אומרו — און ווען פּאַסירט עס דען ניט? נעמט ער זיך ווידער צום משל מיט׳ן נמשל, ווי מיט העכער פערציג יאָר צוריק אויף די סאָציאַליסטישע מיטינגען, אָדער צו די וויצן, צו די גראַמען, און אַלץ מיט אַ מיין, מיט אַ שטאָך, מיט אַ פּליעסקע פון פריידּ — און אַלץ מיט אַ ציל.

„ליפּצין איז, לויט מיין מיינונג, איבער אַלץ — אַן אינסטיטוציע. און דאָס איז אפשר די בעסטע באַצייכענונג פאַר אים. אַ קעמפער, אַ בויער, אַ שרייבער, אַ שניידער, אַ קעמ־פּיינער, אַ רעדנער, אַ געלט־זאַמלער (פאַר דער באַוועגונג), אַ פאַרלייענער, אַ פריילעך־מאַכער. און דאָס איז ווייט ניט אַלץ. ליפּצין איז אויך געשיכטע. זיין בוך „אַמאָל איז געווען״ איז איינער פון זיינע וויכטיקסטע ביכער, איז אַ גרויסער בייטראַג צו דער גע־שיכטע, צו דער אינטימער, מענטש־מענטשלעכער געשיכטע פון שאַפּ־אַרבעטער, זיינע ליידן און פריידן״.

ג. בוכוואַלד (אין אַ באַגריסונג־וואָרט, 22טן מאַי, 1954):

. . . „וואָס־זשע אַזוינס צוויבערט סעם ליפּצינ׳ס לייענער, ווען זיי לייענען זיינע ביכער צי פעליעטאָנען? דער סוד פון דעם צויבער קאָן אויסגעדריקט ווערן מיט׳ן זאגראַניטשנעם וואָרט אידענטיפיקאַציע. דער לייענער פילט זיך פון איין שטיק מיט׳ן שרייבער. ווען די טויזנטער ליפּצין־פּאַטריאָטן וואָלטן געקאָנט זיין שרייבער, וואָלטן זיי געשריבן אַקוראַט ווי ער שרייבט. נאָר אַזוי ווי זיי זיינען נישט קיין שרייבער, טוט ער דאָס פאַר זיי און לאָזט זיך זיי אויסלעבן אין זיינען זכרונות פון סוועט־שאַפּ, צי אין זיינע אַמכאָדיגע קאמענטאָרן אויף דעם אַרום.

„מיר איז אַנומלטן אויסגעקומען דורכצושטודירן סעם ליפּצינ׳ס בוך „אַמאָל איז געווען״ און כ׳האָב פון דאָרטן געגנאַשט עטלעכע פּראַכטפולע אַנעקדאָטן וועגן אַמאָליקן סוועט־שאַפּ און זיי איינגעגלידערט אין דעם טעקסט פון „קאָלאָמבוס׳עס מדינה״. נאָר דערביי האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז איך באַגיי אַ גרויסע עוולה קעגן סעם ליפּצינ׳ען, ווייל באַ־דאַרפט וואָלט מען ציטירן נישט צוויי אָדער דריי אַנעקדאָטן זיינע, נאָר דאָס גאַנצע בוך. און צו וואָס טאַקע זיך ברעכן דעם קאָפּ וועגן שאַפן אַ בילד פון יענער עפּאָכע, אַז ביי ליפּצינ׳ען קריגן מיר עס פאַרטיגערהייט — סיי אין אינהאַלט און סיי אין פאָלקישער פאָרם״.

בער גרין („מאָרגן־פרייהייט״, ניו־יאָרק, 16טן מאַי, 1954):

. . . „שרייבן איז ביי סעם ליפּצינ׳ען אַ טייל פון זיין לעבן־און־קאַמף, אַ טייל פון זיין אַרבעט פאַר דעם אַרבעטער־פאָלק. ער האָט אין זיינע ביכער פאַרצייכנט זיין לעבן און דאָס לעבן פון שאַפּ־אַרבעטער אַלערליי, „גרינע״ און „אויסגעגרינטע״, קלאַסן־באַוואוסטזיניגע און צוריקגעשטאַנענע. און — דאָס פאָלק האָט אים אָנערקענט און ליב־געקראָגן. דאָס

פאָלק האָט אויפגענומען זיינע ווערק מיט אַ גפּיל פון פרייד און שטאָלץ: עס איז דאָך עפּעס טאַקע אייגנער, וואָס איז בלוט פון אונזער בלוט און לייב פון אונזער לייב. און אין אַלץ וואָס ער האָט געשריבן האָט דער שניידער און שרייבער, אַ גייסטיג אייניקל פון מאָריס ראָזענפעלד, אַריינגעוועבט רויע שטיקער אידיש אַרבעטער־לעבן, שטיקער פון דער אידישער אימיגראַנטישער אַרעמשאַפט, טרערן און וויי, דורכגעפעדימט מיט מאָטיוון פון פּראָטעסט און קאַמף, דורכגעשטראַלט מיט האַרציגן, מחיה׳דיגן הומאָר. דורך זיינע פּיל־צאָליגע מעשה׳לעך, פּען־שטיפּעריין, מאָנאָלאָגן, פעליעטאָנען, דערציילונגען, רעציטאַציעס, לידער, משלים, איינאַקטערס, בילדער און בילדלעך האָט אונז ליפּצין, ערשטנס, געגעבן אין אַ גרויסער מאָס מעשה־שאַפ, און צווייטנס, האָט ער, דורך זיינע 21 ביכער און ביכ־לעך, אונז געגעבן אַ ברייט בילד, אַ פּאַנאָראַמע, פונ׳ם געשיכטלעכן וועג און וואוקס פון דער אידישער אַרבעטער־מאַסע, ווי אויך פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמע־ריקע. און געטאָן אַט דאָס אונזער יובילאַר ערלעך, געטריי צום לעבן, רעאַליסטיש, מיט טאַלאַנט, און מיט דער וויזיע פון אַ קעמפער, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט גלויבן אין סאָציאַלן יושר און אין דעם ענגילטיגן זיג פון פאָלק.

...„סעם ליפּצין איז געבענטשט מיט אַ זעלטענעם, נאַטירלעכן הומאָר פון וועלכן עס שטראַלט אַרויס דעם מחבר׳ס האַרציגע, וואַרעמע באַציאונג, זיין ליבשאַפט צו די אונ־טערדריקטע, געפּלאָגטע אַרבעטער־ברידער און שוועסטער.

„ליפּצין, וועלכער האָט נאָך אַ סך „צו זינגען און צו זאָגן”, האָט אויסגעאַרבעט זיין אייגענעם סטיל, און אַן אייגנאַרטיגן ליפּצינ׳ישן זשאַנר. ער איז אַ פאָלקס־זאָגער און ווערטל־זאָגער פון אַ הויכער מדרגה — בעל־פּה און בכתב.

א גאָסטראָליאָר (י. פריד), („מאָרגן־פרייהייט”, 21טן מאַי, 1954):

...„ווער קאָן זיך עס פאַרמעסטן מיט אַט־דעם ספּריטנעם, זשוואָוון און שפּרודלדיגן פּען־שטיפער, סעם ליפּצין, וואָס צילעוועט זיך אויף כמאַרעס און דערשיסט זיי אויף פּיצלעך מיט שראַפּנעלן פון הומאָר.

...„ליפּצין האָט אָן אַ שיער פאַרערער, און מיר דריגגען דערפון, אַז אפילו מיט שטאַרקסטן שפּאַקטיוו וועט איר צווישן זיי ניט געפינען קיין איין־איינציגן אַנטי־סעמ־יט. וועדליג די שטראָמען מזל־טוב׳ס וואָס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן פון אַלע עקן לאַנד צו די שוועלן פון בעל־שמחה (צו דעם זעכציגסטן געבוירנטאָג און פערציג יאָר שאַפן), ווייזט, אַז סעם ליפּצין און דאָס פאָלק זיינען איינס און דאָס זעלבע. אַ שענערער אַטעסטאַט פאַר אַ יובילאַר קאָן גאָרניט זיין”.

ר. יוקלסאָן („זאַמלונגען”, ניו־יאָרק, אַפּריל־יוני, 1954):

...„סעם ליפּצין פאַרמאָגט ניט נאָר שפּילעוודיגן הומאָר, נאָר אויך בייסיגע סאַטירע און שטעכיגן סאַרקאַזם, וואָס ער ווענדט אָן קעגן יענע, וואָס זיינען די סיבות פאַר דעם נויט, פּיין און ליידן פון דעם אַרבעטנדיגן מענטשן.

„ליפּצינ׳ס שרייבן איז אַ סינטעז פון הומאָר און אויפריכטיגקייט, פון שפּאַס און ערנסטקייט — מיט דעם אַקצענט אויף אויפריכטיגקייט און ערנסטקייט, וואָס קוועלן אַרויס פון קלאָרער אַרבעטער אידעאָלאָגיע, וואָס איז אַן אָרגאַנישער טייל פון זיין גאַנצן וועזן.

„איינער פון די וואונדערלעכסטע אייגנשאַפטן, וואָס סעם ליפּצין פאַרמאָגט, איז זיין באַאָבאַכטונגס־קראַפט און דאָס, וואָס ס׳פעלן אים קיינמאָל ניט אויס קיין טעמעס, וועגן וועלכע צו שרייבן. יעדע דערשיינונג, וואָס האָט אַ סאָציאַלן, פּאָליטישן אָדער קולטורעלן זינען, איז ביי ליפּצינ׳ען אַ טעמע, וועגן וועלכער ער האָט שטענדיג עפּעס צו זאָגן, אָדער באַמערקן. און דאָס וואָס ער זאָגט, אָדער באַמערקט, איז צייטיג, אַקטועל.

„אויף ליפּצינ׳ען וואָלט מען געקאָנט אָנווענדן מ. אַלגינ׳ס אַ טרעפלעכן אויסדרוק: „ס׳איז אַ טאַלאַנטפולע טעמע”. ניט נאָר פעלט ליפּצינ׳ען ניט קיין טעמעס (הלוואי אויף אַ סך אַנדערע שרייבער געזאָגט), נאָר ער אַליין איז אַן אינטערעסאַנטע טעמע”.